STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03272

# LUDVIG FEYERBAKH

Friedrich Engels

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לודוויג פייערבאַך

## און דער אויסלאָז פון דער קלאַסישער דייטשישער פילאָסאָפיע

פון

# פרידריך ענגעלס

**מיט אַ צוגאָב פון אַנדערע מאַטעריאַלן פון מאַרקסן און ענגעלסן וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם**

**איבערגעזעצט און אַן אַריינפיר פון**

**ש. ווינער**

אַרויסגעגעבן דורכן

**אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-פאַרבאַנד**

ניו יאָרק 1943

דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער רינג
קאָמיטעט האָט מיטגעהאָלפן צום
אַרויסגעבן דאָס בוך.

געדרוקט אין צוועלף
הונדערט עקזעמפּלאַרן.

# LUDWIG FEUERBACH

***AND THE OUTCOME OF CLASSICAL GERMAN PHILOSOPHY***

By FREDERICK ENGELS

***With an Appendix of Other Material of Marx and Engels relating to Dialectical Materialism.***

**Translated into Yiddish and an Introduction**
**By SAMUEL WIENER**

Published by the YCUF

**New York, 1943**

209

PRINTED IN THE U.S.A.

# אינהאלט:


א פאר ווערטער — משה כץ — 4

אריינפיר — ש. ווינער — 5

**לודוויג פייערבאך און דער אויסלאז**
**פון דער קלאסישער דייטשישער פילאסאפיע**
**פון פרידריך ענגעלס**

פארווארט — 9

I. פון העגעלן צו פייערבאכן — 11

II. אידעאליזם און מאטעריאליזם — 21

III. פייערבאכס פילאסאפיע פון רעליגיע און עטיק — 32

IV. דיאלעקטישער מאטעריאליזם — 40

**צוגאב:**

מארקס׳ טעזיסן איבער פייערבאכן — 58

אן אויסגעלאזטער פראגמענט פון „פייערבאך" — 62

קארל מארקס איבער דער געשיכטע פון פראנצויזישן מאטעריאליזם — 66

פרידריך ענגעלס וועגן דעם מאטעריאליזם און דער דיאלעקטיק
ביי מארקסן — 76

נאמען־רעגיסטער — 86

# א פאָר ווערטער צו דער ערשטער יידישער איבערזעצונג אין אמעריקע פון ענגעלס׳ „פייערבאך״

יידן האָבן ליב צו „פילאָסאָפירן״, אָבער עס איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין אַנדער קולטור־פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי ווייניק באַקאַנט מיט די וויסנשאַפטלעכע גרונט־פּרינציפּן פון פילאָסאָפיע, און מיר קענען זיך בשום אופן ניט באַרימען מיט קיין גרויסער צאָל קלאַסישע פילאָסאָפישע ווערק, וואָס זאָלן געשריבן, אָדער איבערגעזעצט ווערן אין יידיש.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט דאַרף באַגריסט ווערן די איניציאַטיוו פון שמואל ווינער, וועלכער האָט דורכגעמאַכט די גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון איבערזעצן דאָס קלאַסישע ווערק פון דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע, פרידריך ענגעלס׳ „לודוויג פייערבאַך און דער אויסלאָז פון דער קלאַסישער דייטשישער פילאָסאָפיע״.

דאָס דאָזיקע ווערק איז ניט קיין „פּאָפּולאַריזאַציע״ און מען קען וועגן אים בשום אופן ניט זאָגן, אַז עס „לייענט זיך ווי אַ ראָמאַן״, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין דער יידישער איבערזעצונג. אָבער דער לייענער, וואָס וועט זיך געבן די מי איבערצולייענען דאָס דאָזיקע גרונט־ווערק פון דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע, וועט באַקומען דערפאַר אַ זייער גרויסע גייסטיקע באַלוינונג: ניט נאָר וועט ער זיך ביים לייענען דאָס דאָזיקע ווערק געפינען אין דער געזעלשאַפט פון איינעם פון די ליכטיקסטע גייסטער פון דער מענטשהייט, פרידריך ענגעלס, נאָר ער וועט אויך באַקומען גענויע, פינקטלעכע באַגריפן וועגן דעם פּלאַץ פון פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם אין דעם מענטשלעכן דענקען, וועגן דער דיאַלעקטישער פילאָסאָפיע און פילאָסאָפישער דיאַלעקטיק, וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון דער לעבעדיקסטער פילאָסאָפיע פון אונדזער צייט, פון מאַרקסיזם.

פרידריך ענגעלס׳ „לודוויג פייערבאַך״ איז שוין אַרויס מיט דריי יאָר צוריק, אין יאָר 1940, אין אַ גוטער יידישער איבערזעצונג אין פאַרלאַג „דער עמעס״, אין מאָסקווע. אָבער קיין אַמעריקע זענען אָנגעקומען בלויז איינצלנע עקזעמפּלאַרן פון דעם ווערק און דאָס אַליין באַרעכטיקט שוין אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנער יידישע אויסגאַבע פון דעם ווערק. נאָר די אַמעריקאַנער אויסגאַבע, וואָס ש. ווינער האָט איבערגעזעצט און צוגעגרייט — אגב איז זיין איבערזעצונג שוין געווען פאַרטיק מיט אַ יאָר פינף צוריק, אין 1938 — האָט אַ רייע צוגאָבן, וועלכע מיר געפינען ניט אין דער סאָוועטישער אויסגאַבע. די דאָזיקע צוגאָבן, וואָס העלפן בעסער פאַרשטיין ענגעלס׳ ווערק, זענען אויסגערעכנט אין דעם איבערזעצערס אַריינפיר. דאָ וויל איך בלויז באַזונדער דערמאָנען די ווערטפולע לענגערע אָנמערקונג פון דעם איבערזעצער צו דעם ערשטן פון מאַרקס׳ אָנגעוואָרפענע „טעזיסן וועגן פייערבאַכן״. אין אויסדרוק אין דעם „טעזיס״ האָט אַרויסגערופן אַ סך מיספאַרשטייעניש און בייז־בלוט ביי מענטשן, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט מאַרקסן און האָבן זיך ניט געגעבן די מי פונאַנדער־צוקלייבן זיך וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אַזעלכע מענטשן האָבן צוליב אָט דעם אויסדרוק אַפילו געזוכט אויפצובלאָזן אַ בלוט־בלבול וועגן מאַרקס׳ בלומרשטן „אַנטיסעמיטיזם״. איז עס דעריבער אַ פאַרדינסט פון דעם איבער־זעצער, וואָס ער האָט זיך געגעבן די מי צו אויסזוכן דעם קוואַל פון דעם אויס־דרוק און האָט באַוויזן, אַז דער „אַנטיסעמיטישער״ אויסדרוק געהערט ניט מאַרקסן, נאָר פייערבאַכן, און אַז מאַרקס וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן אויסדרוק און דעם געדאַנק הינטער אים.

א ווערטפולע ביילאַגע צום ביכל איז אויך דער גענויער פילאָסאָפישער נאָמען־רעגיסטער, וואָס ש. ווינער האָט צוגעגעבן צו זיין אַרבעט. דער דאָזיקער רעגיסטער באַקענט דעם לייענער מיט אַ שטיק פון דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע.

**משה כץ**

# אַרײַנפיר

אין דעם דאַזיקן ווערק זיינעם „לודוויג פייערבאַך”, איינס פון די סאַמע לעצטע אַרבעטן זיינע, האָט ענגעלס אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם אַזוי בולט פּרעזענטירט די מאַרקסיסטישע פילאָסאָפיע, אַז עס ווערט מיט רעכט פאַררעכנט פאַר אַ קלאַסיש ווערק אויף אָט־דעם פעלד. אַלע פונדאַמענטאַלע פראַגן פונעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט דאָ ענגעלס סיסטעמאַטיש גערעקט אויף אַן אומפאַרגלייכלעך דורכזיכטיקן אופן. דער עצם און אויפגאַבע פון פילאָסאָפיע, דער תוך פון מאַטעריאַליזם, אַ קריטיק איבערן מעכאַנישן מאַטעריאַליזם, די עסענץ פון דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, די דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע דערקענטעניש־טעאָריע, דער אויפקום פון אידעאָלאָגיעס, די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע אַריינגערעכנט, דער באַדייט פון עטישע נאָרמען, אַ. אַז. וו. — אָט־די אַלע פּראָבלעמען, כאָטש באַהאַנדלט אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם, ווערט אָבער דאָך גאָרנישט געמינערט פונעם תוך זייערן.

דאָ קומט אויך אַריין ענגעלס' קלאַסישע פאָרמולירונג וועגן דעם, וואָס ס'איז אַזוינס מאַטעריאַליזם און וואָס אידעאַליזם. איינמאָל פאַר אַלעמאָל האָט דאָ ענגעלס לגמרי באַזייטיקט יענע אַלע מיסרעפּרעזענטאַציעס און פאַלסיפיקאַציעס בנוגע דעם, וואָס מאַרקסיסטן פאַרשטייען אונטער מאַטעריאַליזם, און אין וואָס פאַר אַ זין דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט דורך זיי באַנוצט. אינעם צווייטן פּאַראַגראַף פונעם צווייטן קאַפּיטל דערקלערט דאָ ענגעלס דעם דאָזיקן ענין אָט אַזוי:

„די פראַגע וועגן דער שייכות פונעם דענקען צום זיין, פונעם גייסט צו דער נאַטור — די העכסטע פראַגע אין דער גאָרער פילאָסאָפיע — האָט, נישט ווינציקער ווי יעדער רעליגיע, אירע וואָרצלען אין די שמאָלקעפּיקע און איגנאָראַנטע פאָרשטעלונגען פונעם ווילדן. אָבער אין איר פולער שאַרפקייט האָט זי ערשט געקענט אַוועקגעשטעלט ווערן, האָט זי ערשט געקענט איר גאַנצן באַדייט קריגן, נאָך דעם ערשט ווי די אייראַפעאישע מענטשהייט האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם לאַנגן ווינטערשלאָף פון קריסטלעכן מיטלאַלטער. די פראַגע וועגן דער שטעלונג פונעם דענקען צום זיין, אַ פראַגע וואָס האָט אַגב אויך אין דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, די פראַגע: וואָס איז דאָס פּרימערע [ד. ה., וואָס איז אויפגעקומען צום אַלעם ערשטן], גייסט צי נאַטור? — אָט די פראַגע ווערט דורך דער קירך צוגעשפּיצט צו אָט דעם: האָט גאָט די וועלט באַשאַפן, אָדער איז די וועלט דאָ פון אייביק אָן?

„לויט דעם ווי אָט די פראַגע איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרענטפערט געוואָרן, האָבן די פילאָסאָפן זיך געשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן. יענע וואָס האָבן אַפירמירט [באַשטעטיקט] די פּרימערקייט פונעם גייסט לגבי דער נאַטור און במילא שוין אין דער לעצטער אינסטאַנץ אָנגענומען אַ וועלט־באַשאַפונג אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן . . . האָבן צונויפגעשטעלט דעם אידעאַליסטישן לאַגער. די אַנדערע ווידער, וואָס האָבן געזען דאָס פּרימערע אין דער נאַטור, געהערן צו די פאַרשידענע שולן פון מאַטעריאַליזם.

„קיין שום אַנדער באַדייט ווי אַט דעם האָבן די ביידע אויסדרוקן, אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, לכתּחילה נישט געהאַט, און זיי ווערן אויך דאָ אין קיין שום אַנדער זין נישט באַנוצט.‟

מיט דעם ווערט דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך באַהאַנדלט די שייכות פון מאַרקסיזם צו העגעלן און פייערבאַכן, און די פראַגע וועגן אַגנאָסטיציזם.

די שייכות פון מאַרקסיזם צו העגעלן איז נישט בלויז אַ פראַגע, וואָס האָט צו טון מיט דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע. זי איז אייגנטלעך אַ סך מער ווי דאָס.

פון איין זייט האָבן די רעוויזיאָניסטן, מיט עדוואַרד בערנשטיין בראש, תמיד באַשולדיקט מאַרקסן, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די „נעצן פון דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק‟, און אַז ער האָט דעריבער נישט באַנומען די רעאַלקייט ווי זי איז, נאָר דורך די ברילן פון דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק, און אַז איבער דעם טאַקע, זאָגן זיי, איז ער געקומען צו די רעוואָלוציאָנערע רעזולטאַטן, וועלכע שטימען גאָר נישט מיט דער רעאַלקייט. דעריבער, האָבן זיי געטענהט, דאַרף מען דעם מאַרקסיזם אויסטון פון דער העגעליאַנישער אידעאַליסטישער דיאַלעקטיק.

פון דער צווייטער זייט איז די פילאָסאָפיע פונעם פאַשיזם — דער נעאָ־העגעליאַניזם, וועלכער זוכט אין זיין קאַמף קעגן מאַרקסיזם קינסטלעך אויפצולעבן די סאַמע רעאַקציאָנערסטע זייטן פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע. כּדי אָבער צו ראַטעווען העגעלן פון אומכּבוד, דורכן מינדסטן קאָנטאַקט זיינעם מיטן מאַרקסיזם, זענען זיי געצוווּנגען צו פאַרלייקענען אַ יעדן ליאַדע קאָנטאַקט צווישן מאַרקסן און העגעלן. זייער הויפּט־אַרגומענט איז אַזאַ: אַזוי ווי העגעל איז געווען דאָך אַן אידעאַליסט, און מאַרקס — אַ „רויער‟ מאַטעריאַליסט, טו ווי זשע קען געמאָלט זיין, אַז סע זאָל זיין עפּעס־וואָס געמיינשאַפטלעכס צווישן אַן אַבסאָליוטן אידעאַליסט און אַ ריינעם מאַטעריאַליסט?

אָט אַזוינאַך ווערט פון איין זייט פאַרלייקנט יעדע פאַרבינדונג צווישן מאַרקסן און העגעלן, בעת פון דער צווייטער זייט ווערט די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטישע מעטאָדע אידענטיפיצירט מיט העגעלן.

אויך איז די פראַגע בנוגע דער שייכות פון מאַרקסן צום דייטשישן פילאָסאָף לודוויג פייערבאַך נישט קיין ריין־היסטאָרישע פראַגע. נישט נאָר איז פייערבאַכס מאַטעריאַליזם בכלל געווען אַן אַבסטראַקטער, נאָר אויפן פעלד פון געשיכטע איז ער שוין גאָר אפילו קיין מאַטעריאַליסט נישט געווען — נאָר אַן אידעאַליסט.

מאַרקס און ענגעלס האָבן אָבער סוף־כּל־סוף גובר געווען סיי העגעלן סיי פייערבאַכן, וועלכע געהערן איצט ביידע שוין צו פאַרגאַנגענער געשיכטע. בשעת די דייטשישע בורזשואַזיע האָט זיך געגרייט צו דער רעוואָלוציע פון 1848, האָט העגעלס רעוואָלוציאָנערע פילאָסאָפיע אָנגעקינדיקט דעם פּאָליטישן צונויפברוך. פייערבאַך, ווידער, איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דער „פּראָגרעסיווער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, אָדער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע‟. סע האָט זיך אים „נישט איינגעגעבן צו פאַרשטיין‟ אפילו די רעוואָלוציע פון 1848. זיין „סאָציאַליזם‟ איז געווען אַן „אויפגעקלערטער אַטעיזם מיט אַ סאָציאַליסטישן אונטערשלאַק‟. (אָט די אַלע ציטאַטן וועגן פייערבאַכן זענען גענומען ביי לענינען.) אָקעגן אָבער זענען מאַרקס און ענגעלס געווען די רעפּ־

רעזונטאנטן פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַלע וואָרצלען פון העגעלס און פייערבאַכס פילאָסאָפיע פון איין זייט און מארקס' און ענגעלס' פון דער צווייטער זייט, ווייזן אָן באַשיימפערלעך קלאָר אויף דער פונדאַמענטאַלן און עסענציעלן חילוק צווישן די דאָזיקע דענקער.

דאָ אין אָט דעם ווערק זייַנעם „לודוויג פייערבאַך״ דערקלערט ענגעלס אויספירלעך מאַרקס', אַזוי גוט ווי זיין אייגענע, שייכות צו העגעלן און פייערבאַכן. ער ווייזט אָן דערויף, ווי דער העגעליאַניזם איז פריער געווען מארקס' און זיין אייגענער אויסגאַנג־פּונקט, און ווי זיי האָבן דערנאָך זיך מיטן העגעליאַניזם אָפּגעזעגנט. ער קריטיקירט ווייטער פייערבאַכס פילאָסאָפיע, כאָטש ער גיט אין דער אייגענער צייט אויך צו, אַז בשעת זייער שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד האָט אויף זיי פייערבאַך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס, און אַז ער שטעלט מיט זיך אין אַ געוויסן זין פאָר דעם מיטלסטן רינג אין דער קייט צווישן העגעלס פילאָסאָפיע און די קאָנצעפּציעס פון מארקס און ענגעלסן. (ענגעלס אין זיין פאָרוואָרט.)

לסוף דאַרף דאָ נאָך אין עטלעכע ווערטער בלויז אָנגעוויזן ווערן אויף ענגעלס' קרעפטיקער קריטיק איבערן קאַנטיאַניזם און יומיזם, ד. ה., איבערן אַגנאָסטיציזם, אַ קריטיק וואָס האָט ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרלוירן איר וויטאַליטעט. זענען דאָך אַלע די פילאָסאָפישע טענדענצן פון דער היינטיקער צייט, ווי אַ שטייגער פּראַגמאַטיזם, נעאָ־רעאַליזם, בעהייוויאָריזם, א. אנד., נישט מער אייגנטלעך ווי פאַרשידענערליי שאַטירונגען פונעם אַגנאָסטיציזם. וואָרעם אינעם תוך זייערן זענען זיי אַלע דאָך טיף פאַרוואָרצלט אין יומס פילאָסאָפיע.

להיפּוך דעם וולגאַר־מעכאַנישן מאַטעריאַליזם, איז דאָס דאָזיקע ווערק ענגעלס' אויסגעהאַלטן דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטיש פון אָנהייב ביזן סוף, און פאַרצוימט דעם וועג יעדער מינדסטער פּראָבע דעם מאַרקסיזם צו פאַרדרייען אין אידעאַליזם אָדער פּאָזיטיוויזם.

*

אחוץ דעם הויפּט־ווערק „לודוויג פייערבאַך״ פון ענגעלסן, קומען דאָ נאָך אַדיין ווי אַ צוגאָב עטלעכע אַרבעטן פון מאַרקס' און ענגעלס' שריפטן, דורך וועלכע די טעמע דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם קריגט אַ נאָך ברייטערע באַלייכטונג.

קודם־כל קומען מאַרקס' באַרימטע טעזיסן איבער פייערבאַכן, פון דעם יאָר 1845. אין זיין פאָרוואָרט צו „לודוויג פייערבאַך״ רעקאָמענדירט ענגעלס די דאָזיקע טעזיסן מאַרקס' מיט אָט די ווערטער: „דאָס זענען אין איילעניש אָנגעוואָרפענע נאָטיצן פאַר שפּעטערער באַאַרבעטונג, און אַבסאָליוט נישט באַשטימט צום דרוק, זיי זענען אָבער גאָר נישט אָפּצושאַצן ווי דער ערשטער דאָקומענט אין וועלכן סע איז אוועקגעלייגט געוואָרן דאָס געניאַלע קערנדל פונעם נייעם וועלטבליק.״

פונקט אַזוי געהערט אויך אַהער דער וויכטיקער פראַגמענט פון „פייערבאַך״ וועלכן מע האָט געפונען צווישן ענגעלס' איבערגעלאָזטע שריפטן נאָך זיין טויט.

פון אַ גאַר הויכער מדרגה איז דאָ מאַרקס׳ אַרבעט „איבער דער געשיכטע פון פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם". דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין דער „הייליקע פאַמיליע" האָט מאַרקס אַליין געשריבן. אינעם פאָרוואָרט צו זיין רוסישער „פייערבאַך"־איבערזעצונג (1892), דריקט זיך פּלעכאַנאָוו אויס וועגן דער דאָזיקער אַרבעט מאַרקס׳ מיט אָט די ווערטער: „דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז ענג פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ענגעלס זאָגט דאָ וועגן פייערבאַכן, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ גענוג פאַרענדיקטע גאַנצקייט. לויט דער רייכקייט פון געדאַנקען לאָזט עס ווייט־ווייט איבער הינטער זיך אַ גאַר היבשע צאָל זייטן פון לאַנגעס באַרימטן ווערק, אין וועלכן ער באַהאַנדלט דעם מאַטעריאַליזם פון דער נייער צייט. בפרט ווילן מיר דער לייענער זאָל נעמען אין אַכט מאַרקס׳ אָנווייז איבער דער פאַרבינדונג צווישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם פון ניינצנטן יאָרהונדערט און דעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם פון אַכצנטן יאָרהונדערט".

צום סוף קומט דאָ נאָך צו ענגעלס׳ אַ לענגערע אַרומרעדונג וועגן מאַרקס׳ „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" (1859), אין וועלכער ענגעלס ברענגט אַרויס אין אַ העכסט־אינסטרוקטיווער פאָרם דעם וועג פון העגעלן צו מאַרקסן.

*

די איבערזעצונג פון „פייערבאַך" (ווי אויך פון די אַנדערע אַרבעטן, וואָס גייען דאָ אַריין אין דעם בוך) איז געמאַכט געוואָרן פונעם דייטשישן אָריגינאַל. זי איז אויך פאַרגליכן געוואָרן מיט דער נייסטער, קאָרעקטער ענגלישער איבער־זעצונג פון „פייערבאַך" (אינטערנעשאָנאַל פּאַבלישערס, ניו יאָרק, 1935), און מיט אַ לעצטער רוסישער איבערזעצונג, וואָס דער מאַרקס־ענגעלס־לענין אינסיטוט אין מאָסקווע האָט אַרויסגעגעבן (1934).

אַלע די אילומינירנדיקע אָנמערקונגען, מיט וועלכע סע איז דאָ פאַרזען דער טעקסט פון ענגעלס׳ „פייערבאַך", זענען אַריבערגענומען פון דער דער־מאָנטער רוסישער אויסגאַבע, פונעם מאַרקס־ענגעלס־לענין אינסטיטוט. די לענגערע אָנמערקונג צום ערשטן פון מאַרקס׳ טעזיסן איבער פייערבאַכן איז פונעם איבערזעצער. אויך איז דער נאָמען־רעגיסטער ביים סוף פונעם בוך צונויפגעשטעלט געוואָרן פונעם איבערזעצער.

אַלע דאָס, וואָס ווערט דאָ אַריינגענומען צווישן קאַנטיקע קלאַמערן [ ], זענען דערגאַנצונגען און צוגאָבן פונעם איבערזעצער, כדי דעם טעקסט בעסער צו דערקלערן.

ניו־יאָרק, 1938. **ש. ווינער**

# פאָרוואָרט

אינעם אריינפיר צו זיין „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" (בערלין, 1859), דערציילט דאָרט קאַרל מאַרקס, ווי אַזוי מיר ביידע האָבן אין בריסל אין יאָר 1845 אינאיינעם גענומען זיך צום אויסאַרבעטן „דעם ווידעראַנאַנד צווישן אונדזער בליק" — די דורך מאַרקסן אויסגעאַרבעטע מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע פון געשיכטע — „און דעם אידעאָלאָגישן בליק פון דער דייטשישער פילאָסאָפיע, כדי זיך פּאַקטיש אָפּצורעכענען מיט אונדזער פריערדיקן פילאָסאָפישן געוויסן. דער דאָזיקער פּלאַן איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ קריטיק איבער דער נאָך־העגעלשער פילאָסאָפיע. ווען דער מאַנוסקריפּט, צוויי דיקע אָקטאַוואָ בענדער, איז שוין לאַנג געהאַט אָנגעקומען אין זיין פאַרלאַגס־אָרט אין וועסטפאַלען, האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז געביטענע אומשטענדן האָבן נישט דערלאָזט אים אָפּצודרוקן. האָבן מיר דעם מאַנוסקריפּט גאַנץ גערן איבערגעלאָזט צו דער גריזשענדיקער קריטיק פון די מייז, ווי נאָר מיר האָבן דערגרייכט אונדזער הויפּט־ציל — דאָס קלאָר ווערן אונדזערס פאַר זיך אַליין." *

פון דעמאָלט אָן זענען שוין פאַרלאָפן איבער פערציק יאָר, און מאַרקס איז געשטאָרבן, נישט מאַכנדיק זיך קיין איינעם פון אונדז די געלעגנהייט צוריק אומצוקערן זיך צו דעם דאָזיקן ענין. וועגן אונדזער באַציאונג צו העגעלן ** האָבן מיר אויף טייל ערטער זיך יאָ אַפילו אַרויסגעזאָגט, דאָך אָבער קיינמאָל נישט אין אַן אַרומנעמענדיקער צונויפגעבונדנקייט. צו פייערבאַכן אָבער, וועלכער פורעמט אין טייל באַציאונגען דעם מיטלסטן רינג צווישן דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע און אונדזער קאָנצעפּציע, האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט אומגעקערט.

פאַר דער צייט האָט דער מאַרקסיסטישער וועלט־בליק געפונען אָנהענגער ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד און אייראָפּע, און אין אַלע שפּראַכן פון דער ציוויליזירטער וועלט. פון דער צווייטער זייט לעבט איצט איבער די קלאַסישע דייטשישע פילאָסאָפיע אין אויסלאַנד, בפרט אין ענגלאַנד און סקאַנדינאַוויע, אַ מין ווידערגעבורט, און אַפילו אין דייטשלאַנד גופא הייבט אָפּנים אָן צו דער־

* דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט איז אין 1932 אינגאַנצן כמעט — אַחוץ עטלעכע פאַרלוירן־געגאַנגענע קאַפּיטלען — פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן מאַרקס־ענגעלס־לענין אינסטיטוט אין מאָסקווע, אונטערן טיטל „דייטשע אידעאָלאָגיע". איז אויך אין 1941 אַרויס אין אַמעריקע אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

** זע באַזונדערס מאַרקס' אויספיר וועגן העגעלס דיאַלעקטישער מעטאָדע אין פאַרגלייך מיט דער מאַרקסיסטישער, אינעם נאָכוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", ווי אויך ענגעלס' אַרומרעדונג אין זיין „אַנטי־דורינג".

עסן יענע בעטלערישע עקלעקטישע זופּ, וואָס ווערט דאָרט אין די אוניווערסיטעטן אויסגעלעפּלט אונטערן נאָמען פילאָסאָפיע.*

אונטער די אומשטענדן האָט זיך מיר אַלץ מער און מער אויסגעוויזן ווי נייטיק סע איז אַ קורצע, געבונדענע עקספּאָזיציע וועגן אונדזער באַציאונג צו דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע, אונדזער אָנהייב פון איר, אַזוי גוט ווי אונדזער איבערברייס מיט איר. און פּונקט אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דורך אַ פולער אָנערקענונג פון יענעם איינפלוס וואָס פייערבאַך האָט בעת אונדזער שטורעם- און דראַנג-פּעריאָד, מער פון איטלעך אַנדערן נאָך-העגעליאַנישן פילאָסאָף, געהאַט אויף אונדז, וועלן מיר אָפּצאָלן אונדזערן אַן ערן-חוב. איך האָב מיך דעריבער גערן אָנגעכאַפּט אין אַט דער געלעגנהייט, ווען די רעדאַקציע פון דער "Neue Zeit" האָט פאַרלאַנגט פון מיר אַ קריטישע ארומרעדונג איבער שטאַרקעס בוך וועגן פייערבאַכן. מיין אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין העפט 4 און 5 פון יענער צייטשריפט אין יאָר 1886, און גייט איצט אַרויס אין אַ באַזונדערן רעווידירטן אָפּדרוק.

פאַרן אָפּשיקן אַט די שורות צום דרוק, האָב איך דעם אַלטן מאַנוסקריפּט פון 1845-1846 נאָכאַמאָל אויפגעזוכט און אים דורכגעקוקט. דער טייל איבער פייערבאַכן איז דאָרט נישט פאַרענדיקט. דער פאַרטיקער טייל באַשטייט פון אַ פאָרמולירונג וועגן דער מאַטעריאַליסטישער קאָנצעפּציע פון געשיכטע, וואָס באַווייזט נאָר, ווי נישט פולקום סע זענען געווען נאָך אונדזערע דעמאָלטדיקע קענטענישן אין עקאָנאָמישער געשיכטע. די קריטיק איבער פייערבאַכס דאָקטרין גופא פעלט אין אים; פאַרן איצטיקן ציל טויג זיך עס דעריבער נישט אויס. דערפאַר אָבער האָב איך אין מאַרקס' אַן אַלטן העפט געפונען עלף טעזיסן איבער פייערבאַכן, וועלכע ווערן דאָ אָפּגעדרוקט ווי אַ צוגאָב. דאָס זענען אייליגע אָנגעוואָרפענע נאָטיצן פאַר שפּעטערער באַאַרבעטונג, און אַבסאָליוט נישט באַשטימט צום דרוק, זיי זענען אָבער גאָר נישט אָפּצושאַצן ווי דער ערשטער דאָקומענט, אין וועלכן סע איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דאָס געניאַלע קערנדל פונעם נייעם וועלט-בליק.

לאָנדאָן, פעברואַר 21, 1888.

**פרידריך ענגעלס**

* סע האָט דעמאָלט אין דייטשלאַנד געהאַלטן אין אויפבליען דער נעאָ-קאַנטיאַניזם.

# I

# פון העגעלן צו פייערבאַכן

דאָס פאַר אונדז ליגנדיקע ווערק * פירט אונדז צוריק צו אַ פּעריאָד, וואָס כאָטש לויט דער צייט נאָך ליגט ער הינטער אונדז נישט ווייטער אָפּגערוקט ווי אויף איין גאַנצן דור, איז ער אָבער דעם איצטיקן דור אין דייטשלאַנד אַזוי פרעמד געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט שוין אַ גאַנצן יאָרהונדערט אַלט געווען. און דאָך איז עס געווען דער פּעריאָד פון דייטשלאַנדס צוגרייטונג צו דער רעוואָלוציע פון 1848, און אַלץ דאָס, וואָס איז זינט דעמאָלט ביי אונדז פאָרגעקומען, איז נאָר דער המשך פון 1848, די דורכפירונג בלויז פון דער צוואה און טעסטאַמענט פון דער רעוואָלוציע.

פּונקט ווי אין פראַנקרייך אינעם אכצנטן יאָרהונדערט, אַזוי אויך איז אין דייטשלאַנד אינעם ניינצנטן יאָרהונדערט די פילאָסאָפישע רעוואָלוציע געווען אַן אַריינפיר צו דער פּאָליטישער איבערקערעניש. אָבער ווי פאַרשידן די ביידע [פילאָסאָפישע רעוואָלוציעס] האָבן אויסגעזען! די פראַנצויזן שטייען אין אָפענעם קאַמף מיט דער גאַנצער אָפיציעלער וויסנשאַפט, מיט דער קירך, אָפט אויך מיט דער מלוכה; זייערע שריפטן ווערן געדרוקט אויף יענער זייט גרענעץ, אין האָלאַנד אָדער ענגלאַנד, און זיי אַליין קומט דאָדורך גאַנץ אָפט אויס איינצוואַנדערן אין דער באַסטיל. אָקעגן אָבער, די דייטשן — פּראָפעסאָרן, פון דער מלוכה באַשטימטע לערער פאַר דער יוגנט, זייערע שריפטן אָנערקענטע לערנביכער, און דאָס פאַרענדיקטע סיסטעם פון דער גאַנצער [פילאָסאָפישער] אַנטוויקלונג, דאָס העגעליאַנישע סיסטעם, איז ביז אַ געוויסער מאָס אַפילו דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ קיניגלעך־פּרייסישער מלוכה־פילאָסאָפיע! און הינטער אָט די פּראָפעסאָרן, הינטער זייערע פּעדאַנטיש־טונקעלע ווערטער, אין זייערע אומגעלומפּערטע, נודנע פראַזן זאָל זיך עס די רעוואָלוציע האָבן באַהאַלטן? צי זענען דען נישט גראָד יענע לייט, וואָס האָבן זיך גערעכנט דעמאָלט פאַר די רעפּרעזענטאַנטן פון דער רעוואָלוציע, די ליבעראַלן, געווען די פאַרביסנסטע קעגנער פון אָט דער קאָפּ־צעטומלענדיקער פילאָסאָפיע? דאָס אָבער וואָס סיי די מלוכה, סיי די ליבעראַלן האָבן נישט געזען, אָט דאָס האָט שוין אין 1833 איין מענטש ווינציקסטנס יאָ געזען, און געהייסן האָט ער היינריך היינע.**

* Ludwig Feuerbach, by C. N. Starcke, Ph.D., Stuttgart, Ferd. Enke. 1885. (ענגעלס)

** ענגעלס האָט דאָ אינזינען די אַרטיקלען וועגן דייטשלאַנד פונעם באַרימטן דייטשישן פּאָעט היינע, אין וועלכע ער האָט פאַר די פראַנצויזן אויפגעקלערט די קולטור־געשיכטע פונעם דייטשישן פאָלק. ער טיילט זי איין אין דריי טיילן: 1) פאַר לוטערן; 2) נאָך לוטערן ביז קאַנטן; 3) פון קאַנטן ביז העגעלן. אין אָט די אַרטיקלען זיינע האָט ער געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער דייטשישער פילאָסאָפיע און די ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט. דאָרטן איז פאַראַן אָט דער באַרימטער זאַץ היינעס: „אונדזער פילאָסאָפישע רעוואָלוציע איז פאַרענדיקט. העגעל האָט איר גרויסן צירקל אָפּגעשלאָסן.“

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. קיין שום אַנדער פילאָסאָפישע הנחה האָט נישט אַרויסגערופן קיין גרעסערן דאַנק פון שמאָלקעפּיקע רעגירונגען און דעם צאָרן פון פּונקט אַזוינע שמאָלקעפּיקע ליבעראַלן, ווי העגעלס באַרימטע הנחה: „אַלץ וואָס איז רעאַל, איז שכלדיק, און אַלץ וואָס איז שכלדיק, איז רעאַל." איז דאָס בפירוש געווען דאָך אַ פאַרהייליקונג פון אַלצדינג וואָס עקזיסטירט, אַ פילאָ־סאָפישע ברכה דעם דעספּאָטיזם, דער פּאָליצייאישער מלוכה, אַדמיניסטראַטיווער יוסטיץ, צענזור. אָט אַזוי האָט עס פרידריך ווילהעלם דער דריטער * פאַר־שטאַנען, און אַזוי אויך זיינע אונטערטאַנען. ביי העגעלן אָבער איז בשום אופן נישט אַלץ וואָס עקזיסטירט אויך רעאַל, אָן שום ווייטערע קוואַליפיקאַציעס. דעם אַטריבוט ** פון רעאַלקייט פאַרמאָגט ביי אים נאָר דאָס, וואָס איז באַגלייך אויך נויטווענדיק: „אין איר אַנטוויקלונג ווייזט די רעאַלקייט אַרויס איר נויטווענדיקייט." אַבי וואָסער מלוכה־אַקט — העגעל אַליין ברענגט אַ משל וועגן אַ „געוויסער שטייער־רעגולאַציע" — אָן שום ווייטערע קוואַליפיקאַציעס איז פאַר אים דעריבער בשום אופן אויך נישט קיין רעאַלקייט. דאָס אָבער וואָס איז נויט־ווענדיק, ווייזט זיך אין דער לעצטער אינסטאַנץ אַרויס, אַז סע איז אויך שכלדיק, און אויף דער דעמאָלטדיקער פּרייסישער מלוכה אָנגעווענדט, מיינט בכן די העגעליאַנישע הנחה אָט דאָס בלויז: יענע מלוכה איז ראַציאָנאַל, איז אין הסכם מיטן שכל, אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי איז נויטווענדיק. און אויב זי זעט אונדז דאָך אויס שלעכט צו זיין, און זי עקזיסטירט פאָרט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז שלעכט, האָט די שלעכטקייט פון דער רעגירונג געפונען איר באַרעכטיקונג און דערקלערונג אין דער צונויפשטימיקער שלעכטקייט פון די אונטערטאַנען. די דעמאָלטדיקע פּרייסן האָבן געהאַט אַזאַ רעגירונג, ווי זיי האָבן פאַרדינט.

נו, איז לויט העגעלן נאָך די רעאַלקייט אָבער בשום אופן נישט קיין אַטריבוט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געגעבענעם סאָציאַלן אָדער פּאָליטישן סדר, אונטער אַלע אומשטענדן און פאַר אַלע ציטן. פאַרקערט גאָר, די רוימישע רעפּובליק איז געווען רעאַל, אָבער אויך די רוימישע אימפּעריע, וואָס האָט זי פאַרביטן, איז געווען רעאַל. די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע איז אין 1789 געוואָרן אַזוי אומרעאַל, ד. ה., אַזוי באַרויבט פון יעדער נויטווענדיקייט, אַזוי נישט שכלדיק, אַז זי האָט דורך דער גרויסער רעוואָלוציע, פון וועלכער העגעל האָט תמיד גערעדט מיט דער העכסטער באַגייסטערונג, געמוזט צעשטערט ווערן. אין אָט דעם פאַל איז דעריבער די מאָנאַרכיע געווען דאָס אומרעאַלע און די רעוואָלוציע דאָס רעאַלע. און אָט אַזוי ווערט אינעם גאַנג פון דער אַנט־וויקלונג אַלץ דאָס, וואָס איז פריער געווען רעאַל — אומרעאַל, און פאַרלירט זיין נויטווענדיקייט, זיין רעכט אויף עקזיסטענץ, זיין שכלדיקייט. אויפן אָרט פון דער אָפּשטאַרבנדיקער רעאַלקייט טרעט אויף אַ נייע לעבנס־פּייאיקע רעאַל־קייט — פרידלעך, אויב דאָס אַלטע איז גענוג פאַרשטענדיק אָפּצושטאַרבן אָן

* האָט געהערשט אין פּרייסן פון 1797 ביז 1840.

** אַ ט ר י ב ו ט — די אייגנשאַפט פון אַ זאַך, וואָס איז אומאָפּטיילבאַר פון דער זאַך, און איז אומצערייסבאַר מיט איר פאַרבונדן. למשל, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם האַלט באַוועגונג פאַר איינעם פון די גרונט־אַטריבוטן פון מאַטעריע: סע איז נישטאָ קיין מאַטעריע אָן קיין באַוועגונג.

אַ געראַנגל, — דורך געוואַלט, אויב זי שטעלט זיך אַקעגן דער דאָזיקער נויטווענדיקייט. און אַט אַזוי דרייט זיך די העגעליאַנישע הנחה גופא איבער דורך דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק אין איר [אייגענעם] היפוך: אַלץ דאָס, וואָס איז אין דער ספערע פון דער מענטשלעכער געשיכטע רעאַל, ווערט מיט דער צייט נישט שכלדיק, און איז דעריבער שוין לויט זיין דעטערמינירטקייט נאָך נישט שכלדיק, איז פון פריער נאָך מיט נישט שכלדיקייט באַהאַפטן, און אַלץ דאָס וואָס איז אין די מענטשלעכע מוחות שכלדיק, איז דעטערמינירט רעאַל צו ווערן, ווי שטאַרק דאָס זאָל נישט זיין אין קאָנטראַדיקציע צו דער באַשיימפּערלעך עקזיסטירנדיקער רעאַלקייט. די הנחה וועגן דער שכלדיקייט פון אַלעם דעם, וואָס איז רעאַל פאַרוואַנדלט זיך, לויט אַלע כללים נאָך פון דער העגעליאַנישער דענק־מעטאָדע, אין דער אַנדערער הנחה: אַלץ דאָס, וואָס עקזיסטירט, איז ווערט, סע זאָל אומקומען.*

אָבער דווקא אין דעם ליגט דער אמתער באַדייט און דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע (צו וועלכער מיר מוזן זיך דאָ באַגרענעצן, ווי צום אָפּשלוס פון דער גאַנצער [פילאָסאָפישער] באַוועגונג זינט קאַנטן), וואָס זי האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געגעבן אַ טויטקלאַפּ צו יעדן געדאַנק וועגן דער פינאַלקייט פון אַלע רעזולטאַטן פונעם מענטשלעכן דענקען און אַקטיוויקייט. דער אמת, וואָס דאַרף דערקענט ווערן אין דער פילאָסאָפיע, איז ביי העגעלן שוין נישט מער אַ זאַמלונג פון פאַרטיקע דאָגמאַטישע הנחות, וואָס ווי באַלד איינמאָל אויסגעפונען, דאַרף מען זיי בלויז אויסלערנען אויף אויסנווייניק. דער אמת איז איצט געלעגן אינעם פּראָצעס פון דער דערקענטעניש גופא, אין דער לאַנגער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, אויפהייבנדיק זיך פון דער נידער צו אַלץ העכערע שטאַפּלען פון דערקענטעניש, קיינמאָל אָבער נישט דערגרייכנדיק, דורכן אויסגעפינען אַן אַזוינערופענעם אַבסאָליוטן אמת**, אַזאַ פּונקט, פון וואַנעט זי קען מער ווייטער נישט גיין, און וואו סע בלייבט איר נישט מער איבער, ווי נאָר די הענט אויפן שויס אַנידערצולייגן און צו באַוואונדערן דעם אַבסאָליוטן אמת, צו וועלכן זי האָט זיך דערשלאָגן. און ווי אין דער ספערע פון פילאָסאָפיע, אַזוי אויך אין יעדער אַנדער דערקענטעניש, און אין דער ספערע פון פּראַקטישע מעשים. פּונקט אַזוי ווייניק ווי די דערקענטעניש, קאָן אויך די געשיכטע נישט געפינען איר פולשטענדיקע פאַרענדיקונג אין אַ פולקומען אידעאַלן צושטאַנד פון דער מענטשהייט; אַ פולקומע געזעלשאַפט, אַ פולקומע „מלוכה" זענען זאַכן וואָס קענען נאָר עקזיסטירן אין דער פאַנטאַזיע. פאַרקערט גאָר, אַלע היסטאָרישע צושטענדן, קומענדיק איינער נאָכן אַנדערן, זענען בלויז נאָר פאַראיבערגייענדיקע שטאַפּלען אינעם אומענדלעכן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון דער נידער צום העכערן. יעדער שטאַפּל איז נויטווענדיק, און איז דעריבער באַרעכטיקט פאַר דער צייט און באַדינגונגען, וואָס זיי האָט ער צו פאַרדאַנקען

* מעפיסטאָפעלס ווערטער אין געטהעס „פאַוסט": „אַלעס וואָס ענטסטעהט, איזט ווערט, דאַס עס צוגרונדע געהט."

** ענגעלס האָט דאָ אינזינען די מעטאַפיזישע קאָנצעפּציע וועגן אַבסאָליוטן אמת, ווי אַ פאַרענדיקטע, אויסשעפּנדיקע דערקענטעניש, אַן אומפאַרענדערלעכע פאַר אַלע צייטן.

זיין אויפסום. ער ווערט אָבער וואַקלדיק און אומבאַרעכטיקט לגבי די נייע און העכערע באַדינגונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך ביסלעכווייז אין זיין אייגענער שויס. ער מוז מאַכן אָרט פאַר אַ העכערן שטאַפּל, וואָס אויך אויף אים וועט קומען די רייע פאַר ירידה און אונטערגאַנג. פּונקט ווי די בורזשואַזיע האָט דורך דער גרויס־אינדוסטריע, קאָנקורענץ און דעם וועלט־מאַרק פּראַקטיש צעשטערט אַלע סטאַבילע, פון דורות פאַרהייליקטע אינסטיטוציעס, פּונקט אַזוי צע־שטערט די דאָזיקע דיאַלעקטישע פילאָסאָפיע אַלע פאַרשטעלונגען וועגן אַ פינאַלן אַבסאָליוטן אמת, און וועגן אַן אַבסאָליוטן צושטאַנד פון דער מענטשהייט, וואָס שטימט זיך צונויף מיט דעם דאָזיקן אַבסאָליוטן אמת. פאַר דער דיאַלעקטישער פילאָסאָפיע איז נישטאָ קיין שום פינאַלס, אַבסאָליוטס, הייליקס. פאַר אַלצדינג און אין אַלצדינג זעט זי אונטערגאַנג, און נישטאָ פאַר איר קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר דער אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון אויפקומען און פאַרגיין, דער אָן־אַ־סופיקער אויפשטייג פונעם נידעריקערן צום העכערן. זי אַליין [די דיאַלעקטישע פילאָסאָפיע] איז אַן אָפּשפּיגלונג בלויז פון אָט דעם פּראָצעס אינעם דענקענדיקן מאַרך. זי האָט אַן שום ספק אויך אַ קאָנסערוואַטיווע זייט: זי אַנערקענט די באַרעכטיקונג פון באַשטימטע דערקענטעניש־ און געזעלשאַפט־שטאַפּלען, וואָס שטימען מיט זייער צייט און זייערע אומשטענדן, אָבער נישט מער. דער קאָנסערוואַטיזם פון דעם דאָזיקן אָרט וועלט־בליק איז רעלאַטיוו, זיין רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער איז אַבסאָליוט — דאָס איינציקע אַבסאָליוטע, וואָס ער אַנערקענט.

מיר דאַרפן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דער פראַגע, צי אָט דער אָרט וועלט־בליק שטימט זיך לגמרי צונויף מיטן איצטיקן צושטאַנד פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, וועלכע זאָגט פאַראויס פאַר דער ערד אַ מעגלעכן סוף, און פאַר אירע באַוואוינער אַ גאַנץ זיכערן סוף, וואָס אַנערקענט אַזוינאָך, אַז אויך פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע וועט נישט נאָר אַן אַרויפגייענדיקער נאָר אויך אַן אַראָפּגייענדיקער צווייג זיין. יעדנפאַלס געפינען מיר זיך נאָך היפּשלעך ווייט פון יענעם קער־פּונקט, פון וואַנעט די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט וועט אָנהייבן גיין באַרג־אַראָפּ, און מיר קאָנען צו דער העגעלשער פילאָסאָפיע קיין טענות נישט האָבן, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אַן ענין, וואָס די נאַטורוויסנשאַפט האָט אין איר צייט נאָך אַפילו נישט געהאַט געשטעלט אויפן טאָג־אָרדענונג.

וואָס דאָ דאַרף אָבער פאַקטיש יאָ געזאָגט ווערן, איז אָט וואָס: די אַנט־וויקלונג [פון דער דיאַלעקטישער פילאָסאָפיע] ווי מיר האָבן זי דאָ פריער באַ־שריבן, איז אַ סך שאַרפער ווי ביי העגעלן. זי איז אַ נויטווענדיקער אויספיר פון זיין מעטאָדע, העגעל אַליין אָבער האָט דעם אויספיר נישט געמאַכט אַזוי בולט. און דאָס, צוליב דעם פּשוט, וואָס ער איז גענייט געוועזן צו שאַפן אַ סיסטעם, און לויטן טראַדיציאָנעלן נוסח נאָך, האָט אַ פילאָסאָפישע סיסטעם זיך געמוזט פאַרענדיקן מיטן אַן אַבסאָליוטן אמת פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער מין. דעריבער, ווי שטאַרק העגעל זאָל נישט האָבן באַטאָנט, בפרט אין זיין „לאָגיק", אַז אָט דער אייביקער אמת איז נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַ לאָגישער, ד. ה., דער היסטאָרישער פּראָצעס גופא, איז ער פונדעסטוועגן געווען גענייט דעם דאָזיקן פּראָצעס צו דערפירן ביז צו אַ סוף, וואָרעם ערגעץ־ווו

האָט ער דאָך מיט זיין סיסטעם געמוזט פאַרענדיקן. אין דער „לאָגיק" קאָן ער דעם דאָזיקן סוף ווידער מאַכן פאַר אַן אָנהייב, דערפאַר וואָס דער אויסגאַנגפונקט דאָרטן, די אַבסאָליוטע אידייע* — וואָס איז נאָר אויף אַזוי פיל אַבסאָליוט, אויף וויפיל ער ווייסט וועגן איר אַבסאָליוט גאָרנישט וואָס צו זאָגן — „פאַרדרויסנט" זיך, ד. ה., ווערט מגולגל אין נאַטור, און קומט שפּעטער ווידער צוריק צו זיך אַליין אינעם גייסט, ד. ה., אינעם דענקען און אין דער געשיכטע. ביים סוף אָבער פון זיין גאַנצער פילאָסאָפיע איז אַזאַ מין צוריקקער צום אָנהייב מעגלעך אויף איין וועג נאָר. און דאָס איז, דורך דעם, וואָס מע שטעלט זיך פאָר דעם סוף פון דער געשיכטע אָט אַזוי: די מענטשהייט איז צוגעקומען צו דער דערקענטעניש פון אָט דער אַבסאָליוטער אידייע, און מע דערקלערט, אַז אָט די דערקענטעניש פון דער אַבסאָליוטער אידייע איז דערגרייכט געוואָרן אין דער העגעלשער פילאָסאָפיע. אויף אָט אַזאַ אופן ווערט דער גאַנצער דאָגמאַטישער אינהאַלט פונעם העגעלשן סיסטעם דערקלערט פאַר אַן אַבסאָליוטן אמת, להיפוך צו זיין דיאַלעקטישער מעטאָדע, וועלכע וואַרפט אָפּ יעטווידע דאָגמאַטישקייט. דערמיט ווערט די רעוואָלוציאָנערע זייט דערשטיקט אונטער דער איבערגעוואָקסענער קאָנסערוואַטיווער זייט. און דאָס זעלבע וואָס קומט פאָר מיט דער פילאָסאָפישער דערקענטעניש, קומט אויך פאָר מיט דער היסטאָרישער פּראַקטיק. די מענטשהייט, וואָס איז אין העגעלס פּערזאָן דערגאַנגען צום אויסאַרבעטן אַן אַבסאָליוטע אידייע, האָט אויך אין דער פּראַקטיק שוין געמוזט האָבן געקומען אַזוי וויט, אַז זי זאָל אָט די אַבסאָליוטע אידייע קענען דורכפירן אין דער רעאַלקייט. די פּראַקטישע פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער אַבסאָליוטער אידייע צו די מענטשן פון דער געגעבענער צייט טאָרן זיך דעריבער נישט צו וויט אויסציען. און אָט אַזוי געפינען מיר צום סוף פון דער „רעכטס־פילאָסאָפיע", אַז די אַבסאָליוטע אידייע דאַרף זיך רעאַליזירן אין יענער מאָנאַרכיע, אַ באַזירטע אויף שטאַנדן, וועלכע פרידריך ווילהעלם דער דריטער האָט זיינע אונטערטאַנען אַזוי עקשנותדיק אָבער אָן שום האַפט צוגעזאָגט,** ד. ה., אין אַ באַגרענעצטער, געמעסיקטער, אומדירעקטער ממשלה פון די פאַרמעגנדיקע קלאַסן, צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטדיקע קליינבירגערלעכע קאָנדיציעס אין דייטשלאַנד. און דערביי ווערט נאָך דאָרט פאַר אונדז אויף אַ שפּעקולאַטיוון אופן דעמאָנסטרירט די נויטווענדיקייט פון דער פּריצימשאַפט.

די אינעווייניקסטע נויטווענדיקייטן פונעם סיסטעם זענען דעריבער אַליין שוין גענוג צו דערקלערן, פאַרוואָס אַזאַ דורך און דורך רעוואָלוציאָנערע דענקמעטאָדע האָט אַרויסגעבראַכט אַזאַ שטאַרק־געצוימטן פּאָליטישן אויספיר. די ספּעציפישע פאָרם פון אָט דעם אויספיר שטאַמט קודם כל דערפון, וואָס העגעל איז געווען אַ דייטש, און פּונקט ווי זיין צייט־חבר געטע, איז אויך אים פון הינטן נאָכגעהאָנגען אַ שטיק פיליסטערישער צאָפּ. געטע ווי העגעל זענען איטלעכער אין זיין ספערע געווען אַן אָלימפּישער צעאוס, אָבער פון דער דייטשישער פיליסטערישקייט זענען זיי ביידע נישט אינגאַנצן פריי געווען.

דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט פונדעסטוועגן דער העגעלשער פילאָסאָפיע

* אונטער אָט דער קאָנצעפּציע, באַהאַלט זיך ביי העגעלן די קאָנצעפּציע וועגן גאָט.

** כדי דאָס פאָלק צו באַגייסטערן פאַרן קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָנען — 1813 און 1815.

אַן אומפאַרגלייכלעך גרעסער פעלד אַרומצוכאַפּן ווי וואָסער סע איז פריערדיק סיסטעם, און אויף אַט דעם פעלד צו אַנטוויקלען אַזאַ עשירות פון געדאַנקען, פון וואָס מע ווערט נאָך היינט אַפילו געפּלעפט. פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט * (וואָס מע וואָלט געקענט אָנרופן אַ פּאַראַלעל פון דער עמבריאָלאָגיע און דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע פונעם גייסט, אַן אַנטוויקלונג פונעם אינדיווידועלן באַוווסטזיין דורך זיינע פאַרשידענע שטאַפּלען, גענומען ווי אַן אָפּגעקירצטע רעפּראָדוקציע פון די שטאַפּלען, וועלכע דער מענטשלעכער באַוווסטזיין איז היסטאָריש דורכגעגאַנגען), לאָגיק, נאַטור־פילאָסאָפיע, פילאָסאָפיע פונעם גייסט, און די לעצטע פונאַנדערגעאַרבעט ווידער אין אירע באַזונדערע היסטאָרישע אונטער־אָפּטיילונגען: פילאָסאָפיע פון געשיכטע, פון רעכט, פון רעליגיע, געשיכטע פון פילאָסאָפיע, עסטעטיק, א. אז. וו. — אויף אַט די אַלע פאַרשידענע היסטאָרישע פעלדער האָט העגעל געזוכט אויסצוגעפינען און צו דעמאָנסטרירן דעם פאָדעם פון דער אַנטוויקלונג, וואָס גייט דורך זיי אַדורך. און אַזוי ווי ער איז נישט נאָר אַ שעפערישער געני געווען, נאָר אויך אַ מאַן פון ענציקלאָפּעדישער געלערנטקייט, איז ער אומעטום, אין אַלע זיינע ווערק, געווען עפּאָכעמאַכנדיק.** פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דער נויטווענדיקייט פאַר „סיסטעמען" האָט ער גאַנץ אָפט געמוזט אָנקומען צו יענע פאַרגוואַלטיקנדיקע [טעאָרעטישע] קאָנסטרוקציעס, קעגן וועלכע זיינע קעגנערישע קאַרליקעס הייבן אויף נאָך היינט אַפילו אַזאַ מוראדיק געשריי. אָבער אַט די קאָנסטרוקציעס זענען נאָר די ראַמען און די רישטאָוואַניעס פון זיינע ווערק. פּטרט מען לעבן זיי נאָר קיין איבעריקע צייט נישט, נאָר מען דרינגט טיפער אַריין אין דעם גראַנדיעזן בנין, געפינט מען דעמאָלט אָן אַ שיעור אוצרות, וואָס האָבן אַפילו נאָך היינט נישט פאַרלוירן זייער פולע חשיבות. ביי אַלע פילאָסאָפן איז דווקא דאָס „סיסטעם" דאָס פאַראיבערגייענדיקע, און איינפאַך דערפאַר טאַקע, ווייל סע קומט־אויף אויס אַן אומפאַראיבערגייענדיק באַדערפעניש אינעם מענטשלעכן גייסט — דאָס באַדערפעניש גובר צו זיין אַלע קאָנטראַדיקציעס. וויבאַלד אַלע קאָנטראַדיקציעס וואָלטן אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַזייטיקט געוואָרן, וואָלטן מיר דאָך צום אַזויגערופענעם אַבסאָליוטן אמת צוגעקומען: די וועלט־געשיכטע וואָלט דעמאָלט זיך פאַרענדיקט, און געמוזט דאָך ווייטער אָנגיין, כאָטש סע וואָלט איר שוין מער גאָר נישט געבליבן וואָס צו טון — הכלל אַ נייע נישט־געלייזטע קאָנטראַדיקציע. אַזוי גיך אָבער ווי מיר האָבן איינמאָל איינגעזען — און קיינער האָט דאָך נאָך אַלעמען נישט מער פון העגעלן געהאָלפן אונדז דאָס איינצוזען — אַז אַזוי אוועקצושטעלן די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע [ד. ה., פאָדערן פון דער פילאָסאָפיע זי זאָל לייזן אַלע קאָנטראַדיקציעס], הייסט נישט מער, ווי די אויפגאַבע, אַז אַן איינצלנער פילאָסאָף זאָל אויפטון דאָס, וואָס נאָר די גאַנצע מענטשהייט אין איר פּראָגרעסירנדיקער אַנטוויקלונג קען אויפטון — אַזוי גיך ווי מיר זעען דאָס איין, נעמט אויך אַ סוף צו דער גאַנצער פילאָסאָפיע אינעם ביזאהעריקן זין פון דעם וואָרט. מע לאָזט לויפן דעם „אַבסאָליוטן אמת", וואָס

* דער נאָמען פון איינס פון העגעלס סאַמע וויכטיקסטע ווערק.

** אין אַ בריוו צו פ. א. לאַנגע אין יאָר 1865 פאַרענדיקט ענגעלס מיט אַט די ווערטער: „איך בין נאַטירלעך שוין מער קיין העגעליאַנער נישט, פיל נאָך אַלץ אָבער צו אים גרויס פּיעטעט און האַלט שטאַרק פון דעם אַלטן קאָלאָסאַלן קערל."

קען נישט אויף אַט דעם וועג און דורך איטלעך איינעם יחיד דערגרייכט ווערן, און מע יאָגט זיך אָנשטאָט דעם נאָך די צו דערגרייכנדיקע רעלאַטיווע אמתן, אויפן וועג פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, און צו דער סומירונג פון זייערע רעזולטאַטן דורך דער פאַרמיטלונג פונעם דיאַלעקטישן דענקען. מיט העגעלן פאַרענדיקט זיך בכלל די פילאָסאָפיע: פון איין זייט, ווייל ער האָט אין זיין סיסטעם אויפן גרויסאַרטיקסטן אופן צונויפגענומען איר גאַנצע אַנטוויקלונג, און פון דער צווייטער זייט, ווייל ער האָט אונדז, כאָטש אומבאַוווּסטזיניק אַפילו, געוויזן דעם וועג, וואָס פירט אַרויס פון דעם דאָזיקן לאַבירינט פון סיסטעמען צו אַ רעאַלן פּאָזיטיוון דערקענען די וועלט.

מע קען זיך פאָרשטעלן וואָסער אומגעהייערן עפעקט דאָס דאָזיקע סיסטעם העגעלס האָט געמוזט האָבן אין דייטשלאַנדס פילאָסאָפיש־באַפאַרבטער אַטמאָס־פערע. סע איז געווען אַ טריאומפאַלע פּראָצעסיע, וואָס האָט געדויערט צענדליקער יאָרן, און איז מיט העגעלס טויט כלל נישט געקומען צו קיין אָפּשטעל. פאַר־קערט גאָר, ערשט דווקא פון 1830 ביז 1840 קומט די „העגעלערייי” צו עקס־קלוסיווער הערשאַפט, וואָס שטעקט אַפילו מער אָדער מינער אָן זיינע קעגנער. גראָד אין אַט דער צייט דרינגען אריין די העגעלשע בליקן ווייט און ברייט, באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, אין די פאַרשידנסטע וויסנשאַפטן, און זאַפּן זיך אויך אַדורך דורך דער פּאָפּולערער ליטעראַטור און דער טאָג־פּרעסע, פון וועלכער דאָס דורכשניטלעך „געבילדעטע באַוווּסטזיין” שעפּט אַרויס שטאָף פאַר זיינע געדאַנקען. אָבער אַט דער נצחון אויפן גאַנצן פראָנט איז בלויז געווען אַ פאָרשפּיל צו אַן אינעווייניקסטן קאַמף.

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט העגעלס לערע, אינגאַנצן גענומען, געלאָזט איבערגענוג פּלאַץ פאַרן צונויפטרעפן זיך פון די פּראַקטישע בליקן פון די סאַמע פאַרשידנסטע פּאַרטייען. און פּראַקטיש זענען אין דעמאָלטדיקן דייטש־לאַנד געווען קודם־כל צוויי זאַכן: רעליגיע און פּאָליטיק. ווער סע האָט געלייגט דאָס הויפּטגעוויכט אויף העגעלס סיסטעם האָט געקענט גאַנץ נישקשהדיק קאָנ־סערוואַטיוו זיין אין ביידע ספערן [אי אין רעליגיע, אי אין פּאָליטיק]; דער ווידער וואָס האָט געזען דעם עיקר אין דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, אַט דער האָט געקענט סיי פּאָליטיש סיי רעליגיעז געהערן צו דער סאַמע עקסטרעמסטער אָפּאָזיציע. נישט קוקנדיק אויף די גאַנץ אָפטע אויסברוכן פון רעוואָלוציאָנערן צאָרן אין זיינע ווערק, איז העגעל אַליין, בכלל גענומען, געווען מער גענייגט צו דער קאָנסערוואַטיווער זייט. האָט דאָך אים זיין סיסטעם געקאָסט אַ סך מער „זויערע אַרבעט פונעם געדאַנק”, ווי זיין מעטאָדע. אַרום סוף דרייסיקער יאָרן טרעט אַלץ מער און מער אַרויס אין פראָנט די שפּאַלטונג אין זיין שולע. אין זיין קאַמף מיט די פּיעטיסטישע אָרטאָדאָקסן און פעאָדאַלע רעאַקציאָנערן האָט דער לינקער פליגל,* די אַזוי־גערופענע יונג־העגעליאַנער, אויפגעגעבן איין שטיק נאָכן אַנדערן פון יענער פילאָסאָפיש־אַריסטאָקראַטישער צוריקגעהאַלטנ־

* להיפוך צו די רעכטע העגעליאַנער, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די קאָנסערוואַטיווע בליקן און געשטיצט די אויטאָקראַטיע, די פּריווילעגירטע פּאָזיציע פון דער פּריציש־שאַפט און פון דער הערשנדיקער רעליגיע (פּראָטעסטאַנטיזם), האָבן די יונגע אָדער לינקע העגעליאַנער, מיט ברונאָ באַוער בראָש געשטרעבט צו מאַכן פון העגעלס פילאָ־סאָפיע אַטעיסטישע און רעוואָלוציאָנערע אויספירן.

קיים בנוגע די ברענענדיקע טאָג־פראַגן, צוליב וועלכן די רעגירונג האָט ביז דעמאָלט טאָלערירט זייער לערע און זי אַפילו פּראָטעזשירט. און ווען דער אָרטאָדאָקסישער פּיעטיזם און די אַבסאָלוטיסטיש־פעאָדאַלע רעאַקציע איז אין 1840 מיט פרידריך ווילהעלם דעם פערטן אַרויף אויפן טראָן, איז געוואָרן אומ־פאַרמיידלעך דאָס אָפענע שטעלן זיך אויף דער זייט פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. דער קאַמף ווערט נאָך געפירט מיט פילאָסאָפישע כלי־זיין, אָבער נישט מער פאַר אַבסטראַקטע פילאָסאָפישע צילן. סע גייט דירעקט שוין אין דער צעשטערונג פון דער געירשנטער רעליגיע און פון דער עקזיסטירנדיקער מלוכה. און כאָטש די „דויטשע יאַרביכער" האָבן נאָך די פּראַקטישע ענדצילן דער עיקר אַרויסגעבראַכט אין פילאָסאָפישער פאַרקליידונג, אַנטפּלעקט זיך אָבער די יונג־העגעליאַנישע שולע אין דער „ריינישע צייטונג" פון 1842 * דירעקט ווי די פילאָסאָפיע פון דער אויפשטייגנדיקער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע, און נוצט דאָס פילאָסאָפישע מענטעלע נאָר כדי אָפּצונאַרן די צענזור.

פּאָליטיק איז אָבער דעמאָלט געווען אַ זייער דערנערדיק פעלד, איז דעריבער דער הויפּט־קאַמף געפירט געוואָרן קעגן רעליגיע; דער דאָזיקער קאַמף, בפרט זינט 1840, איז אומדירעקט אויך אַ פּאָליטישער קאַמף געווען. שטראַוס' „דאָס לעבן פון יעזוס", אַרויס אין 1835, האָט דעם ערשטן שטויס געגעבן. אַנטקעגן דער טעאָריע, וואָס ווערט דאָרטן אַנטוויקלט וועגן דער אויספורעמונג פון די עוואַנגעלישע מיטאָסן, טרעט שפּעטער ברונאָ באַוער אַרויס מיטן אויפווייז, אַז אַ גאַנצע רייע עוואַנגעלישע מעשׂות זענען דורך די מחברים אַליין פאַבריצירט געוואָרן. די מחלוקה צווישן זיי ביידע איז אונטער אַ פילאָסאָפישן שלייער געפירט געוואָרן ווי אַ קאַמף צווישן „זעלבסטבאַוווסטזיין" און „סובסטאַנץ".** די פראַגע וועגן דעם צי די עוואַנגעלישע מעשׂות וועגן מופתים זענען אויפ־געקומען דורך אומבאַוווסטזיניקער טראַדיציאָנעל־מיטאָלאָגישער שאַפונג אינעם שויס פון דער געמיינדע אָדער זענען פאַבריצירט געוואָרן דורך די עוואַנגעליסטן

* די „דויטשע יאַרביכער", אַ זשורנאַל, וואָס סע האָבן אין לייפּציג אַרויסגעגעבן די לינקע העגעליאַנער, א. רוגע און ט. עכטערמייער, אין 1838-1843. די „ריינישע צייטונג", 1842-1843, איז געווען דער אָרגאַן פון דער ריינישער ליבעראַלער בור־זשואַזיע. קאַרל מאַרקס איז געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטער אין דער „ריינישע צייטונג". פון אָקטאָבער 1842 ביזן סוף פון יענעם יאָר איז מאַרקס געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. סוף מערץ 1843 האָט די פּרייסישע פּאָליציי אונטערגעדריקט די צייטונג פאַר איר ראַדיקאַלן כאַראַקטער.

** שטראַוס האָט אין זיין בוך געשילדערט יעזוסן ווי אַ זייער וויכטיקע היס־טאָרישע פיגור און נישט ווי אַ גאָט. די עוואַנגעלישע מעשׂיות האָט שטראַוס באַטראַכט ווי מיטאָסן, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט אין די קריסטלעכע געמיינדעס. אָט אַזוי האָט שטראַוס זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די מעשׂיות זענען וווּזט אויס אויפ־געקומען אומבאַוווסטזיניק. באַוער, קריטיקירנדיק שטראַוסן, האָט אים שטאַרק אויפ־געוואָרפן הלמאי ער האָט דעם באַוווסטזיין נישט אָפּגעגעבן זיין געהעריק אָרט. לויט באַוערס מיינונג נאָך, זענען די עוואַנגעלישע מעשׂיות „אין היסטאָרישן פּראָצעס פון זייער אויספורעמען זיך דורכגעגאַנגען דורכן באַוווסטזיין פון די מענטשן, וואָס האָבן זיי אומיסטנע פאַרפאַסט צוליב דעם אָדער יענעם רעליגיעזן צוועק" (ג. פּלעכאַנאָוו). דער „זעלבסטבאַוווסטזיין", וואָס די יונג־העגעליאַנער האָבן אַרויסגערוקט צום פּראָנט, האָט אָפּגעשפּיגלט דעם זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער בור־זשואַזער אינטעליגענציע אין דייטשלאַנד אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

גופא, איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן צו דער פראַגע וועגן דעם, וואָס סע איז די אַנטשיידנדיקע ווירקנדיקע קראַפט אין דער וועלט־געשיכטע: די „סובסטאַנץ" צי דאָס „זעלבסטבאַוווּסטזיין". צום סוף איז געקומען שטירנער, דער נביא פונעם היינטיקן אַנאַרכיזם — באַקונין האָט ביי אים זייער פיל גענומען — און האָט דאָס סוּווערענע „זעלבסטבאַוווּסטזיין" פאַרשפּיצט דורך זיין סוּווערענעם „איינציקן".*

מיר וועלן זיך ווייטער נישט פאַרנעמען מער מיט דער דאָזיקער זייט פונעם צעפאַלונג־פּראָצעס אין דער העגעליאַנישער שול. וויכטיקער פאַר אונדז איז אָט וואָס: די מאַסע פון די אַנטשיידנסטע יונג־העגעליאַנער זענען דורך דער פּראַקטישער נויטווענדיקייט פון זייער קאַמף קעגן דער פּאָזיטיווער רעליגיע גע־טריבן געוואָרן צום ענגליש־פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם.** און אָט דאָ זענען זיי געקומען אין קאָנפליקט מיטן סיסטעם פון זייער שול. בעת דער מאַטעריאַליזם באַנעמט די נאַטור ווי די איינציקע רעאַלקייט, ווערט די נאַטור אינעם העגעל־יאַנישן סיסטעם פאַרגעשטעלט ווי דאָס „פאַרדרויסענען" זיך בלויז פון דער אַבסאָליוטער אידייע, עפּעס ווי אַ מין דעגראַדירונג פון דער אידייע. אונטער אַלע אומשטענדן איז דאָ [אינעם העגעלשן סיסטעם] דאָס דענקען און דער פּראָדוקט פונעם דענקען, די אידייע — דאָס פּרימערע, די נאַטור — דער פּראָדוקט [פון דער אידייע], וואָס עקזיסטירט בכלל נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די אידייע האָט אַראָפּגענידערט. און אין אָט דער קאָנטראַדיקציע האָבן זיי [די יונג־העגעליאַנער] זיך געפּלאָנטערט אַזוי גוט אָדער אַזוי שלעכט ווי זיי האָבן נאָר געקענט.

אָט דעמאָלט איז געקומען פייערבאַכס „וועזן פונעם קריסטנטום". מיט איין קלאַפּ האָט ער צעשטויבט די קאָנטראַדיקציע, דערמיט וואָס ער האָט ווידער אָן שום דריידלעך דעם מאַטעריאַליזם צוריק אַרויפגעזעצט אויפן טראָן. די נאַטור עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון אַ וואָסערער סע איז פילאָסאָפיע. זי איז דער יסוד אויף וועלכן מיר, מענטשן, אַליין נאַטור־פּראָדוקטן, זענען אויסגעוואַקסן. אויסער דער נאַטור און די מענטשן עקזיסטירט גאָרנישט, און די העכערע וועזנס, באַשאַפענע דורך אונדזער רעליגיעזער פאַנטאַזיע, זענען בלויז די פאַנטאַסטישע אָפּשפּיגלונג פון אונדזער אייגענער עסענץ.

דער חרם איז געבראָכן געוואָרן. דאָס סיסטעם האָט עקספּלאָדירט און איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אין אַ זייט, און די קאָנטראַדיקציע, וואָס האָט עקזיסטירט

* ענגעלס האָט דאָ אין זינען מאַקס שטירנערס (דער פּסעוודאָנים פון קאַספּאַר שמידט, 1806—1856) „דער איינציקער און זיין אייגנטום", וואָס איז אַרויס אין 1845. מאַרקס און ענגעלס האָבן דאָס ווערק געקריטיקירט אין זייער „דייטשע אידעאָלאָגיע".

** אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד און אין אַכצנטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך האָט זיך, אין פאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פונעם בורזשואַזן פּראָדוציר־אופן אין אָט די צוויי לענדער, אַנטוויקלט די נאַטור-וויסנשאַפט און די מאַטעריאַליס-טישע פילאָסאָפיע. (בעיקאָן, האָבס, לאָק און אַנד. זענען געווען רעפּרעזענטאַנטן פונעם ענגלישן מאַטעריאַליזם). אין פראַנקרייך האָבן די מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפן פונעם אַכצענטן יאָרהונדערט (דידראָ, העלוועציוס, האָלבאַך א. אַנד.) — רעפּרעזענטאַנטן פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע — געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף אַקעגן „קנעכטשאַפט אין אינסטיטוציעס און אידייען", באַנוצנדיק זיך מיט די לעקציעס פון דער ענגלישער רעוואָלוציע, און זענען געווען די נאָכפאָלגער און דער המשך פונעם ענגלישן מאַטעריאַליזם אין דער פילאָסאָפיע.

אין דער פאנטאזיע בלויז, האט זיך אויפגעלייזט. דעם באפרייענדיקן עפעקט פון אט דעם בוך האט מען אליין געמוזט האבן דורכגעלעבט, כדי זיך דאס פארצושטעלן. די באגייסטערונג איז געווען אלגעמיין: אלע זענען מיר מאמענטאל געווארן פייערבאכיאנער. מיט וואסער התלהבות מארקס האט די נייע קאנצעפציע באגריסט און ווי שטארק ער איז פון איר באאיינפלוסט געווארן — נישט קוקנדיק אויף אלע זיינע קריטישע רעזערוואציעס — קען מען לייענען אין דער „הייליגע פאמיליע".*

אפילו די חסרונות פון [פייערבאכס] בוך האבן מיטגעהאלפן צו זיין דעמאלטדיקער ווירקונג. זיין בעלעטריסטישער, ערטערווייז אפילו מליצהדיקער, סטיל, האט פאר אים געזיכערט א גרויסן עולם לייענער, און איז בכלל געווען א דערקוויקונג נאך לאנגע יארן פון אבסטראקטער און שווערוואגיקער העגעלעריי. דאס אייגענע קען אויך געזאגט ווערן וועגן זיין איבערגעטריבענער פארגעטערונג פון דער ליבע, וואס כאטש מע קען פאר איר קיין שום בארעכטיקונג נישט געפינען, וואלט מען אים אבער, מחמת דער אומדערטרעגלעך געווארענער סוווערעניטעט פונעם „ריינעם דענקען", געקענט דאס מוחל זיין. וואס מיר דארפן אבער יא נישט פארגעסן, איז דאס, וואס גראד צו אט דיביידע שוואכקייטן פייערבאכס האט זיך צוגעטשעפעט דער „אמתער סאציאליזם", וואס האט זיך זינט 1844 פארשפרייט ווי א מגפה אינעם „געבילדעטן" דייטשלאנד, אוועקשטעלנדיק די בעלעטריסטישע פראזע אויפן ארט פון וויסנשאפטלעכער פארשונג, די באפרייאונג פון דער מענטשהייט דורך דער פארמיטלונג פון דער „ליבע" אויפן ארט פונעם פראלעטאריאטס עמאנציפאציע דורך דער עקאנאמישער טראנספארמירונג פון דער פראדוקציע — בקיצור, פארלירנדיק זיך אין חלשותדיקער בעלעטריסטיק און ליבע-פלאפלעריי, וואס איז געווען אזוי טיפיש פארן הער קארל גרין.**

וואס נאך מע דארף דא נישט פארגעסן איז אט וואס: די העגעליאנישע שול איז זיך צעפאלן טאקע, די קריטיק האט אבער נאך די העגעלשע פילאסאפיע נישט געהאט בייגעקומען. שטראוס און באוער האבן איטלעכער פון זיי גענומען

* דער פולער טיטל פון מארקס און ענגעלס בוך איז: „די הייליגע פאמיליע אדער קריטיק דער קריטישן קריטיק, געגן ברונא באוער און קאמפאניע". „די הייליגע פאמיליע איז א חוזקדיקער צונאמען פאר די ברידער באוער, די פילאסאפן, און פאר זייערע אנהענגער. די דאזיקע הערן האבן געפרידיקט קריטיציזם, וואס שטייט איבער יעדער רעאלקייט, איבער פארטייען און פאליטיק, אפווארפנדיק יעדע פראקטישע אקטיווקייט, און בלויז 'קריטיש' נאכטראכטנדיק וועגן דער ארומיקער וועלט און וועגן די געשעענישן וואס קומען אין איר פאר. די הערן באוער און קאמפאניע האבן מיט פארריסנקייט אפגעפסקנט, אז דער פראלעטאריאט איז אן אומקריטישער המון. מארקס און ענגעלס האבן אנטשיידנדיק זיך קעגנגעשטעלט אט דער אבסורדער און שעדלעכער טענדענץ. אינעם נאמען פון דער רעאלער מענטשלעכער פערזענלעכקייט — דעם ארבעטער, אן אונטערגעדריקטער דורך די הערשנדיקע קלאסן און דער רעגירונג — איז נישט קיין באטראכטונגען, וואס זיי פאדערן, נאר א קאמף פאר א בעסערן סדר אין דער געזעלשאפט. אינעם פראלעטאריאט האבן זיי, נאטירלעך, געזען דעם כוח וואס איז מסוגל צו פירן אזא קאמף, און וואס איז אין אים פאראינטערעסירט." (לענינס שריפטן, באנד 1, אין ארטיקל „פרידריך ענגעלס.")

** פאר דער כאראקטעריסטיק פונעם דייטשן „אמתן סאציאליזם", זע דעם קאמוניסטישן מאניפעסט.

איינע פון אירע זייטן און זיי פּאָלעמיש אַנטקעגנגעשטעלט איינע קעגן דער אַנדערער. פֿייערבאַך האָט דאָס סיסטעם דורכגעבראָכן און עס פּשוט אָפּגעוואָרפן אין אַ זייט. דורך דעם אָבער וואָס מע דערקלערט אַ פֿילאָסאָפֿיע פֿראַסט־פּשוט פֿאַר אַ פֿאַלשער, ווערט מען נאָך מיט איר נישט פֿאַרטיק. און אַזאַ גוואַלדיק ווערק ווי די העגעלשע פֿילאָסאָפֿיע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אומגעהייערע השפּעה אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער נאַציע, האָט זיך נישט געלאָזט באַזייטיקן דורך דעם, וואָס מע זאָל זי סתם איגנאָרירן. זי האָט געמוזט אין איר אייגענעם זין „אויפֿגעהויבן" ווערן, ד. ה., אין דעם זין, וואָס בעת איר פֿאָרם האָט דורך דער קריטיק געדאַרפֿט אומגעבראַכט ווערן, האָט דער נייער אינהאַלט אירער, וואָס איז דורך אָט דער פֿאָרם געוווּנען געוואָרן, געדאַרפֿט געראַטעוועט ווערן. ווי אַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען, וועלן מיר זען דאָ ווייטער.

דערוויַיל אָבער האָט די רעוואָלוציע פֿון 1848 אָן צערעמאָניעס אָפּגעשאָרט די גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע אין אַ זייט, פּונקט אַזוי ווי פֿייערבאַך האָט אָפּגעשאָרט העגעלן. און מיט דעם איז פֿייערבאַך אַליין אויך פֿאַררוקט געוואָרן אינעם הינטערגרונט.

## II

# אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם

די גרויסע פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגע פֿון יעדער פֿילאָסאָפֿיע, בפֿרט פֿון דער נייסטער, איז די פֿראַגע וועגן דער שייכות פֿונעם דענקען צום זיין. שוין אין די גאַנץ אַלטע צייטן, ווי מענטשן, פֿולשטענדיק נאָך אומוויסנדיק וועגן דעם געבוי פֿון זייער אייגענעם קערפּער און סטימולירט דורך חלומות,* זענען געקומען צו דער פֿאָרשטעלונג, אַז זייער דענקען און שפּירונגען זענען נישט קיין אַקטיוויטעטן פֿון זייער קערפּער, נאָר [אַקטיוויטעטן] פֿון אַ באַזונדערער נשמה, וואָס וואוינט ביי זיי אין קערפּער און פֿאַרלאָזט אים, ווען ער שטאַרבט — זינט יענער צייט האָבן מענטשן געמוזט זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דער שייכות פֿון דער דאָזיקער נשמה צו דער דרויסנדיקער וועלט. אויב זי טיילט זיך ביים טויט אָפּ פֿון קערפּער און לעבט ווייטער, איז דאָך קיין שום סיבה נישט פֿאַראַן מע זאָל פֿאַר איר צוטראַכטן נאָך אַ באַזונדערן טויט. אָט אַזוינאָך איז אויפֿגעקומען די פֿאָרשטעלונג וועגן דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה, וואָס האָט אויף יענער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג בשום אופֿן נישט אויסגעזען ווי אַ טרייסט, נאָר ווי דער גורל, וואָס אַנטקעגן אים האָט עס קיין שום זין נישט צו ראַנגלען זיך, און גאַנץ אָפֿט, ווי ביי די גריכן, ווי אַ פּאָזיטיוו אומגליק. צו דער לאַנגווייליקער

* ביי ווילדע און באַרבאַרן אויף אַ נידעריקער מדרגה איז היינט נאָך ווי אַ כלל פֿאַרשפּרייט די פֿאָרשטעלונג, אַז מענטשלעכע געשטאַלטן וואָס ווייזן זיך אין חלומות, זענען נשמות, וואָס האָבן צייטווייליק פֿאַרלאָזט דעם קערפּער; אויפֿןווירקלעכן מענטש, וואָס איז געקומען צו חלום, פֿאַלט די אחריות פֿאַר די אַקטן, וואָס ער איז אַקעגן דעם חלומענדיקן באַגאַנגען אין חלום. אָט דאָס האָט ה. ב. אימטורן למשל אין 1884 געפֿונען ביי די אינדיאַנער אין גוויאַנאַ. (באַמערקונג פֿון ענגעלסן.)

איינרעדעניש וועגן פערזענלעכער אומשטערבלעכקייט האָט געפירט נישט קיין רעליגיעזע באַדערפעניש פאַר טרייסט, נאָר די פאַרלעגנהייט, וואָס איז אויס־געוואַקסן אויס דעם אַלגעמיינעם נישט וויסן, וואָס צו טון נאָכן טויט פונעם קערפּער מיט דער איינמאָל אָנגענומענער עקזיסטענץ פון דער נשמה. אויף אַ גאַנץ ענלעכן אופן זענען, דורך דער פּערזאָניפיצירונג פון די נאַטור־כוחות, אויפגעקומען די ערשטע געטער, וועלכע האָבן ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון רעליגיעס אַלץ מער און מער אָנגענומען דאָס געשטאַלט נישט פון דער וועלט, ביז פונעם געזעמעל מער אָדער מינער באַגרענעצטע און איינער דעם אַנדערן זיך באַגרענעצנדיקע געטער, איז אין די מוחות פון די מענטשן דורך אַ פּראָצעס פון אַבסטראַקציע — כ׳מעג זאָגן כמעט פון דיסטילאַציע — אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אינעם גאַנג פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, לסוף אויפגעקומען די פאָר־שטעלונג וועגן דעם איינציקן און אויסשליסלעכן גאָט פון די מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס.

די פראַגע וועגן דער שייכות פונעם דענקען צום זיין, פונעם גייסט צו דער נאַטור — די דאָזיקע העכסטע פראַגע פון דער גאַרער פילאָסאָפיע — האָט בכן, נישט ווינציקער ווי יעדע רעליגיע, אירע וואָרצלען אין די שמאָלקעפּיקע און אייגנאַראַנטע פאָרשטעלונגען פונעם ווילדן. אָבער אין איר פולער שאַרפקייט האָט זי ערשט געקענט אַוועקגעשטעלט ווערן, האָט זי ערשט געקענט איר גאַרן באַדייט קריגן, נאָך דעם ערשט ווי די אייראָפּייאישע מענטשהייט האָט זיך אויפ־געכאַפּט פונעם לאַנגן ווינטערשלאָף פונעם קריסטלעכן מיטלאַלטער. די פראַגע וועגן דער שטעלונג פונעם דענקען צום זיין, אַ פראַגע וואָס האָט אויך אגב אין דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, די פראַגע: וואָס איז דאָס פּרימערע [ד. ה., וואָס איז אויפגעקומען צום אַלעם ערשטן], גייסט צי נאַטור? — אָט די פראַגע ווערט דורך דער קירך צוגעשפּיצט צו דעם: האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, אָדער איז די וועלט דאָ פון אייביק אָן?

לויט דעם ווי אָט די פראַגע איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרענטפערט געוואָרן, האָבן די פילאָסאָפן זיך געשפּאַלטן אין צוויי גרויסע לאַגערן. יענע וואָס האָבן אַפירמירט [באַשטעטיקט] די פּרימערקייט פונעם גייסט לגבי דער נאַטור, און במילא שוין אין לעצטער אינסטאַנץ אָנגענומען אַ וועלט־באַשאַפונג אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן — און אָט די וועלט־באַשאַפונג איז דאָך ביי די פילאָסאָפן, ווי ביי העגעלן למשל, אָפט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט און אומגלומפּערט ווי אינעם קריסטנטום — האָבן צונויפגעשטעלט דעם אידעאַליסטישן לאַגער. די אַנדערע ווידער, וואָס האָבן דאָס פּרימערע געזען אין דער נאַטור, געהערן צו די פאַרשידענע שולן פונעם מאַטעריאַליזם.

קיין שום אַנדער באַדייט ווי אָט דעם האָבן די ביידע אויסדרוקן, אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, לכתחילה נישט געהאַט, און זיי ווערן אויך דאָ אין קיין שום אַנדער זין נישט באַנוצט. וואָסער צעמישעניש סע באַקומט זיך, ווען מע לייגט אין זיי אַריין עפּעס אַן אַנדער זין, וועלן מיר דאָ ווייטער זען.

די פראַגע וועגן דער שייכות פונעם דענקען צום זיין האָט אָבער נאָך אַן אַנדער זייט: ווי פאַרהאַלטן זיך אונדזערע געדאַנקען בנוגע דער וועלט, וואָס רינגלט אונדז אַרום, צו אָט דער וועלט גופא? איז אונדזער דענקען בכוח צו דערקענען די רעאַלע וועלט? זענען מיר אימשטאַנד אין אונדזערע פאָר־

שטעלונגען און באַגריפן וועגן דער רעאַלער וועלט צו קריגן אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלקייט? אויפן פילאָסאָפישן לשון הייסט אָט די פראַגע — די פראַגע וועגן דער אידענטישקייט פונעם דענקען און זיין, און זי ווערט פון דער ווייט־גרעסטער צאָל פילאָסאָפן אַפירמירט [ד. ה., זייער ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז: יאָ]. ביי העגעלן, אַ שטייגער, איז אָט די אַפירמירונג אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט; וואָרעם דאָס וואָס מיר דערקענען אין דער רעאַלער וועלט איז טאָקע דאָך דער אינהאַלט וואָס שטימט זיך צונויף מיטן געדאַנק—דאָס טאָקע, וואָס מאַכט די וועלט פאַר אַ שטאָפּלווייזער רעאַליזירונג פון דער אַבסאָליוטער אידייע, פון דער אַבסאָליוטער אידייע וואָס האָט ערגעץ־ווו עקזיסטירט פון אייביק אָן, אומאָפּהענגיק פון דער וועלט, און פריער נאָך פאַר דער וועלט. סע איז אָבער בפירוש קלאָר, אַז דאָס דענקען קען דערקענען אַזאַ אינהאַלט, וואָס איז פון פריער שוין אַ געדאַנקען־אינהאַלט. פּונקט אַזוי איז אויך קלאָר, אַז דאָס וואָס דאַרף דאָ דערוויזן ווערן, ווערט שטילשווייגנדיק אָנערקענט פאַר אַזוינס, וואָס איז שוין דאָ אין דער פאָר־הנחה. האָט דאָס אָבער בשום אופן נישט געשטערט העגעלן צו מאַכן פון זיין אויפווייז וועגן דער אידענטישקייט פון דענקען און זיין דעם ווייטערדיקן אויספיר, אַז אַזוי ווי פאַר זיין דענקען איז דאָך זיין פילאָסאָפיע ריכטיק, איז זי במילא אויך די איינציק־ריכטיקע פילאָסאָפיע, און די מענטשהייט דאַרף דעריבער מיטן כוח פון דער אידענטישקייט פונעם דענקען און פונעם זיין די דאָזיקע פילאָסאָפיע זיינע תיכף אַריבערטראָגן פון דער טעאָריע אין דער פּראַקטיק, און די גאַנצע וועלט איבערפורעמען אויף די העגעלשע יסודות. די דאָזיקע אילוזיע טיילט ער אינאיינעם מיט כמעט אַלע פילאָסאָפן.

באַנאַנד דערמיט איז פאַראַן אָבער נאָך אַ רייע אַנדערע פילאָסאָפן, וואָס פרעגן־אָפּ די מעגלעכקייט צו דערקענען די וועלט, אָדער זי ווינציקסטנס אויסשעפּנדיק צו דערקענען. פון די פילאָסאָפן פון דער נייער צייט געהערן צו זיי יום און קאַנט, און זיי האָבן אַ זייער באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע. דאָס אַנטשיידנדיקסטע אינעם אָפּוואַרפן אָט דעם בליק איז — אויף וויפיל דאָס איז פאַרן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט מעגלעך געווען — פון העגעלן אייגנטלעך שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן*; דאָס מאַטעריאַליסטישע, וואָס פייערבאַך האָט צו דעם צוגעגעבן, איז מער שאַרפזיניק ווי טיף. אָבער די סאַמע שלאָגנדיקסטע אָפּוואַרפונג פון אָט די, ווי פון אַלע אַנ־

* יומס און קאַנטס פילאָסאָפיע רופט ענגעלס אָן אַגנאָסטיציזם. דער אַגנאָסטיק זאָגט: „איך ווייס נישט צי סע איז דאָ אַן אָביעקטיווע רעאַלקייט, וואָס רעפלעקטירט זיך דורך אונדזערע חושים. מעגלעך אַז מיר קענען אויפנעמען ריכטיק די אייגנשאַפטן פון אַ זאַך, אָבער די זאַך גופא, קענען מיר דורך קיין שום חושימדיקן אָדער דענקענדיקן פּראָצעס נישט באַנעמען." דער אַגנאָסטיק האַלט, אַז אָט די „זאַך אין זיך" איז אויף יענער זייט פון אונדזער דערקענטעניש. ענגעלס באַמערקט וועגן דעם: „דערויף האָט העגעל שוין לאַנג געגעבן אַן ענטפער: ווען איר קענט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ זאַך, קענט איר שוין די זאַך גופא; דעמאָלט בלייבט נאָר דער הוילער פאַקט, אַז די דערמאָנטע זאַך עקזיסטירט דרויסן פון אונדז, און אַזוי גיך ווי די חושים האָבן דעם דאָזיקן פאַקט אייך געלערנט, האָט איר שוין באַנומען דאָס לעצטע רעשטל פון אָט דער זאַך, קאַנטס באַרימטע 'זאַך אין זיך'." (פון ענגעלס' אַריינפיר צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון זיין: „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט.")

דערע פילאָסאָפישע דריידלעך, איז די פּראַקטיק, און דאָס איז, דער עקספּערימענט און די אינדוסטריע. אויב מיר קענען דערווייזן די ריכטיקייט פון אונדזער קאָנ־צעפּציע וועגן אַ נאַטור־פּראָצעס דערמיט וואָס מיר מאַכן אים אַליין, אַרויס־רופנדיק אים פון זיינע באַדינגונגען, און צווינגענדיק אים דערצו נאָך צו דינען פאַר אונדזערע צילן, נעמט דערמאָ'ט אַ סוף צו דער קאַנטיאַנישער אומבאַנעמ־באַרער „זאַך אין זיך". די כעמישע שטאָפן, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין די קערפּערס פון געוויקסן און בעלי־חיים, זענען אַזוי לאַנג געבליבן אָט אַזוינע „זאַכן אין זיך", ביז וואַנעט די אָרגאַנישע כעמיע האָט זיי אָנגעהויבן פּראָדוצירן איינעם נאָכן אַנדערן; דערמיט איז די „זאַך אין זיך" פאַר אונדז געוואָרן אַ זאַך, ווי למשל אַליזאַרין, דער פאַרב־שטאָף פונעם קראַפּ־גראָז, פאַר וועלכן מיר דאַרפן איצט מער נישט לאָזן וואַקסן אין פעלד קיין קראַפּ־וואָרצלען, נאָר מיר קריגן אים אַרויס אַ סך וועלוועלער און פּשוטער פון קוילן־סמאָלע. דריי הונדערט יאָר איז דאָס קאָפּערניקאַנישע * זון־סיסטעם געווען אַ היפּאָטעזע, אויף וועלכער מע האָט זיך געמעגט וועטן אויף הונדערט, טויזנט, צען טויזנט קעגן איינס, איז עס פונדעסטוועגן תמיד געבליבן אַ היפּאָטעזע. ווען לעווערייע האָט אָבער דורך די אָנגעגעבענע דאַטן פון דעם דאָזיקן סיסטעם נישט נאָר דערוויזן, אַז סע מוז עקזיסטירן נאָך אַן אומבאַקאַנטער פּלאַנעט, נאָר ער האָט אויך אויסגערעכנט דאָס אָרט, ווּ אָט דער פּלאַנעט דאַרף זיך געפינען אויפן הימל, און ווען גאַלע האָט דערנאָכדעם אָט דעם פּלאַנעט טאַקע אויסגעפונען,** איז דעמאָלט דאָס קאָפּערניקאַנישע סיסטעם דערוויזן געוואָרן. און אויב די נעאָ־קאַנטיאַנער פּרוּוון פונדעסטוועגן ווידער אויפלעבן די קאַנטיאַנישע קאָנצעפּציע אין דייטשלאַנד און די אַגנאָסטיקער — יומס קאָנצעפּציע אין ענגלאַנד (ווּ זי איז קיינמאָל נישט אָפּגעשטאָרבן), כאָטש די טעאָריע און פּראַקטיק האָבן זיי מיט דערפאָלג לאַנג שוין אָפּגעוואָרפן, איז דאָס וויסנשאַפטלעך אַ צוריקטריט, און פּראַקטיש אַ שעמעוודיקער אופן בלויז הינטנאָרום צו אַקצעפּטירן דעם מאַטעריאַליזם, און פאַר דער וועלט אים צו פאַרלייקענען.***

* קאָפּערניקוס האָט אין 1543 דער ערשטער אַרויסגערוקט די וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזע, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

** דאָ רעדט זיך וועגן פּלאַנעט נעפּטון, וואָס גאַלע האָט אים אויסגעפונען אין יאָר 1846.

*** „דער גרונט־שטריך אין קאַנטס פילאָסאָפיע איז דאָס שלום מאַכן צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם, אַ קאָמפּראָמיס צווישן דעם און יענעם, צונויפשמעלצן אין איין סיסטעם פאַרשידנאַרטיקע און אַקעגנגעזעצטע פילאָסאָפישע טענדענצן. ווען קאַנט גיט צו, אַז עפּעס, וואָס איז דרויסן פון אונדז, אַ וואָסער סע איז 'זאַך אין זיך', שטימט זיך צונויף מיט אונדזערע פאָרשטעלונגען, איז דאָ קאַנט אַ מאַטעריאַליסט. ווען ער דערקלערט אָבער, אַז אָט די 'זאַך אין זיך' קאָן נישט דערקענט ווערן, איז טראַנס־צענדענטאַל [ד. ה., אַז פאַרן מענטשלעכן שכל איז אוממעגלעך זי צו באַנעמען], אַז זי איז אויף יענער זייט פון אונדזער דערקענטעניש — טרעט קאַנט אַרויס ווי אַן אידעאַליסט. האַלטנדיק די דערפאַרונג, די שפּירונגען, פאַרן איינציקן קוואַל פון אונדזער וויסן, פירט קאַנט זיין פילאָסאָפיע אויף דער ליניע פונעם סענסואַליזם, און דורכן סענסואַליזם, ביי געוויסע באַדינגונגען, צום מאַטעריאַליזם. אָנערקענענדיק די אַפּריאָרישקייט [ד. ה., די נישט־אָפּהענגיקייט פון דערפאַרונג] פון שטח, צייט, קאַוזאַליטעט א. אַז. וו., פירט קאַנט זיין פילאָסאָפיע אויף דער זייט פונעם אידעאַליזם. פאַר אָט דער האַלבקייט קאַנטס האָבן די אויסגעהאַלטענע אידעאַליסטן, ווי אויך די

די פילאָסאָפן זענען אָבער אינעם משך פון אַט דעם לאַנגן פעריאָד, פון דעקאַרטן ביז העגעלן און פון האָבסן ביז פייערבאַכן, כּלל נישט געשטויסן געוואָרן פאָראויס, ווי זיי האָבן געגלייבט, בלויז דורכן כּוח פונעם ריינעם געדאַנק. פאַרקערט גאָר, דאָס וואָס האָט זיי באמת געשטויסן פאָראויס, איז געווען איבערהויפּט דער געוואַלדיקער און כּסדר געשווינדער און שטורמישער פּראָגרעס פון דער נאַטורוויסנשאַפט און אינדוסטריע. ביי די מאַטעריאַליסטן האָט זיך עס תּיכּף געוואָרפן אין די אויגן, אָבער אויך די אידעאַליסטישע סיסטעמען פילן זיך אַלץ מער און מער אָן מיט אַ מאַטעריאַליסטישן אינהאַלט, און שטרעבן פּאַנטעיסטיש * אויסצוגלייכן דעם ווידעראַנאַנד צווישן גייסט און מאַטעריע ; אַזוי אַז דאָס העגעלשע סיסטעם רעפּרעזענטירט מיט זיך סוף־כּל־סוף, לויט זיין מעטאָדע און אינהאַלט נאָך, אַ מאַטעריאַליזם נאָר אידעאַליסטיש אַוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

סע איז פאַרשטענדלעך דעריבער, פאַרוואָס אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון פייערבאַכן פאַרשט שטאַרקע קודם־כּל אויס די שטעלונג זיינע צו אַט דער פונדאַמענטאַלער פראַגע וועגן דער שייכות פונעם דענקען צום זיין. נאָך אַ קורצן אַריינפיר, אין וועלכן די בליקן פון די פריערדיקע פילאָסאָפן, בפרט זינט קאַנטן, ווערן געשילדערט אין אַן אומנייטיק פילאָסאָפיש־שווערן לשון, און אין וועלכן ער טשעפּעט זיך צו צו־פאָרמאַליסטיש צו עטלעכע באַזונדערע ערטער אין העגעלס ווערק, צו וועמען ער איז רעכט נישט צוגעקומען, קומט אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פונעם אַנטוויקלונגס־גאַנג אין פייערבאַכס „מעטאַפיזיק" גופא, אויף וויפיל דער דאָזיקער גאַנג רעקאָנסטרואירט זיך אויס יענע שריפטן פון אַט דעם פילאָסאָף, וועלכע האָבן אַהער אַ שייכות. די דאָזיקע באַשרייבונג איז פלייסיק און זאָרגעוודיק דורכגעפירט געוואָרן, נאָר פּונקט ווי דאָס גאַנצע בוך איז זי באַלאָדן מיט אַ באַלאַסט פון פילאָסאָפישער פראַזעאָלאָגיע, באַטש נישט אומעטום אַן אומפאַרמיידלעכע. דער עפעקט פון אַט דעם באַלאַסט איז אַלץ מערער אַ שטערנדיקער, וואָס ווייניקער דער אויטאָר האַלט זיך אינעם אויסדרוק־אופן פון איין און דער זעלבער שול, אָדער פון פייערבאַכן גופא, און וואָס מער ער מישט צונויף אויסדרוקן פון די פאַרשידנסטע שולן, בפרט נאָך פון דעם איצטיקן מבול פון ריכטונגען, וואָס רופן זיך אָן פילאָסאָפישע.

פייערבאַכס אַנטוויקלונגס־גאַנג איז דער פון אַ העגעליאַנער — אמת, נישט פון אַ גאַנץ אָרטאָדאָקסאַלן העגעליאַנער — צום מאַטעריאַליזם : אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל געבראַכט אים צו אַ טאָטאַלן איבעררייס מיטן אידעאַליסטישן סיסטעם פון זיין פאָרגייער. מיט אַ נישט צוריקהאַלטנדיקער קראַפט ווערט פייערבאַך צום סוף געניט איינצוזען, אַז די העגעליאַנישע פאָר־וועלטיקע עקזיסטענץ פון דער „אַבסאָלוטער אידייע", די „פאָר־עקזיסטענץ פון

'ריינע' אַגנאָסטיקער און יומיסטן, געפירט קעגן אים אַן אומבּרחמנותדיקן קאַמף." (לעגין, „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָ-קריטיציזם", געזאַמלטע שריפטן, באַנד 13, ז. 163, ענגלישע אויסגאַבע.) די דאָזיקע דואַליסטישע פילאָסאָפיע איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן דורך די נעאָ-קאַנטיאַנער (הערמאַן קאָהען, נאַטאָרפּ און אַנד.).

* פּאַנטעיזם איז דער וועלט-באַנעם, וואָס אידענטיפיצירט גאָט מיט נאַטור. העגעל איז געווען איינער פון די סאַמע פּראָמינענטסטע רעפּרעזענטאַנטן פונעם פּאַנטעיזם.

די לאָגישע קאַטעגאָריעס",* נאָך איידער די וועלט איז געווען, איז נישט מער, ווי אַ פאַנטאַסטישע איבערבלייבעכץ פונעם גלויבן אין אַ באַשעפער, וועלכער געפינט זיך דרויסן פון דער וועלט; אַז די מאַטעריעלע, מיט די חושים אויפנעמענדיקע וועלט, צו וועלכער מיר אַליין געהערן, איז דאָס איינציקע רעאַלע, און אַז אונדזער באַוווּסטזיין און דענקען, ווי איבערחושימדיק דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דער פּראָדוקט פון אַ מאַטעריעלן קערפּערלעכן אָרגאַן — פונעם מאַרך. נישט מאַטעריע קומט אַרויס פונעם גייסט, נאָר דער גייסט איז אַליין דער העכסטער פּראָדוקט בלויז פון מאַטעריע. דאָס איז, נאַטירלעך, ריינער מאַטעריאַליזם. צוקומענדיק אַהער אָבער, שטעלט זיך פייערבאַך אָפּ. ער קען נישט גובר זיין דעם פילאָסאָפישן פּראַורטייל, וואָס איז געוואָרן אַ געוואוינהייט, דעם פּראַורטייל נישט קעגן דער עצם זאַך, נאָר קעגן דעם נאָמען מאַטעריאַליזם. ער זאָגט: „דער מאַטעריאַליזם איז פאַר מיר דער יסוד בלויז אין דער געביידע פון דער מענטשלעכער עסענץ און וויסן; ער איז פאַר מיר אָבער נישט דאָס, וואָס ער איז פאַרן פיזיאָלאָג, פאַרן נאַטורפאָרשער אינעם ענגערן זין, ווי אַ שטייגער פאַר מאָלעשאָטן — און ער איז זיי טאַקע נויטווענדיק פון זייער שטאַנדפונקט און פּראָפעסיע — די געביידע גופא. צוריקוועגס בין איך פולשטענדיק מסכים מיט די מאַטעריאַליסטן, אָבער נישט פאָראויס."

פייערבאַך מישט דאָ צונויף דעם מאַטעריאַליזם, וואָס איז אַן אַלגעמיינער וועלט־בליק, און שפּאַרט זיך אָן אויף אַ דעפיניטיווער קאָנצעפּציע וועגן דער שייכות צווישן מאַטעריע און גייסט, מיט יענער באַזונדערער פאָרם, אין וועלכער אָט דער וועלט־בליק איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל אין דער געשיכטע, נעמלעך אין אַכצנטן יאָרהונדערט. נאָך מער, ער וואָרפט אים צונויף אינאיינעם מיט דעם פאַרפלאַכטן וווּלגאַריזירטן געשטאַלט אין וועלכן דער מאַטעריאַליזם פון אַכצנטן יאָרהונדערט האַלט איצט נאָך אָן זיין עקזיסטענץ אין די מוחות פון נאַטורפאָרשער און דאָקטוירים, און וועלכן ביכנער, פאָגט און מאָלעשאָט האָבן נאָך געפּריידיקט אין די פופציקער יאָרן. אָבער פונקט ווי דער אידעאַליזם, אַזוי איז אויך דער מאַטעריאַליזם דורכגעגאַנגען אַ רייע

* אין זיין „לאָגיק" קלאַסיפיצירט העגעל די סאַמע עיקרדיקע קאָנצעפּציעס אָט אַזוי: זיין, ווערן, קוואַליטעט, קוואַנטיטעט, עסענץ, דערשיינונג, מעגלעכקייט, צופעליקייט, אומפאַרמיידלעכקייט, רעאַלקייט, א. אַז. וו. אָט די אַבסטראַקטע גרונטקאָנצעפּציעס ווערן אָנגערופן „לאָגישע קאַטעגאָריעס". לויט העגעלן נאָך, האָבן אָט די קאַטעגאָריעס אַ זעלבשטענדיקע „אייביקע" עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פונעם מענטשן (אָביעקטיווער אידעאַליזם). אין דער אמתן אָבער זענען קאָנצעפּציעס און לאָגישע אויספירן רעפלעקסיעס בלויז אינעם מענטשנס מוח, פון די פּראָצעסן וואָס גייען אָן אין דער מאַטעריעלער וועלט. „די מאָמענטן פונעם מענטשנס דערקענען (די אידייען) פון דער נאַטור — אָט וואָס סע זענען די קאַטעגאָריעס פון לאָגיק." „די מענטשלעכע פּראַקטיק, ביליאָנען מאָל איבערגעחזרט, ווערט אינעם מענטשס באַוווּסטזיין פאַרפיקסירט ווי לאָגישע פיגורן. אָט די פיגורן האָבן די אייגנשאַפטן פון אַ פאָראורטייל, און זענען אין כאַראַקטער אַקסיאָמאַטיש טאַקע נאָר (און בלויז) דורכן כוח פון אָט די מיריאַדן איבערחזרונגען." („לענינשער זאַמלבוך", ב. 9, זז. 230 און 267, רוסיש.) די „לאָגישע קאַטעגאָריעס" זענען פּרעציז אָט דאָס אידייאישע וועגן וועלכן מאַרקס רעדט אין זיין נאָכוואָרט צו דער צווייטער אויסגאַבע פונעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל": „דאָס אידייאישע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר די מאַטעריעלע וועלט אָפּגעשפּיגלט אינעם מענטשלעכן מאַרך און איבערגעזעצט אין פאָרמען פון דענקען."

אַנטוויקלונגס־עטאַפּן. מיט יעדער עפּאָכעמאַכנדיקער אַנטדעקונג אין דער ספערע פון נאַטורוויסנשאַפט, מוז ער בייטן זיין פאָרם; און זינט דעם ווי מע האָט אויך די געשיכטע אָנגעהויבן באַהאַנדלען פונעם מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט, האָט אויך דאָ זיך געעפנט אַ נייער טראַקט פאַר דער אַנטוויקלונג [פונעם מאַטעריאַליזם].

דער מאַטעריאַליזם פונעם פאָריקן [אכצנטן] יאָרהונדערט איז פּרעדאָמינירנדיק געווען מעכאַניש, ווייל פון אַלע נאַטורוויסנשאַפטן האָט אַ געוויסע פאַרענדיקטקייט דערגרייכט דעמאָלט נאָר די מעכאַניק, און פאַקטיש נאָר די מעכאַניק פון פעסטע קערפּערס — די הימלישע און די ערדישע, בקיצור, די מעכאַניק פון שווערקייט. כעמיע האָט עקזיסטירט ערשט אין איר קינדערישן פלאָגיסטישן * געשטאַלט בלויז. ביאָלאָגיע איז נאָך געלעגן אין די ווינדעלעך; דער אָרגאַניזם פון געוויקסן און בעלי־חיים איז געווען אויסגעפאָרשט בלויז האַמעטנע און איז דערקלערט געוואָרן דורך ריין מעכאַנישע סיבות. ווי די חיה פאַר דעקאַרטן, איז פּונקט אַזוי דער מענטש פאַר די מאַטעריאַליסטן פון אכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ מאַשין.** אָט דאָס אויסשליסלעכע אָנווענדן די מאָס פון דער מעכאַניק צו פּראָצעסן פון כעמישער און אָרגאַנישער נאַטור — פּראָצעסן ביי וועלכע סע זענען, אמת, אויך גילטיק מעכאַנישע געזעצן, אָבער זיי ווערן פון אַנדערע, העכערע געזעצן אָפּגעשטופּט אין הינטערגרונט — שטעלט צונויף אַ ספּעציפישע, אָבער פאַר יענער צייט אומפאַרמיידלעכע, באַגרענעצטקייט פונעם קלאַסישן פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם.

די צווייטע ספּעציפישע באַגרענעצטקייט פון אָט דעם מאַטעריאַליזם באַשטייט אין זיין אומפייאיקייט צו באַנעמען די וועלט ווי אַ פּראָצעס, ווי מאַטעריע, וואָס געפינט זיך אין אַן אָנאויפהערלעכן היסטאָרישן פּראָצעס. אָט דאָס האָט זיך צונויפגעשטימט מיטן דעמאָלטדיקן מצב פון דער נאַטורוויסנשאַפט, און מיט דעם מעטאַפיזישן, ד. ה., אַנטי־דיאַלעקטישן אופן פון פילאָסאָפירן, וואָס איז דערמיט געווען פאַרבונדן. אַז די נאַטור געפינט זיך אין אייביקער באַוועגונג — אָט דאָס האָט מען שוין דעמאָלט געוווסט. אָבער לויט דער דעמאָלטדיקער פאָרשטעלונג, האָט אָט די גאַנצע באַוועגונג זיך אויך פּונקט אַזוי אייביק געדרייט אין אַ ראָד, און דעריבער זיך קיינמאָל נישט גערירט

* לויט דער פלאָגיסטישער טעאָריע, באַשטייט די עסענץ פון פאַרברענונג אין דעם, וואָס אַ ברענענדיקער קערפּער לאָזט פון זיך אַרויס אַ באַזונדערע אידעלע סובסטאַנץ, וואָס הייסט „פלאָגיסטאָן". ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן די וויסנשאַפטלייט, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, געזוכט אַן אַנדער דערקלערונג פאַרן פּראָצעס פון פאַרברענונג. לאַוואַזיע, אַ פראַנצויזישער כעמיקער, באַנוצנדיק זיך מיט געוויסע אָנצוהערענישן וועלכע סע האָט געגעבן דער ענגלישער כעמיקער פּריסטלי, האָט אַרויסגערוקט די טעאָריע, אַז בעת דער פאַרברענונג לאָזט דער ברענענדיקער קערפּער פון זיך נישט אַרויס קיין שום געהיימע סובסטאַנץ אַזאַ ווי פלאָגיסטאָן, נאָר פאַרקערט גאָר, אַ גאַנץ באַזונדערער עלעמענט, אָקסידזשען (זויערשטאָף) פאַראייניקט זיך מיטן ברענענדיקן קערפּער. מיט אָט דער אַנטדעקונג, זאָגט ענגעלס, האָט לאַוואַזיע „די כעמיע, וואָס איז אַזוי לאַנג געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ, פעסט אַוועקגעשטעלט אויף אירע פיס." (ענגעלס' אַריינפיר צו „קאַפּיטאַל", באַנד 2.)

** די שריפט זיינע „דער מענטש אַ מאַשין" האָט דער פראַנצויזישער דאָקטאָר און פילאָסאָף לאַמעטר פאַרעפנטלעכט אין 1747.

פון פלעק; זי האָט בסדר געבראַכט ווידעראַמאָל דיזעלבע רעזולטאַטן. אָט די פאָרשטעלונג איז דעמאָלט געווען אומפאַרמיידלעך. די קאַנטיאַנישע טעאָריע וועגן דעם אויפקום פונעם זון־סיסטעם * איז דעמאָלט ערשט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגערוקט געוואָרן, און האָט אויסגעזען ווי אַ בלויזער קוריאָז. די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער ערד, די געאָלאָגיע, איז לחלוטין נאָך אומבאַקאַנט געווען, און די פאָרשטעלונג, אַז די היינטיקע לעבעדיקע נאַטור־באַשעפענישן זענען דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג־קייט פונעם איינפאַכן צום קאָמפליצירטן, האָט דעמאָלט וויסנשאַפטלעך בכלל נישט געקענט באַגרינדעט ווערן. דער אומהיסטאָרישער בליק אויף דער נאַטור איז בכן געווען אומפאַרמיידלעך. קען מען פאַר אָט דעם [אומהיסטאָרישן בליק] די פילאָסאָפן פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט נישט מאַכן קיין פאָרוואורף, ווען מע געפינט דאָס זעלבע נאָך ביי העגעלן אפילו. ווי אַ בלויז „פאַרדרויסענען" זיך פון דער אידייע, איז די נאַטור ביי העגעלן נישט מסוגל צו קיין שום אַנטוויקלונג אין צייט, נאָר אויסצושפּרייטן בלויז איר פילגעשטאַלטיקייט אין רוים, אַזוי אַז זי שטעלט אויס גלייכצייטיק און איינעם לעבן אַנדערן די אַלע אין איר איינגעשלאָסענע אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען, און זי איז פאַרמשפּט אָט די זעלבע פּראָצעסן אייביק איבערצוחזרן כסדר. און דעם דאָזיקן אַבסורד וועגן אַן אַנטוויקלונג אין רוים, אָבער דרויסן פון צייט — וואָס איז דער פונדאַמענטאַלער באַדינג פאַר יעדער אַנטוויקלונג — צווינגט העגעל אַרויף אויף דער נאַטור גראָד אין דער צייט, ווען געאָלאָגיע, עמבריאָלאָגיע, די פיזיאָלאָגיע פון געוויקסן און בעלי־חיים, און די אָרגאַנישע כעמיע זענען אויסגעבוים געוואָרן, און ווען אומעטום האָבן, אויפן גרונט פון אָט די נייע וויסנשאַפטן, אויפגעטויכט געניאַלע השערות וועגן דער שפּעטערדיקער טעאָריע פון עוואָלוציע (געטע און לאַמאַרק, למשל). האָט אָבער אַזוי געפאָדערט דאָס סיסטעם, און אָט אַזוי האָט די מעטאָדע, דעם סיסטעם צוליב, געמוזט זיך אַליין אומגעטריי ווערן.

די זעלבע אומהיסטאָרישע קאָנצעפּציע האָט געהאַט אויך די אייבערהאַנט אויפן פעלד פון געשיכטע. דאָ האָט דער קאַמף קעגן די רעשטלעך פונעם מיטלאַלטער פאַרנעפּלט דעם בליק. דעם מיטלאַלטער האָט מען געהאַלטן פאַר אַן איבעררייס פשוט אין דער געשיכטע דורך אַ טויזנטיעריקן אַלגעמיינעם באַרבאַריזם. דער גרויסער פּראָגרעס אינעם מיטלאַלטער — די אויסברייטערונג פונעם אייראָפּייאישן קולטור־שטח, די לעבנספעיאיקע גרויסע נאַציעס, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסגעפורעמט איינע לעבן דער אַנדערער; לסוף דער גוואַלדיקער טעכנישער פּראָגרעס אינעם פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט — אָט דאָס אַלץ האָט מען נישט געזען. צוליב אָט דעם איז אַ ראַציאָנעלער קוק אויף דער גרויסער היסטאָרישער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג געוואָרן אוממעגלעך, און היסטאָריע האָט אין בעסטן פאַל געדינט ווי אַ זאַמלונג פון ביישפּילן און אילוסטראַציעס פאַרן באַנוץ פון די פילאָסאָפן.

די וווּלגאַריזירנדיקע פעדלערס, וואָס האָבן אין די פופציקער יאָרן אין דייטשלאַנד זיך גע'עסקט אַרום דעם מאַטעריאַליזם, זענען אויף דאָס מינדסטע

* אין זיין „אַלגעמיינע נאַטורגעשיכטע און טעאָריע פונעם הימל" (1755), האָט קאַנט אַרויסגעבראַכט די טעאָריע, אַז די זון און די פּלאַנעטן זענען אויפגעקומען פון די זיך־דרייענדיקע, אַנגעגליטע נעפּלדיקע מאַסן.

נישט אַריבער איבער די באַגרענעצטקייטן פון זייערע לערערס. יעדער נייער פּראָגרעס אין דער נאַטורוויסנשאַפט, וואָס איז זינט דעמאָלט געמאַכט געוואָרן, האָט זיי געדינט בלויז ווי נייע אויפווייזן אַנטקעגן דער עקזיסטענץ פון אַ וועלט־באַשעפער; און פּאַקטיש איז ווייטער צו אַנטוויקלען די נייע טעאָריע געווען נישט פאַר זיי. דער אידעאַליזם, וואָס איז שוין געווען ביים סוף פון זיין גדולה, און האָט דורך דער רעוואָלוציע אין 1848 געכאַפּט אַ טויט־קלאַפּ, האָט אָבער געהאַט די באַפרידיקונג, וואָס דער מאַטעריאַליזם איז אין יענעם מאָמענט נאָך טיפער געזונקען. פייערבאַך איז לחלוטין גערעכט געווען, ווען ער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די אחריות פאַר אָט דעם מאַטעריאַליזם; ער האָט אָבער נישט געדאַרפט צונויפמישן די לערע פון די אַרומוואַנדערנדיקע בעל־דרשנס מיטן מאַטעריאַליזם בכלל.*

דאָ דאַרף אָבער אויף צוויי זאַכן אָנגעוויזן ווערן.

ערשטנס, איז ביי פייערבאַכס לעבן די נאַטורוויסנשאַפט געווען נאָך אין יענעם געוואַלדיקן יעזירונגס־פּראָצעס, וועלכער איז ערשט אין די לעצטע פופציק יאָר געקומען צו אַ רעלאַטיוו אָפּגעקלערטער פאַרענדיקטקייט. אַזויפיל נייע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן זענען צונויפגעקליבן געוואָרן, וואָס איז נאָך ביז אַהער נישט געהערט געוואָרן, אָבער דאָס איינשטעלן אַ צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג און דערמיט אויך אַ סדר אין אָט דעם כאַאָס פון איינע די אַנדערע זיך איבעריאָגנדיקע אַנטדעקונגען, איז ערשט גאָר לעצטנס מעגלעך געוואָרן. אמת, פייערבאַך האָט נאָך דערלעבט אַלע דריי אַנטשיידנדיקע אַנטדעקונגען — די אַנטדעקונג פון דער צעל, די אַנטדעקונג וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון ענערגיע און די אַנטדעקונג פון דער טעאָריע פון עוואָלוציע, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אויף דאַרווינס נאָמען. ווי האָט אָבער דער פילאָסאָף, לעבנדיק אין דאָרפישער איינזאַמקייט. געקענט אין אַ גענוגנדיקער מאָס נאָכשפּירן נאָך דער וויסנשאַפט, כדי לויט זייער פולער מאָס אָפּצושאַצן אַזוינע אַנטדעקונגען, וואָס די נאַטורפאָרשער אַליין האָבן זיי דעמאָלט נאָך טיילווייז אָפּגעפרעגט, און טיילווייז נישט גענוג פאַרשטאַנען ווי געהעריק אויסצונוצן? די שולד פאַלט דאָ אינגאַנצן אויף די קלאָגעדיקע דייטשישע באַדינגונגען, אַ דאַנק וועלכע די קאַטעדרעס פון פילאָסאָפיע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון שפּינוועבס־שפּינענדיקע עקלעקטישע פּליי־קנאַקערס, בעת פייערבאַך, וואָס איז געשטאַנען טורעם־הויך איבער זיי אַלע, האָט געמוזט ערגעץ אין אַ קליין דערפל פאַרפוילט און פאַרזויערט ווערן. סע איז דעריבער נישט פייערבאַכס שולד, וואָס דער איצט מעגלעך געוואָרענער היסטאָרישער בליק אויף דער נאַטור, וועלכער וואַרפט אָפּ אַלע איינזייטיקייטן פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם, איז פאַר אים געבליבן נישט צוגענגלעך.

צווייטנס, איז פייערבאַך דאָך גאַנץ גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער בלויזער נאַטורוויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַליזם איז טאַקע דער „פונדאַמענט פון דער געביידע פון דעם מענטשלעכן וויסן, אָבער נישט די געביידע גופא“. וואָרעם נישט נאָר לעבן מיר אין דער נאַטור, נאָר אויך אין דער מענטש־

* ביי דעם פונקט האָט ענגעלס אין זיין אָריגינעלן מאַנוסקריפּט געהאַט נאָך עטלעכע זייטלעך וועגן דער דעמאָלטדיקער אַנטוויקלונג אין דער נאַטורוויסנשאַפט, וועלכע ער האָט אָבער שפּעטער אויסגעלאָזט. אָט דער פראַגמענט ווערט דאָ געדרוקט אויף זייט 62.

לעבער געזעלשאפט, און אויך זי האָט איר אַנטוויקלונג־געשיכטע און איר וויסנ־שאפט נישט ווײַניקער ווי די נאטור. סע גייט אייגנטלעך אין דעם, צו ברענגען די וויסנשאפט וועגן דער געזעלשאפט, ד. ה., דעם גאנצן סכום פון די אזוי־גערופענע היסטאָרישע און פילאָסאָפישע וויסנשאפטן, אין הארמאָניע מיטן מאטעריאליסטישן פונדאמענט, און זי [די וויסנשאפט וועגן דער געזעלשאפט] צו רעקאָנסטרואירן אויף אָט דעם פונדאמענט. איז דאָס אָבער פייערבאכן נישט באַשערט געווען צו טון. נישט קוקנדיק אויפן „פונדאמענט", איז ער דאָ געבליבן געפאנגען אין די טראדיציאָנעל־אידעאליסטישע פענטעס, און ער גיט דאָס צו מיט אָט די ווערטער: „צוריקוועגס בין איך מסכים מיטן מאטעריאליזם, אָבער נישט פאָראויס." איז עס פייערבאך אליין אָבער געווען דער, וואָס איז אויפן געזעלשאפטלעכן פעלד נישט געגאנגען „פאָראויס", נישט ווייטער פונעם שטאנד־פונקט זיינעם פון 1840 אָדער 1844, און ווידער טאקע דער עיקר צוליב זיין איזאָלירטקייט, וועלכע האָט אים, וואָס האָט מער פון אלע אַנדערע פילאָסאָפן זיך גענייטיקט אין געזעלשאפטלעכן צונויפקום, געצוווּנגען צו פּראָדוצירן גע־דאנקען אויס זיין איינזאמען קאָפּ, אַנשטאָט אינעם פריינדלעכן און פיינדלעכן צונויפטרעפן זיך מיט אַנדערע מענטשן פון זיין קאַליבער. ווי ווייט ער איז געבליבן אַן אידעאליסט אויף אָט דעם פעלד ווע׳לן מיר שפּעטער באטראכטן אויספירלעך.

דאָ דאַרף אָבער נאָך באמערקט ווערן, אז שטארקע זוכט פייערבאכס אידעאליזם נישט אויפן ריכטיקן אָרט. „פייערבאך איז אַן אידעאליסט, ער גלייבט אינעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט" (ז. 19). „דער פונדאמענט, דער אונטער־געבײַ פונעם גאנצן, בלייבט דאָך אָבער דער אידעאליזם. דער רעאליזם איז פאַר אונדז נישט מער ווי אַ שוץ קעגן פאלשע וועגן, בעת מיר פאָלגן־אויס אונ־דזערע אידעאלע נייגונגען. זענען דען רחמנות, ליבע און באגייסטערונג פאַר אמת און יושר נישט קיין אידעאלע כוחות?" (ז. VIII).

איז ערשטנס הייסט דאָ אידעאליזם נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר די שטרעבונג צו „אידעאלע" ציל׳ן. האָבן זיי אָבער [אָט די אידעאלע ציל׳ן] נויט־ווענדיק צו טון העכסטנס מיטן קאַנטיאַנישן אידעאליזם און זיין „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו".* קאַנט אליין האָט אָבער זיין פילאָסאָפיע גערופן „טראַנס־צענדענטאַלער אידעאליזם", בשום־אופן נישט דערפאַר, ווייל אין איר רעדט זיך אויך וועגן מאָראַלע אידעאַל׳ן, נאָר איבער גאנץ אַנדערע מאָטיוון, ווי שטארקע וועט זיך דערמאָנען. דער אבערגלויבן, אז דער פילאָסאָפישער אידעאליזם דרייט זיך אַרום דעם גלויבן אין מאָראַלע, ד. ה., געזעלשאפטלעכע „אידעאַלן", איז אויפגעקומען אויסערהאַלב דער פילאָסאָפיע, ביים דייטשישן פיליסטער, וואָס

* אין דער קאַנטיאַנישער פילאָסאָפיע ווערט אָט דער טערמין — קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו — אָנגעווענדעט צום געזעץ פון עטיק. לויט קאַנטס ווערטער האָבן צוויי זאַכן אויף אים געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק: דער אויסגעשטערנטער הימל איבער אונדז און דער עטישער געזעץ אין אונדז. אָט דער געזעץ איז, לויט קאַנטס מיינונג, נאָך, אומפּאַרענדערלעך, איז איינגעשטעלט פאַר אַלע אייביקייטן, און שרייבט באַפעלעריש פאַר די מענטשן זייער אויפפירונג. אין דער אמתן איז די פּראַקטישע פילאָסאָפיע קאַנטס דער אַבסטראַקט-אידעאַלאָגישער אויסדרוק בלויז פון דער בורזשואַזער עטיק, און דערצו נאָך איז אויף איר געלעגן דער שטעמפּל פון דער שוואַכקייט און אומרייפקייט פון דער דייטשישער בורזשואַזיע.

האָט פון שילערס פּאָעמען אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק די עטלעכע פּאָר אים גייטיקע ברעקלעך פילאָסאָפישע בילדונג. קיינער האָט נישט שאַרפער גע־קריטיקירט דעם אַנמעכטיקן קאַנטיאַנישן „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" — אַנ־מעכטיק דערפאַר, מחמת ער פאָדערט דאָס אוממעגלעכע, און קומט דעריבער קיינמאָל נישט צו צו אַ וואָסער סע איז רעאַלקייט — קיינער האָט נישט אַזוי בייסיק אָפּגעהוזקט פון די דורך שילערן צוגעשטעלטע פּיליסטעריש־סענטימענטאַלע טרוימערייען וועגן אומרעאַליזירבאַרע אידעאַלן, ווי גראָד דער פולשטענדיקער אידעאַליסט העגעל (זע למשל זיין „פענאָמענאָלאָגיע").

צווייטנס קען מען אָבער אויך נישט אַוועקגיין פונעם פאַקט, אַז אַלץ דאָס, וואָס באַוועגט אַ מענטשן, מוז אַדורכגיין דורך זיין קאָפּ—אַפילו עסן און טרינקען הייבט זיך אָן ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דער שפּירונג פון הונגער און דאָרשט, וואָס טראַנסמיטירט זיך דורכן קאָפּ, און פאַרענדיקט זיך ווי אַ רעזולטאַט פון דער שפּירונג פון זאַטקייט, אויך פּונקט אַזוי טראַנסמיטירנדיק זיך דורכן קאָפּ. די אויפווירקונגען פון דער דרויסנדיקער וועלט אויפן מענטש דריקן זיך אָפּ אין זיין קאָפּ, שפּיגלען זיך דאָרט אָפּ ווי געפילן, געדאַנקען, אינסטינקטן, וועלענישן — בקיצור, ווי „אידעאַלע שטרעבונגען", און ווערן אין אָט דעם געשטאַלט „אידעאַלע קרעפטן". איז אויב אָט אַזאַ מענטש ווערט אַן אידעאַליסט, דערפאַר וואָס ער האָט בכלל „אידעאַלע שטרעבונגען" און וואָס ער וואַרפט זיך אונטער דעם איינפלוס פון „אידעאַלע קרעפטן", איז דעמאָלט דאָך איטלעכער געוויינטלעך נאָרמאַל־אַנטוויקלטער מענטש אַ געבוירענער אידעאַליסט — טו ווי אַזוי זשע קענען בכלל נאָך גאָר זיין מאַטעריאַליסטן?

דריטנס האָט די איבערצייגונג, אַז די מענטשהייט, אינעם איצטיקן מאָמענט ווינציקסטנס, באַוועגט זיך אינעם גאַנצן און גרויסן פאָראויס, אַבסאָליוט גאָרנישט צו טון מיטן ווידעראַנאַנד צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן, נישט ווינציקער ווי די דעיסטן* וואָלטער און רוסאָ, פאַנאַטיש כמעט זיך געהאַלטן ביי אָט דער איבערצייגונג, און געגוג אָפּט פאַר איר געברענגט די גרעסטע פערזענלעכע קרבנות. אויב עמעץ האָט ווען עס איז געווידמעט זיין גאַנץ לעבן דער „באַגייסטערונג פאַר אמת און יושר" — נעמענדיק די פראַזע אין אַ גוטן זין — איז עס געווען דידראָ. ווען שטאַרקע דערקלערט אָט דאָס אַלץ פאַר אידעאַליזם, באַווייזט דאָס נאָר, אַז דאָס וואָרט מאַטעריאַליזם און באַנאַנד דערמיט דער גאַנצער ווידעראַנאַנד צווישן דיביידע ריכטונגען, האָט דאָ פאַר אים פאַרלוירן יעדן זין.

דער פאַקט איז, אַז שטאַרקע מאַכט דאָ, קען זיין אפשר אומבאַוווּסטזיניק, אַן אומפאַרגעבלעכע קאָנצעסיע דעם טראַדיציאָנעל פיליסטערישן פאָראורטייל — וועלכער איז אַ רעזולטאַט פון דער לאַנגיעריקער גלחישער העצע — קעגן דעם נאָמען מאַטעריאַליזם. אונטער מאַטעריאַליזם פאַרשטייט דער פיליסטער פרעסן, זויפן, גרויסע אויגן, נאָכגעבן זיך אַלע קערפּערלעכע תאוות, חוצפּה,

* אונטער „דעיסטן" ווערט פאַרשטאַנען אַזעלכע מענטשן, וואָס כאָטש זיי גלייבן אין גאָט, אָנערקענען זיי אים נאָר פאַרן באַשעפער פון דער וועלט, אָבער נישט פאַרן רעגירער איבער דער וועלט. אַנטקעגן דער קירכלעכער רעליגיע שטעלן זיי אַרויס אַ „נאַטירלעכע רעליגיע". דער קלאַסישער פעריאָד פונעם דעיזם איז געווען אין זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך.

ושעדנעקייט, קארגשאפט, געלטגיריקייט, יאגן זיך נאך פראפיטן און בירזשע־שווינדל — בקיצור, יענע אלע פאסקודנע געמיינהייטן, צו וועלכע ער אליין גיט זיך איבער שטילינקערהייט. אונטער אידעאליזם אבער פארשטייט ער דעם גלויבן אין גוטע מידות, אוניווערסאלער מענטשן־ליבע און בכלל אין א „בעסערער וועלט", וועלכע ער רענאמירט פאר אנדערע און אין וועלכע ער אליין גלייבט העכסטנס בלויז דעמאלט, ווען ער גייט דורך דעם קאצניאמער נאך זיינע גע־וויינטלעכע „מאטעריאליסטישע" עקסצעסן, אדער נאך אן אדורכגעמאכטן באנקראט. אט דעמאלט זינגט ער עס זיין באליבט לידל: וואס איז דער מענטש? — האלב חיה, האלב מלאך.

אינעם רעשט, לייגט שטארקע אוועק א סך מי צו פארטיידיקן פייערבאכן אנטקעגן די אטאקעס און דער „לומדות" פון די ליארמענדיקע דאצענטן, וואס גייען היינט אן אין דייטשלאנד אונטערן נאמען פילאסאפן. פאר מענטשן, וואס אינטערעסירן זיך מיט אט דעם נאכוווקס פון דער קלאסישער דייטשישער פילאסאפיע, איז עס געווים וויכטיק; פאר שטארקען אליין האט דאס אפשר געקענט אויסזען נייטיק. מיר אבער וועלן עס דעם לייענער איינשפארן.

III

# פייערבאכס פילאסאפיע פון רעליגיע און עטיק

פייערבאכסווירקלעכער אידעאליזם טרעט בולט ארויס, אזוי גיך ווי מיר קומען צו צו זיין פילאסאפיע פון רעליגיע און צו זיין עטיק. רעליגיע וויל ער בשום אופן נישט אפשאפן, ער וויל זי פארפולקומען. די פילאסאפיע גופא דארף אבסארבירט ווערן דורך דער רעליגיע. „די פעריאדן פון דער מענטש־הייט שיידן זיך אונטער איינער פונעם אנדערן דורך רעליגיעזע פאר־ענדערונגען. א היסטארישע באוועגונג איז נאר דעמאלט פונדאמענטאל, ווען זי באהערשט דעם מענטשנס הארץ. דאס הארץ איז נישט קיין פארם פון רעליגיע, אזוי אז זי [די רעליגיע] זאל אויך מוזן אינעם הארצן זיין; דאס הארץ איז די עסענץ פון רעליגיע." (ציטירט ביי שטארקען, ז. 168). רעליגיע איז לויט פייערבאכן די באציאונג באזירט אויף די געפילן, אויף דער הארצ־לעכער באציאונג צווישן מענטש און מענטש, וועלכע האט ביז אהער געזוכט דעם אמת אירן אין א פאנטאסטישער אפשפיגלונג פון דער רעאלקייט — אין די פאנטאסטישע אפשפיגלונגען פון מענטשלעכע איינגשאפטן דורך דער פאר־מיטלונג פון איינעם אדער פון א סך געטער. איצט אבער געפינט זי איר אמת דירעקט און אן שום פארמיטלונג אין דער ליבע צווישן „איך" און „דו". און אט אזוינאך ווערט ביי פייערבאכן סוף־כל־סוף די סעקסועלע ליבע איינע פון די העכסטע, אויב נישט די סאמע העכסטע פארם אין דער פראקטיס פון זיין נייער רעליגיע.

נו, האבן אבער באציאונגען צווישן מענטש און מענטש, באזירטע אויף געפילן, בפרט נאך צווישןביידע געשלעכטער, עקזיסטירט אזוי לאנג ווי די

מענטשהייט עקזיסטירט. די סעקסועלע ליבע, באַזונדערס אין די לעצטע אכט הונדערט יאָר, האָט דורכגעמאַכט אַזאַ אַנטוויקלונג און זיך פאַרשאַפט אַזאַ אָרט, וואָס האָט זי אין משך פון אָט דער צייט געמאַכט פאַר דער אָבליגאַטאָרישער אַקס, ארום וועלכער סע דרייט זיך די גאַנצע פּאָעזיע. די עקזיסטירנדיקע פּאָזיטיווע רעליגיעס האָבן זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס זיי האָבן געגעבן די העכסטע פאַרהייליקונג דער מלוכהשער רעגולירונג פון דער סעקסועלער ליבע, ד. ה., דער הייראַט־געזעצגעבונג, און זאָלן זיי מאָרגן אַלע אינגאַנצן פאַרשווינדן, וועט די פּראַקטיק פון ליבע און פריינדשאַפט אויף דאָס מינדסטע נישט געענדערט ווערן. איז דאָך די קריסטלעכע רעליגיע אין פראַנקרייך פון 1793 ביז 1799 פּאַקטיש אויף אַזוי פיל פאַרשוווּנדן, אַז אַפילו נאַפּאָלעאָן גופא האָט נישט אָן אָפּאָזיציע און שוועריקייטן געקענט זי צוריק איינפירן,* און פונדעסטוועגן האָט בעת אָט דער צווישנצייט זיך נישט געפילט קיין שום באַדערפעניש נאָך עפּעס אַ במקום רעליגיע אין פייערבאַכס זין.

דער אידעאַליזם ביי פייערבאַכן באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס ער אַקצעפּטירט נישט די צווישנאַנאַנדיקע באַציאונגען פון מענטשן באַזירטע אויף קעגנזייטיקער נייגונג פון איינעם צום אַנדערן, ווי סעקסועלע ליבע, פריינדשאַפט, רחמנות, מסירת־נפש, א. אז. וו., פאַר דעם פּשוט, וואָס זיי זענען פאַר זיך אַליין — נישט אַסאָציאירנדיק זיי מיט אַ וואָסער סע איז באַזונדערער רעליגיע, וואָס געהערט אויך פאַר פייערבאַכן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט; נאָר ער פאַר־זיכערט, אַז זייער פולע חשיבות באַקומען זיי [אָט די באַציאונגען] ערשט דעמאָלט, ווען זיי ווערן געהייליקט דורכן נאָמען רעליגיע. דער עיקר פאַר אים איז נישט דאָס, וואָס אָט די ריין־מענטשלעכע באַציאונגען עקזיסטירן, נאָר אַז זיי זאָלן אויפגענומען ווערן ווי אַ נייע, אמתע רעליגיע. זייער פולע חשיבות דאַרפן זיי [אָט די באַציאונגען] ערשט דעמאָלט קריגן, ווען זיי באַקומען דעם שטעמפּל פון רעליגיע. דאָס וואָרט רעליגיע נעמט זיך פון religare און זיין אָריגינעלער טייטש איז געווען „פאַרבינדונג". דעריבער איז יעטווידע פאַר־בינדונג צווישן צוויי מענטשן רעליגיע. אָט אַזוינע עטימאָלאָגישע קונצשטיק זענען דער לעצטער אָנשפּאַר פון דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע. נישט מע רעכנט זיך מיט דעם, וואָס דאָס וואָרט באַדייט לויט דער היסטאָרישער אַנטוויק־לונג פון זיין אַקטועלן באַנוץ, נאָר מיט דעם וואָס דאָס וואָרט דאַרף באַדייטן לויט זיין [עטימאָלאָגישן] אָפּשטאַם. און אָט אַזוינאָך ווערט סעקסועלע ליבע און סעקסועלע פאַרבינדונג פאַרהימלט אין אַ „רעליגיע", בלויז דערפאַר כדי דאָס ווערטל רעליגיע, וואָס איז אַזוי טייער דעם אידעאַליסטישן זכרון, זאָל פון דער שפּראַך נישט פאַרשווינדן. פּונקט אַזוי האָבן אין די פערציקער יאָרן גע־טענהט די פּאַריזשער רעפאָרמיסטן פון לואי בלאַנס חדר, וואָס פאַר זיי האָט אַ מענטש אָן רעליגיע אויסגעזען ווי עפּעס אַ מאָנסטער, און האָבן אונדז געזאָגט: Donc, l'athéisme c'est votre réligion! [אָבער אייער רעליגיע איז דאָך אַטעיזם!]. ווען פייערבאַך וויל עטאַבלירן אַן אמתע רעליגיע אויפן יסוד פון אַ

* ענגעלס האָט דאָ אין זינען נאַפּאָלעאָנס ווידער אויפשטעלונג אין פראַנקרייך די קאַטוילישע קירך, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן דורכן יאַקאָבינישן קאָנווענט. נאַפּאָלעאָן האָט אין יולי 15, 1801, זייענדיק נאָך אַ קאָנסול, אונטערגעשריבן אַ קאָנ־קאָרדאַט מיטן פּאַפּסט.

אין־תוך־גענומען מאטעריאליסטישער קאנצעפּציע פון דער נאטור, איז עס פּונקט אזוי, ווי צו באטראכטן די מאָדערנע כעמיע פאר דער אמתער אלכעמיע. אויב רעליגיע קען עקזיסטירן אָן איר גאָט, קען דאָס אויך די אלכעמיע אָן איר פילאָסאָפישן שטיין. אגב איז טאַקע פאַראַן ענגע פאַרבינדונג צווישן אלכעמיע און רעליגיע. דער פילאָסאָפישער שטיין האָט א סך גאָט־ענלעכע אייגנשאַפטן, און די עגיפּטיש־גריכישע אלכעמיסטן אין די ערשטע צוויי יאָרהונדערטער פון אונדזער צייטרעכענונג האָבן געהאַט א האַנט אין דער אויספורעמונג פון דער קריסטלעכער דאָקטרין, ווי דאָס באַווייזן די אָנגעגעבענע דאַטן ביי קאָפּ און בערטעלאָ.

לחלוטין פאַלש איז פייערבאַכס קאָנסטאַטירונג, אַז די „פּעריאָדן פון דער מענטשהייט שיידן זיך בלויז אונטער איינער פונעם אַנדערן דורך רעליגיעזע פאַרענדערונגען". גרויסע היסטאָרישע ווענד־פּונקטן זענען באַגלייט געוואָרן פון רעליגיעזע פאַרענדערונגען אויף אזוי פיל נאָר אויף וויפיל סע ווערן די דריי ביז איצט עקזיסטירנדיקע וועלט־רעליגיעס — בודיזם, קריסטנטום און איסלאַם — גענומען אין באַטראַכט. די אַלטע פּרימיטיווע שבטימדיקע און נאַציאָנאַלע רעליגיעס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער און האָבן פאַרלוירן יעדע ווידערשטאַנדס־קראַפט ווי נאָר די זעלבשטענדיקייט פון די שבטים און פעלקער איז געבראָכן געוואָרן. ביי די גערמאַנען איז פאַר אָט דעם גענוג געווען אַפילו דער פּשוטער קאָנטאַקט מיט דער זיך צעפאַלנדיקער רוימישער וועלט־אימפּעריע און מיט איר נאָר־וואָס אָנגענומענער קריסטלעכער וועלט־רעליגיע, וועלכע איז געווען אָנגעמאָסטן פאַר איר עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן מצב. ערשט ביי אָט די מער אָדער ווייניקער קינסטלעך אויפגעקומענע וועלט־רעליגיעס, בפרט ביים קריסטנטום און איסלאַם, זעען מיר, אַז די מער אַלגעמיינע היסטאָרישע באַוועגונגען נעמען אָן א רעליגיעזע באַפאַרבונג. אָבער אַפילו ביי די קריסטלעכע פעלקער האָט זיך די רעליגיעזע באַפאַרבונג פון רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן געהאַט א באמת אוניווערסאַלן באַדייט, באַגרענעצט צו די ערשטע עטאַפּן פונעם עמאַנציפּירונג־קאַמף פון דער בורזשואַזיע, אָנהייבנדיק פונעם דרייצנטן ביזן זיבעצנטן יאָרהונדערט, און זי [אָט די באַפאַרבונג] דערקלערט זיך נישט, ווי פייערבאַך מיינט, מיט די אייגנשאַפטן פונעם מענטשלעכן האַרץ און מיט זיין באַדערפעניש פאַר רעליגיע, נאָר מיט דער גאַנצער פאָרגעשיכטע פונעם מיטלאַלטער, וואָס האָט פון קיין שום אַנדער פאָרם פון אידעאָלאָגיע נישט געוואוסט, ווי נאָר פון רעליגיע און טעאָלאָגיע. ווען אָבער די בורזשואַזיע איז אינעם אכצעטן יאָרהונדערט גענוג שטאַרק געוואָרן, כדי אויך צו האָבן איר אייגענע אידעאָלאָגיע, אָן אָנגעמאָסטענע פאַר איר קלאַסן־שטאַנדפּונקט, פירט זי דעמאָלט דורך איר גרויסע און פאַרענדיקטע רעוואָלוציע — די פראַנצויזישע — אַפּעלירנדיק אויסשליסלעך צו יורידישע און פּאָליטישע אידייען, און ווענן רעליגיע קימערט זי זיך אויף אזוי פיל נאָר, אויף וויפיל זי איז איר געשטאַנען אין וועג. איר איז אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאַלן א נייע רעליגיע אוועקצושטעלן אויפן אָרט פון דער אַלטער. סע איז באַקאַנט ווי ראָבעספּיער איז דערמיט אַדורכגעפאַלן.*

* ענגעלס האָט דאָ אין זינען ראָבעספּיערס פּרוּוו איינצופירן דעם קולט פונעם העכסטן וועזן — דעם שכל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט א פולשטענדיקן דורכפאַל.

די מעגלעכקייט פאר ריין־מענטשלעכע געפילן אין די באַציאונגען מיט אַנדערע מענטשן איז שוין געגנג קלאָגעדיק אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, אַ באַזירטע אויף קלאַסן־אַנטאַגאָניזם און אויף קלאַסן־הערשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן. מיר האָבן דעריבער קיין שום גרונד נישט אַליין זי צו מאַכן נאָך מער קלאָגעדיק, דורך דעם וואָס מיר ווילן די דאָזיקע געפילן פאַרהימלען אין אַ רעליגיע. און אַט אַזוי פונקט [מעג מען זאָגן], אַז דאָס פאַרשטיין די היס־טאָרישע קלאַסנקאַמפן, בפרט נאָך אין דייטשלאַנד, איז אויף אַזוי פיל שוין פאַרטונקלט געוואָרן דורך דער צירקולירנדיקער היסטאָריאָגראַפיע, אַז סע איז אונדז מער נישט נייטיק לחלוטין אוממעגלעך צו מאַכן דאָס דאָזיקע פאַרשטיין דורכן פאַרוואַנדלען די געשיכטע פון די דאָזיקע קאַמפן אין אַ בלויזער צו־טשעפעניש צו דער קירכן־געשיכטע. שוין דאָ ווייזט זיך אַרויס, ווי ווייט מיר זענען אַוועק היינט פון פייערבאַכן. די „שענסטע שטעלן" זיינע, וואָס גלאָרי־פיצירן אַט די נייע ליבעס־רעליגיע, איז היינט שוין גאָר אינגאַנצן אוממעגלעך צו לייענען.

די איינציקע רעליגיע, וועלכע פייערבאַך האָט ערנסט אויסגעפאָרשט, איז דאָס קריסטנטום, די וועלט־רעליגיע פון די מערב־לענדער, וואָס איז באַזירט אויפן מאָנאָטעיזם. ער ווייזט־אויף, אַז דער קריסטלעכער גאָט איז נאָר אַ פאַנטאַס־טישער רעפלעקס, אַן אָפּשפיגלונג פונעם מענטש. נו, איז אָבער אָט דער גאָט אַליין אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם אַבסטראַקציע־פּראָצעס, די קאָנצענטרירטע קווינטעסענץ פון אַ סך פריערדיקע שבטימדיקע און נאַציאָנאַלע געטער. און אין הסכם דערמיט איז אויך דער מענטש, וואָס אָט דער גאָט איז זיין אָפּשפיגלונג, נישט קיין רעאַלער מענטש, נאָר אויך פונקט אַזוי די קווינט־עסענץ פון די פיל רעאַלע מענטשן — אַן אַבסטראַקטער מענטש, און דעריבער ווידעראַמאָל בלויז אַ געדאַנקען־בילד. דער אייגענער פייערבאַך, וואָס פּריידיקט אויף יעדן זייטל סענסועלקייט, צו פאַרזינקען זיך אינעם קאָנקרעטן, אין דער רעאַלקייט, ווערט דורך און דורך אַבסטראַקט, ווי נאָר סע קומט אים אויס צו רעדן וועגן אַ וואָסערע סע איז אַנדערע, נישט נאָר סעקסועלע, באַציאונגען צווישן מענטשן.

אין אָט די באַציאונגען [צווישן מענטשן] נעמט ביי אים אויס נאָר איין זייט: די מאָראַל. און אָט דאָ פאַרפלעפט פייערבאַכס אויסטערלישע אָרעמקייט אין פאַרגלייך מיט העגעלן. ביי העגעלן איז די עטיק, אָדער די לערע וועגן מאָראַלישער אויפפירונג,—די פילאָסאָפיע פון רעכט, און נעמט אַרום: 1) דאָס אַבסטראַקטע רעכט; 2) די מאָראַל; 3) די מאָראַלישע אויפפירונג, וועלכע נעמט אין זיך ווידער אַריין: די פאַמיליע, די בירגערלעכע געזעלשאַפט און די מלוכה. אויף וויפיל די פאָרם איז אידעאַליסטיש, אויף אָט אַזוי פיל איז דאָ דער אינהאַלט רעאַליסטיש. זייט ביי זייט מיט דער מאָראַל ווערט דאָ אַריינגענומען די גאַנצע ספערע פון רעכט, עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. ביי פייערבאַכן איז אָבער פונקט קאַפּויר. לויט דער פאָרם נאָך איז ער רעאַליסטיש, ער נעמט פאַר זיין אויס־גאַנגס־פונקט דעם מענטשן; וועגן דער וועלט אָבער, אין וועלכער דער דאָזיקער מענטש לעבט, דערמאָנט ער אַבסאָליוט מיט קיין וואָרט נישט, און אָט אַזוי בלייבט דער דאָזיקער מענטש זיינער תמיד דער זעלבער אַבסטראַקטער מענטש, וועלכער פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער פילאָסאָפיע פון רעליגיע. דעם דאָזיקן

מענטש האָט נישט קיין פרוי געבוירן: ער האָט, ווי אַן אינסעקטן־פּופּע, זיך אויסגעפּיקט אויס דעם גאָט פון דער מאָנאָטעיסטישער רעליגיע. ער לעבט דעריבער נישט אין אַ רעאַלער, היסטאָריש־אויפגעקומענער און היסטאָריש־דעטערמינירטער וועלט. ער קומט אַפילו אין באַרירונג מיט אַנדערע מענטשן, אָבער יעדער איינער פון זיי איז פּונקט אַזוי אַבסטראַקט ווי ער אַליין. אין דער פילאָסאָפיע פון רעליגיע האָבן מיר נאָך פונדעסטוועגן געהאַט מאַן און ווייב, אין דער עטיק אָבער פאַרשווינדט אויך אָט דער לעצטער אונטערשיד. אמת, מע טרעפט ביי פייערבאַכן, כאָטש זייער זעלטן, אָט אַזוינע הנחות, ווי: „אין אַ פּאַלאַץ דענקט מען אַנדערש ווי אין אָרעם הייזל.״ — „אויב דו האָסט צוליב הונגער און נויט קיין שטאָף נישט אין דיין לייב, האָסטו אויך אין דיין קאָפּ, אין דיינע געפילן און אין הארץ קיין שטאָף נישט פאַר מאָראַל.״ — „די פּאָליטיק מוז אונדזער רעליגיע ווערן״, א. אז. וו. אָבער פייערבאַך ווייסט אַבסאָליוט נישט, ווי אַזוי זיך מיט אָט די הנחות צו באַנוצן, זיי בלייבן ביי אים הוילע מליצות, און אַפילו שטאַרקע גופא מוז מודה זיין, אַז פּאָליטיק איז פאַר פייערבאַכן געווען אַ גרענעץ נישט צום אַריבערטרעטן, און אַז „די לערע וועגן דער געזעלשאַפט, די סאָציאָלאָגיע, איז פאַר אים געווען אַ terra incognita [אַן אומבאַקאַנט לאַנד]״.

פּונקט אָט אַזוי פלאַך זעט ער אויס אין פאַרגלייך מיט העגעלן ביי דער באַהאַנדלונג פון דעם ווידעראַנאַנד צווישן גוט און שלעכט. „מע גלייבט, אַז מע זאָגט אַרויס עפּעס אַ טיפן געדאַנק,״ באַמערקט העגעל, „ווען מע זאָגט: דער מענטש איז בטבע גוט; מען פאַרגעסט אָבער, אַז מע זאָגט אַרויס אַ סך אַ גרעסערן געדאַנק מיט די ווערטער: „דער מענטש איז בטבע שלעכט.״ ביי העגעלן איז דאָס שלעכטס די פאָרם אין וועלכער סע פּרעזענטירט זיך די טרייבקראַפט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. און אין אָט דעם ליגט אייגנטלעך אַ טאָפּלטער זין. פון איין זייט זעט יעדער נייער טריט פאָראויס נויטווענדיק אויס ווי אַ פאַרשוועכונג פון עפּעס אַ הייליקטום, ווי אַ רעוואָלט אַנטקעגן דער אַלטער, אָפּשטאַרבנדיקער, אָבער דורך געוואוינהייט פאַרהייליקטער אָרדענונג. פון דער צווייטער זייט, זענען זינט דעם אויפקום פון די קלאַסנקעגנזאַצן, גראָד די שלעכטע לײדנשאַפטן פונעם מענטשן — זשעדנעקייט און די תאווה צום הערשע־ווען — געוואָרן די הייב־שטאַנגען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די געשיכטע פונעם פעאָדאַליזם און פון דער בורזשואַזיע, אַ שטייגער, איז פאַר אָט דעם אַן איינציקער כסדרדיקער אויפווייז. פייערבאַכן פאַלט אָבער גאָרנישט איין אויסצופאָרשן די היסטאָרישע ראָלע פונעם מאָראַלישן שלעכטס. געשיכטע איז פאַר אים בכלל אַן אומגעמיטלעך, אומהיימלעך פעלד. אַפילו זיין אַרויסזאָג: „דער מענטש, ווען ער איז תחילת אַרויסגעקומען אויס דער נאַטור, איז נאָך אַ ריין נאַטור־באַשעפעניש געווען, נישט קיין מענטש. דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פונעם מענטשן, פון קולטור, פון געשיכטע״ — אַפילו אָט די הנחה בלייבט ביי אים אַבסאָליוט פּרוכטלאָז.

דאָס וואָס פייערבאַך דערציילט אונדז וועגן מאָראַל, קען דעריבער נאָר עקסטרעם מאָגער זיין. די שטרעבונג צו גליק איז איינגעבוירן אינעם מענטשן, און מוז דעריבער זיין דער יסוד פון דער גאַנצער מאָראַל. איז אָבער די שטרעבונג צו גליק אונטערגעוואָרפן צו אַ טאָפּלדיקער קאָרעקטור. ערשטנס,

דורך די נאַטירלעכע קאָנסעקווענצן פון אונדזערע מעשים: נאָך ווילדע הוליאַנקעס קומט דער קאַצניאַמער, נאָכן איבערכאַפּן די מאָס — קראַנקהייט. צווייטנס, דורך זייערע געזעלשאַפטלעכע קאָנסעקווענצן: ווען מיר רעספּעקטירן נישט די זעלבע שטרעבונג צו גליק ביי אַנדערע, ווערן זיי זיך, און שטערן אונדזער אייגענע שטרעבונג צו גליק. איז דערפון געדרונגען, אַז כדי צו באַפרידיקן אונדזער שטרעבונג [צו גליק], דאַרפן מיר בכח זיין ריכטיק אָפּצושאַצן די קאָנסעקווענצן פון אונדזערע מעשים, און פון דער צווייטער זייט, צו רעספּעקטירן אויך ביי אַנדערע די גלייכע רעכט צו דער דאָזיקער שטרעבונג [צו גליק]. ראַציאָנעלע זעלבסט־באַגרענעצונג בנוגע צו זיך אַליין, און ליבע — אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל ליבע! — אינעם אָנגאַנג מיט אַנדערע, זענען בכן די גרונט־כללים פון פייערבאַכס מאָראַל, פון וועלכע אַלע אַנדערע דריגנגען אַרויס. און נישט פייערבאַכס שאַרפזיניקסטע אויספירן, נישט שטאַרקעם שטאַרקסטע שבחים קענען פאַרדעקן די שיטערקייט און אויבערפלעכלעכקייט פון אָט די פּאָר הנחות.

דורכן אָפּגעבן זיך נאָר מיט זיך אַליין, קען אַ מענטש זעלטן בלויז, און בשום־אופן נישט פאַר זיין אייגענער טובה ווענן און פאַר דער טובה פון אַנדערע, באַפרידיקן זיין שטרעבונג צו גליק. צו גליק פאָדערט זיך דער מענטש זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער דרויסנדיקער וועלט, וועלכע האָט די מיטלען צו באַפרידיקן זיינע באַדערפעניש, ווי שפּייז, אַן אינדיווידואום פון אַן אַנדער געשלעכט, ביכער, שמועסן, דעבאַטירן, אַקטיווקייטן, זאַכן צום באַנוצן און פאַרן באַאַרבעטן. פייערבאַכס מאָראַל נעמט אָדער אין פאָראויס אָן די הנחה, אַז יעדער מענטש האָט די דאָזיקע מיטלען און זאַכן פאַר זיין באַפרידיקונג, אָדער אויב נישט, גיט זי אים בלויז אומאָנווענדבאַרע גוטע עצות, און איז דעריבער קיין שאָס פולווער נישט ווערט פאַר יענע ליט, וואָס סע פעלן זיי אויס אָט די מיטלען. פייערבאַך דערקלערט דאָס מיט אָט די טרוקענע ווערטער: „אין אַ פּאַלאַץ דענקט מען אַנדערש, ווי אַן אָרעם הייזל.” „אויב דו האָסט צוליב הונגער און נויט קיין שטאָף נישט אין דיין לייב, האָסטו אויך אין דיין קאָפּ, אין דיינע געפילן און אין האַרץ קיין שטאָף נישט פאַר מאָראַל.”

שטייט עס אפשר בעסער מיטן גלייכן רעכט פאַר אַלעמען צו שטרעבן צו גליק? פייערבאַך שטעלט אַרויס אָט די פאָדערונג ווי אַן אַבסאָליוט, ווי אַ גילטיקע פאַר אַלע צייטן און אומשטענדן. אָבער פון ווען אָן איז זי עס גילטיק? איז דען אין אַלטערטום צווישן די שקלאַפן און זייערע האַרן, אינעם מיטלאַלטער צווישן די לייבאייגענע און באַראָנען געווען אַמאָל אַ רייד וועגן גלייכע רעכט צו גליק? איז דען נישט דער דראַנג צו גליק ביי די אונטער־דריקטע קלאַסן אָן שום רחמנות און „על פּי דין” געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן דעם הערשנדיקן קלאַס? — יאָ, איז דאָס טאַקע געווען אוממאָראַליש; איצט אָבער זענען די גלייכע רעכט אָנערקענט. — אָנערקענט מיט ווערטער, זינט דעם ווי — און דערפאַר ווייל — די בורזשואַזיע איז אין איר קאַמף קעגן פעאָדאַליזם און ביים אַנטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, געווען גע־צוווּנגען אָפּצושאַפן אַלע שטאַנדישע, ד. ה., פּערזענלעכע פּריווילעגיעס, און איינצופירן די יורידישע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פּערזאָן פאַרן געזעץ צום ערשטן אין דער ספערע פון פּריוואַטן רעכט, און דערנאָך בּיסלעכווייז אויך אין

דער ספּערע פון מלוכה־רעכט. די שטרעבונג אָבער צו גליק נערט זיך נאָר צום סאַמע קלענסטן טייל מיט אידעאַלע רעכט, און צום כאַמע גרעסטן טייל מיט מאַטעריעלע מיטלען; און וועגן דעם זאָרגט שוין די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע דערפאַר, אַז פאַר דער גרויסער מערהייט פון די גלייכבארעכטיקטע פּערזאָנען זאָל צופאַלן נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע פאַר אַ געמוטשעטע לעבן. דער קאַפּיטאַליזם רעספּעקטירט אַזוינאָך די גלייכע רעכט אין דער שטרעבונג צו גליק ביי דער מערהייט נישט קיין סך בעסער, ווי די שקלאַפּעריי אָדער לייבאייגנטום האָט עס געטון. שטייט עס בעסער מיט די גייסטיקע מיטלען צו גליק, מיט די מיטלען פאַר בילדונג? איז דען נישט דער שולמייסטער פון סאַדאָווע* אַליין אַ מיטישער פאַרשוין.

נאָך מער. לויט פייערבאַכס מאָראַל־טעאָריע קומט אויס, אַז די בירזשע איז דער העכסטער טעמפּל פון דער מאָראַל, אויב מע שפּעקולירט נאָר שטענדיק ריכטיק. אויב מיין שטרעבונג צו גליקלעכקייט ברענגט מיך אויף דער בירזשע, און איך וועג און מעסט אַזוי ריכטיק אָפּ די קאָנסעקווענצן פון מיינע טראַנסאַקציעס, אַז זיי ברענגען מיר נאָר איין איינגענעמע רעזולטאַטן און קיין שום היזק ניט, ד. ה., איך געווין כסדר, האָב איך אויסגעפילט פייערבאַכס געבאָט. דערביי פאַרטשעפּע איך גאָר נישט די זעלבע שטרעבונג צו גליק ביי אַן אַנדערן. וואָרעם אָט דער אַנדערער איז דאָך געגאַנגען אויף דער בירזשע פונקט אַזוי פרייוויליק ווי איך, און ביים אָפּשליסן מיט מיר דאָס שפּעקולאַטיווע געשעפט האָט ער פונקט אַזוי אויסגעפאָלגט זיין שטרעבונג צו גליקלעכקייט ווי איך מיין שטרעבונג. און אויב ער פאַרלירט זיין געלט, ווייל ער האָט שלעכט אויסגערעכנט, ווייזט זיך שוין דורך דעם זיין טראַנסאַקציע אַרויס פאַר אוממאָראַליש. און היות איך האָב אים אויסגעטיילט זיין פאַרדינטע שטראָף, קען איך זיך אַפילו שטאָלץ קלאַפּן אין דער ברוסט, ווי אַ מאָדערנער ראַדאַמאַנטוס.** אויך אויף דער בירזשע הערשט די ליבע, אויף וויפיל זי איז נישט קיין סענטימענטאַלע פּראַזע בלויז, וואָרעם איטלעך איינער געפינט דאָך אינעם אַנדערן די באַפרידיקונג פון זיין שטרעבונג צו גליקלעכקייט, וואָס איז דאָך טאַקע פונקט אָט דאָס, וואָס די ליבע דאַרף געבן און וואָס זי דאַרף טון אין דער פּראַקטיק. און אויב איך זע נאָר ריכטיק פאָראויס די קאָנסעקווענצן פון מיינע אָפּעראַציעס, ד. ה., איך שפּיל מיט דערפאָלג, דערפיל איך די סאַמע שטרענגסטע פאָדערונגען פון פייערבאַכס מאָראַל, און ווער דערצו נאָך אַ רייכער מאַן. מיט אַנדערע ווערטער, פייערבאַכס מאָראַל איז צוגעשניטן אַקוראַט פאַר דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי ווינציק ער זאָל עס אַליין נישט האָבן געוואָלט אָדער זיך עס האָבן אָנגעשטויסן.

אָבער די ליבע! — יאָ, די ליבע איז אומעטום און אין אַלע צייטן דער געטלעכער בעל־מופת, וואָס דאַרף ביי פייערבאַכן אַרויסהעלפן אין אַלע

* אין 1866 איז די מלחמה צווישן פּריסן און עסטרייך פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ נצחון פון פּריסישן מיליטער. דער דאָזיקער נצחון איז דורך די דייטשישע היסטאָריקער און פּובליציסטן פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי דער זיג פון אַ פיל העכערער קולטור און בילדונג. די דאָזיקע לעגענדע האָט געפונען איר אויסדרוק אינעם געפליגלטן וואָרט, אַז ביי סאַדאָווע האָט געזיגט דער פּריסישער „שולמייסטער".

** לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע איז ראַדאַמאַנטוס פאַר זיין יושרדיקייט באַשטימט געוואָרן פאַר אַ ריכטער אין גיהנום

שווערקייטן פון פראַקטישן לעבן — און דאָס אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז צעשפּאָלטן אויף קלאַסן מיט דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן. דערמיט פאַרשווינדט פון זיין פילאָסאָפיע דאָס לעצטע רעשטל פון איר רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, און סע בלייבט נאָר דאָס אַלטע לידל: ליבט זיך איינס ס'אַנדערע, פאַלט אייך איינס דאָס אַנדערע אין די אָרעמס אָן שום אונטערשיד פון געשלעכט און שטאַנד — אָן אוניווערסאַלע אָרגיע פון שלום־מאַכעריי.

קורץ און גוט. מיט פייערבאַכס מאָראַל־טעאָריע קומט פאָר דאָס זעלבע וואָס מיט אַלע אירע פאָרגייערינס. זי איז צוגעשניטן פאַר אַלע צייטן, אַלע פעלקער, אַלע צושטאַנדן, און קען טאַקע אַט דערפאַר קיינמאָל און אין ערגעץ נישט אָנגעווענדט ווערן, און בלייבט לגבי דער רעאַלער וועלט פונקט אַזוי אָנמעכטיק ווי קאַנטס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. אין דער רעאַלקייט האָט יעדער קלאַס, אפילו יעדע פּראָפעסיע, אָן אייגענע מאָראַל, און ברעכט אפילו אויך אָט די מאָראַל, וואו נאָר מע קען עס טון אומבאַשטראָפט. און די „ליבע", וואָס פאַראייניקט כלומרשט אַלעמען, מאַניפעסטירט זיך אין מלחמות, סכסוכים, פּראָצעסן, היימישע רייסערייען, גטן, און אין יעדער מעגלעכער עקספּלואַטאַציע פון איינעם דורכן אַנדערן.

ווי אַזוי אָבער איז עס מעגלעך געווען, אַז דער גוואַלדיקער שטויס, וועלכער איז געגעבן געוואָרן דורך פייערבאַכן, זאָל פייערבאַכן אַליין לאָזן אַזוי פרוכט־לאָז? פּשוט דערפאַר, וואָס פייערבאַך האָט פונעם קיניגרייך פון אַבסטראַקציעס, וועלכן ער אַליין האָט פיינט געהאַט ווי דעם טויט, נישט געקענט געפינען דעם וועג צו דער לעבעדיקער רעאַלקייט. מיט אַלע כוחות קלאַמערט ער זיך אין דער נאַטור און אינעם מענטשן; בלייבן אָבער ביי אים נאַטור און מענטש הוילע ווערטער. סיי וועגן דער רעאַלער נאַטור און סיי וועגן דעם רעאַלן מענטשן ווייסט ער אונדז גאָרנישט וואָס דעפיניטיווס צו זאָגן. פון פייערבאַכס אַבסטראַקטן מענטשן אָבער קומט מען דעמאָלט ערשט צו רעאַלע מענטשן, ווען מע באַטראַכט זיי ווי אייגנטיול־געמענדיקע אין דער געשיכטע. האָט זיך אָבער פייערבאַך קעגן דעם עקשנותדיק אַקעגנגעשטעלט, און דעריבער האָט דאָס יאָר 1848, וועלכס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַר אים גאָר באַדייט דער פינאַלער איבעררייס מיט דער רעאַלער וועלט, דאָס צוריקציען זיך צו איינזאַמקייט. די שולד פאַר דעם טראָגן ווידער דער עיקר די [געזעלשאַפטלעכע] באַדינגונגען אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן אים געבראַכט צו זיין טרויעריקער לאַגע.

אָבער דעם שריט, וועלכן פייערבאַך האָט נישט געמאַכט, האָט פונדעסטוועגן געמוזט געמאַכט ווערן. דער קולט וועגן אַבסטראַקטן מענטשן, וואָס האָט געפורעמט דעם קערן פון פייערבאַכס נייער רעליגיע, האָט געמוזט פאַרביטן ווערן דורך דער וויסנשאַפט וועגן די רעאַלע מענטשן און וועגן זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אָט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון פייערבאַכס שטאַנדפּונקט, אַריבערשפּרייזנדיק איבער פייערבאַכן, ווערט אין 1845 געעפנט דורך מאַרקסן מיט דער „הייליקע פאַמיליע".

# IV
# דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם

שטראוס, באוער, שטירנער, פייערבאך זענען געווען אָפּצווייגונגען פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע, אויף וויפיל זיי האָבן נישט פאַרלאָזט דעם פילאָסאָפישן באָדן. שטראוס האָט נאָך זיין „לעבן פון יעזוס“ און דער „דאָגמאַטיק“ פּראָדוצירט בלויז פילאָסאָפישע און קירך־געשיכטלעכע בעלעטריסטיק אַ לאַ רענאַן. באוער האָט אַפילו יאָ עפּעס אויפגעטון און גאַנץ באַדייטנדיקס, אָבער בלויז אויפן פעלד פון דער אויפקום־געשיכטע פונעם קריסטנטום. שטירנער איז געבליבן אַ קוריאָז, נאָך דעם אַפילו ווי באַקונין האָט אים צונויפגעפּאָרט מיט פּרודאָנען און דאָס צונויפגעפּאָרטע געטויפט פאַר „אַנאַרכיזם“. בלויז פייערבאך איז געווען אַ באַדייטנדיקער פילאָסאָף, אָבער נישט נאָר איז די פילאָסאָפיע, וואָס פּרעטענדירט צו שוועבן איבער אַלע וויסנשאַפטן און די אַלץ ארומ־כאַפּנדיקע וויסנשאַפט פון וויסנשאַפטן צו זיין, פאַר אים געבליבן אַ באַריער נישט צום איבערשפּרייזן, אַן אומבאַרירלעך הייליקטום, נאָר אויך ווי אַ פילאָסאָף איז ער געבליבן שטיין אויפן האַלבן וועג; פון אונטן איז ער אַ מאַטעריאַליסט געווען און פון אויבן — אַן אידעאַליסט. מיט העגעלן איז ער קריטיש נישט פאַרטיק געוואָרן, נאָר ער האָט אים פּשוט אָפּגעוואָרפן אין אַ זייט ווי עפּעס אומניצלעכס, בעת ער אַליין האָט אין פאַרגלייך מיט דער ענציקלאָפּעדישער עשירות פונעם העגעליאַנישן סיסטעם נישט אַקעגנגעשטעלט קיין שום פּאָזיטיווס, אַ חוץ אַן אויפגעבלאָזענע ליבעס־רעליגיע און אַ מאָגערע, אימפּאָטענטע מאָראַל.

איז אָבער אוים דער צעפאַלונג פון דער העגעליאַנישער שול אַרויסגעקומען נאָך אַן אַנדער ריכטונג, די איינציקע, וואָס האָט באמת געבראַכט פּרוכטן. אָט די ריכטונג איז אין איר תּוך צונויפגעקניפּט מיטן נאָמען מאַרקס.*

דער איבעררייס מיט דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע איז אויך דאָ געווען דער רעזולטאַט פון אַ צוריקקער צום מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט. דאָס

* זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן אַ פּערזענלעכע דערקלערונג. מע האָט לעצטנס נישט איינמאָל אָנגעוויזן אויף מיין אייגנטייל אין דער דאָזיקער טעאָריע, און איך קען מיך דעריבער נישט צוריקהאַלטן פון צו זאָגן עטלעכע ווערטער, דורך וועלכע אָט דער פּונקט וועט זיך אויפקלערן. איך קען נישט לייקענען, אַז כ'האָב ביז און בעת מיין פערציק־יעריקער צונויפאַרבעט מיט מאַרקסן אין דער באַגרינדונג און בפרט אין דער אויס־אַרבעטונג פון דער טעאָריע געהאַט אַ געוויסן און זעלבשטענדיקן חלק. דער גרעסטער טייל אָבער פון די אָנפירנדיקע גרונט־געדאַנקען, בפרט אויפן עקאָנאָמישן און היס־טאָרישן פעלד, און ספּעציעל זייער פינאַלע שאַרפע פאָרמולירונג, געהערט מאַרקסן. דאָס, וואָס איך האָב בייגעשטייערט, וואָלט מאַרקס — מיטן אויסנאַם אפשר פון אַ פּאָר ספּעציעלע שטודיעס — גאַנץ גוט געקאָנט אויספילן אויך אָן מיר. דאָס אָבער וואָס מאַרקס האָט אויפגעטון, אָט דאָס וואָלט איך שוין נישט געקאָנט באַווייזן. מאַרקס איז געשטאַנען העכער, האָט געזען ווייטער, און האָט געהאַט אַ סך אַ ברייטערן און גיכערן קוק ווי מיר אַלע. מאַרקס איז געווען אַ געני, מיר, די איבעריקע, העכסטנס טאַלענטן. אָן אים וואָלט די טעאָריע היינט ווייט נישט געווען דאָס, וואָס זי איז. זי טראָגט דעריבער מיט רעכט זיין נאָמען. (אָנמערקונג פון פ. ענגעלסן.)

הייסט, מע האָט זיך אַנטשלאָסן צו באַנעמען די רעאַלע וועלט — די נאַטור און די געשיכטע — אַט אַזוי, ווי זי אַליין פּרעזענטירט זיך צו איטלעך איינעם, וואָס גייט צו איר צו אָן שום פון פריער צוגעגרייטע אידעאַליסטישע אויסטראַכטענישן; מע האָט זיך אַנטשלאָסן אָן שום רחמנות צו ברענגען פּאַר אַ קרבן יעטווידע אידעאַליסטישע אויסטראַכטעניש, וואָס שטימט נישט מיט די פאַקטן, ווי זיי ווערן באַנומען אין זייער אייגענער, און נישט אין עפּעס אַ פאַנטאַסטישער פאַרבינדונג. און בכלל גענומען מיינט מאַטעריאַליזם נישט מער ווי אַט דאָס. דאָ אָבער האָט מען צום ערשטן מאָל דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט־בליק באמת גענומען ערנסט, און ער איז — אין זיינע גרונט־שטריכן — ווינציקסטנס קאָנסעקווענט דורכגעפירט געוואָרן אין אַלע ספערן פון וויסן.

העגעל איז נישט פשוט אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט. פאַרקערט גאָר, מע נעמט אָן פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט זיין דאָ אויבן־באַשריבענע רעוואָלוציאָנערע זייט, זיין דיאַלעקטישע מעטאָדע. האָט מען אָבער אין איר העגעלשער פאָרם אָט די מעטאָדע נישט געקענט אָנווענדן. ביי העגעלן איז די דיאַלעקטיק די זעלבסט־אַנטוויקלונג פונעם באַגריף [קאָנצעפּט]. דער אַבסאָליוטער באַגריף איז נישט נאָר פאַראַנען פון אייביק אָן, — מע ווייסט נישט ווו, — נאָר ער איז אויך די אייגנט־לעכע לעבעדיקע נשמה פון דער גאַנצער עקזיסטירנדיקער וועלט. ער אַנטוויקלט זיך צו זיך אַליין דורך די אַלע פאָרשטאַפּלען, וועלכע זענען אין אים [אינעם באַגריף] איינגעשלאָסן, און וואָס ווערן אויספירלעך באַהאַנדלט אין דער „לאָגיק". דערנאָך „פאַרדרויסנט" ער זיך, דורכן פאַרוואַנדלען זיך אין נאַטור, ווו אָן שום באַוווּסטזיין וועגן זיך אַליין, אין דער פאָרם פון אַ נאַטור־נויטווענדיקייט, מאַכט ער דורך אַ נייע אַנטוויקלונג, און קומט לסוף אינעם מענטשן צוריק צום זעלבסטבאַוווּסטזיין. אָט דאָס זעלבסטבאַוווּסטזיין אַרבעט זיך אין דער געשיכטע ווידער אַרויס פונעם פּרימיטיוון צושטאַנד, ביז דער אַבסאָליוטער באַגריף קומט צום סוף ווידער פולשטענדיק צו זיך אַליין אין העגעלס פילאָסאָפיע. די דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע, ד. ה., די קאַוזאַלע צונויפגעבונדנקייט פון דער פּראָגרעסירנדיקער באַוועגונג פונעם נידעריקערן צום העכערן, וואָס שלאָגט זיך אַדורך דורך אַלע זיגזאַג־באַוועגונגען און צייטווייליקע צוריקשטויסונגען, איז ביי העגעלן אַ בילי קע קאָפּיע בלויז פון דער זעלבסטבאַוועגונג פונעם באַגריף, וואָס גייט אָן פון אייביק אָן, קיינער ווייסט נישט ווו, איז אָבער יעדנפאַלס אומאָפּהענגיק פון אַ וואָסערן סע איז דענקענדיקן מענטשלעכן מוח. אָט די אידעאָלאָגישע פאַרקריפּלונג האָט מען געמוזט באַזייטיקן. האָבן מיר די באַגריפן ווידעראַמאָל אויפגענומען אין אונדזערע קעפּ מאַטעריאַליסטיש — ווי אָפּשפּיגלונגען פון רעאַלע זאַכן, אַנשטאָט די רעאַלע זאַכן צו באַטראַכטן ווי אָפּשפּיגלונגען פון דעם אָדער יענעם שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פונעם אַבסאָליוטן באַגריף. דערמיט איז די דיאַלעקטיק דערפירט געוואָרן צו דער וויסנשאַפט וועגן די אַלגעמיינע געזעצן פון באַוועגונג, סיי אין דער דרויסנדיקער וועלט סיי אינעם מענטשלעכן דענקען — צוויי רייען געזעצן, וואָס זענען אין תוך גענומען אידענטיש, אָבער וואָס זענען לויט זייער אויסדרוק אויף אַזוי פיל פאַרשידן, אַז דער מענטשלעכער קאָפּ קען זיי אָנווענדן באַוווּסטזיניק, בעת אין דער נאַטור, און ביז איצט גרעסטנטיילס אויך אין דער מענטשלעכער געשיכטע, שלאָגן זיך אָט די געזעצן

אדורך אויף אן אומבאוווסטזיניקן אופן אין דער פאָרם פון א דרויסנדיקער נויטווענדיקייט, אין מיטן פון אן אומענדלעכער רייע כלומרשטע צופעליקייטן. דערמיט איז אָבער די דיאַלעקטיק פונעם באַגריף גופא געוואָרן דער באוווסטזיניקער רעפלעקס בלויז פון דער דיאַלעקטישער באַוועגונג אין דער רעאַלער וועלט, און די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק איז דורך דעם אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן קאָפּ, אָדער בעסער געזאָגט, פונעם קאָפּ, אויף וועלכן זי איז פריער געשטאַנען, איז זי צוריק אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די פיס. און אָט די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק, וואָס איז שוין זינט אַ סך יאָרן דאָס בעסטע אַרבעט־מיטל אונדזערס און אונדזער שאַרפסט געווער, איז, אויף אַן אויסטערלישן אופן, נישט נאָר דורך אונדז, נאָר אַ חוץ דעם, אומאָפּהענגיק פון אונדז און פון העגעלן אַפילו, נאָכאַמאָל אַנטדעקט געוואָרן דורך אַ דייטשישן אַרבעטער, יאָזעף דיטצגען.*

אָט דערמיט איז אָבער צוריק אויפגענומען געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע זייט פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע און זי גלייכצייטיק באַפרייט פון די אידעאַליסטישע באַזוימונגען, וואָס האָבן ביי העגעלן געשטערט איר קאָנסעקווענטע דורכפירונג. דער גרויסער גרונט־געדאַנק, אַז די וועלט קען נישט באַנומען ווערן ווי אַ קאָמפּלעקס פון פאַרטיקע זאַכן, נאָר ווי אַ קאָמפּלעקס פון פּראָצעסן, אין וועלכער די כלומרשט סטאַבילע זאַכן מאַכן דורך, פּונקט ווי זייער געדאַנקען־אָפּשפּיגלונג ביי אונדז אין קאָפּ — די באַגריפן — אַן אומאויפהערלעכע פאַרענדערונג פון אויפקומען און פאַרגיין, און וואָס ביי אַלע כלומרשטע צופעליקייטן און נישט קוקנדיק אויף אַלע צייטווייליקע צוריקטריטן, סע שלאָגט זיך סוף־כל־סוף דורך אַ וועג די פּראָגרעסירנדיקע אַנטוויקלונג — אָט דער גרויסער גרונט־געדאַנק, בפרט נאָך זינט העגעלן, איז אַזוי שטאַרק אַריינגעדרונגען אינעם געוויינטלעכן באַוווסטזיין, אַז סע איז כמעט נישט געבליבן קיינער, וואָס זאָל דעם דאָזיקן כלל דערווידערן. אָבער מיטן מויל אים [אָט דעם גרונט־געדאַנק] צו אָנערקענען, און אין דער רעאַלקייט אים אין זיינע פּרטים אדורכצופירן אויף יעטווידן געגעבענעם פאָרשונג־פעלד, איז צוויי באַזונדערע זאַכן. ווען די פאָרשונג זאָל אָבער תמיד אַרויסגיין פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, הערט מען דעמאָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף צו פאָדערן פינאַלע לייזונגען און אייביקע אמתן; מע האָט דעמאָלט שטענדיק דעם באַוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקער באַגרענעצטקייט פון אַלע אונדזערע איינגעשאַפטע קענטעניש, און וועגן די קאָנדיציאָנירטע אומשטענדן, ביי וועלכע אָט די קענטעניש זענען איינגעשאַפט געוואָרן. מע לאָזט זיך אָבער אויך נישט מער אימפּאָנירן פון די ווידעראַנאַנדן צווישן אמת און פאַלש, גוט און שלעכט, אידענטיש און פאַרשידן, נויטווענדיק און צופעליק — ווידעראַנאַנדן, וועלכע די נאָך אַלץ שטאַרק פאַרשפּרייטע אַלטע מעטאַפיזיק האָט ביז איצט נישט געקענט נאָך בייקומען. מע דערוויסט זיך, אַז די ריכטיקייט פון אָט די ווידעראַנאַנדן איז אַ רעלאַטיווע בלויז; אַז דאָס וואָס ווערט איצט אָנערקענט פאַר אמת, האָט זיין פאַרבאָרגענע פאַלשע זייט, וואָס וועט זיך שפּעטער מאַניפעסטירן, פּונקט ווי

* זע: "Das Wesen der Kopfarbeit, von einem Handarbeiter." Hamburg, Meissner, 1869. (אָנמערקונג פון פ. ענגעלסן.)

דאָס, וואָס ווערט איצט אָנערקענט פאַר פאַלש, האָט זיין אמתע זייט, וואָס א דאַנק איר האָט עס געקענט פריער פאַררעכנט ווערן פאַר אמת. מע דערוויסט זיך אויך, אַז דאָס וואָס ווערט פאַר נויטווענדיק געהאַלטן, באַשטייט אויס לויטער צופעליקייטן, און אַז דאָס אַזוי־גערופענע צופעליקע איז די פאָרם, אונטער וועלכער סע פאַרבאַרגט זיך די נויטווענדיקייט — א. אז. וו.

די אַלטע פאָרשונג־ און דענק־מעטאָדע, וועלכע העגעל רופט־אָן „מעטאַפיזישע”, וואָס האָט דער עיקר זיך פאַרנומען מיטן פאָרשן זאַכן, ווי מיט עפּעס, וואָס איז פיקסירט און סטאַביל, א מעטאָדע וואָס אירע רעשטלעך זיצן נאָך אַלץ שטאַרק אין די מוחות, האָט אין איר צייט געהאַט א גרויסע היסטאָרישע באַרעכטיקונג. מע האָט געמוזט פריער אויספאָרשן זאַכן, איידער מע האָט זיך געקענט נעמען אויספאָרשן פּראָצעסן. סע איז פריער נייטיק געווען צו דערוויסן זיך, וואָס אַזוינס א זאַך איז, איידער מע האָט געקענט פאַרנעמען די פאַרענדערונגען, וואָס גייען אין איר אָן. אָט אַזוי איז עס געווען אין דער נאַטורוויסנשאַפט. די אַלטע מעטאַפיזיק, וואָס האָט אַקצעפּטירט זאַכן ווי פאַרטיקע אָביעקטן, איז אויפגעקומען אויס א נאַטורוויסנשאַפט, וועלכע האָט געפאָרשט טויטע און לעבעדיקע זאַכן ווי פאַרטיקע [און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרפיקסירטע] אָביעקטן. ווען אָבער די פאָרשונג [פון איינצלנע זאַכן] איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז סע איז מעגלעך געוואָרן צו נעמען אָן אַנטשיידנדיקן שריט פאָראויס, ד. ה., איבערצוגיין צו דער סיסטעמאַטישער אויספאָרשונג פון די פאַרענדערונגען וואָס אָט די זאַכן גייען אדורך אין דער נאַטור, דעמאָלט שלאָגט אויך אין דער ספערע פון דער פילאָסאָפיע די לעצטע שעה פאַר דער אַלטער מעטאַפיזיק. און סע איז א פאַקט, אַז בעת די נאַטורוויסנשאַפט איז ביזן סוף פון לעצטן יאָרהונדערט געווען דער עיקר אַן איינזאַמלענדיקע וויסנשאַפט, א וויסנשאַפט וועגן פאַרטיקע זאַכן, איז זי אין אונדזער [ניינצנטן] יאָרהונדערט אין איר תוך א קלאַסיפיצירנדיקע וויסנשאַפט, א וויסנשאַפט וועגן די פּראָצעסן, וועגן דעם אָפּשטאַם און דער אַנטוויקלונג פון אָט די זאַכן, און וועגן דער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג, וואָס פאַרקניפּט אָט די אַלע נאַטורעלע פּראָצעסן אין איין גרויסן גאַנצן. פיזיאָלאָגיע, וואָס פאָרשט אויס די פּראָצעסן אינעם אָרגאַניזם פונעם געוויקס און פונעם בעל־חי; עמבריאָלאָגיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער אַנטוויקלונג פונעם איינצלנעם אָרגאַניזם פונעם זאָמענקערנדל ביז צו זיין רייפקייט; געאָלאָגיע, וואָס פאָרשט די גראַדנווייזע אויספורעמונג פון דער ערדס אויבערפלאַך — אָט די אַלע וויסנשאַפטן זענען קינדער פון אונדזער [ניינצנטן] יאָרהונדערט.

קודם־כל אָבער זענען געווען דריי גרויסע אַנטדעקונגען, וואָס האָבן מיט ריזיקע שריט א רוק געטון פאָראויס אונדזערע קענטענישן וועגן דער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג פון די נאַטור־פּראָצעסן: ערשטנס, די אַנטדעקונג פון דער צעל, ווי די איינהייט, וואָס אויס איר פילפאַכיקער פאַרמערונג און דיפערענצירונג סע אַנטוויקלט זיך דער גאַנצער קערפּער פונעם געוויקס און פונעם בעל־חי — אַזוי אַז נישט נאָר ווערט מען [דורך אָט דער אַנטדעקונג] געוואָר, אַז די אַנטוויקלונג און דער וווּקס פון אַלע העכערע אָרגאַניזמען קומט פאָר לויט אַן איינציקן אַלגעמיינעם געזעץ נאָך, נאָר אין דער פייאיקייט פון דער צעל צו פאַרענדערן זיך ווערט אויך געוויזן דער וועג, דורך וועלכן אָרגאַניזמען פאַר־

ענדערן זייער אַרט און קענען אַזוינאַך דורכמאַכן מער ווי אַן אינדיווידועלע אַנטוויקלונג. צווייטנס, די פאַרוואַנדלונג פון ענערגיע, וואָס האָט אונדז געוויזן, אַז אַלע די אַזוי־גערופענע כוחות, וואָס אָפּערירן קודם־כל אין דער נישט־אָרגאַנישער נאַטור: די מעכאַנישע קראַפט און איר דערגאַנצונג, די אַזוי־גערופענע פּאָטענציעלע ענערגיע, וואַרעמקייט, שטראַלונג (ליכט אָדער שטראַלנדיקע וואַרעמקייט), עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם, כעמישע ענערגיע — זענען פאַרשידענע זיך מאַניפעסטירנדיקע פאָרמען פון דער אוניווערסאַלער באַוועגונג, וואָס גייען אין באַשטימטע פאָרמען איבער איינע אין דער אַנדערער, אַזוי אַז ווען סע פאַרשווינדט אַ באַשטימטע קוואַנטיטעט פון איינער [פון אָט די פאָרמען פון ענערגיע], באַווייזט זיך אויף איר אָרט אַ באַשטימטע קוואַנטיטעט פון אַן אַנדערער פאָרם, און אָט אַזוינאַך ווערט די גאַנצע באַוועגונג אין דער נאַטור רעדוצירט צו אָט דעם אָנאויפהערלעכן פּראָצעס פון פאַרוואַנדלונג פון איין פאָרם אין אַן אַנדערער. לסוף, דער אויפווייז, וועלכן דאַרווין איז געווען דער ערשטער צו אַנטוויקלען אין אַ געבונדענער פאָרם, אַז דער באַשטאַנד פון די אָרגאַנישע נאַטור־פּראָדוקטן, וואָס רינגלען אונדז היינט אַרום, אויך דעם מענטשן אַריינגערעכנט, איז דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגן עוואָלוציע־פּראָצעס פון אַ קליינער צאָל אָריגינעלע איין־צעליקע זאָמען־קערנדלעך, און אַז זיי ווידער [די דאָזיקע זאָמען־קערנדלעך] זענען אַרויסגעקומען אויס דער פּראָטאָפּלאַזם אָדער איי־ווייסל, וועלכע זענען אויפגעקומען אויף אַ כעמישן אופן.

אַ דאַנק אָט די דריי גרויסע אַנטדעקונגען און די איבעריקע געוואַלטיקע אַוואַנסירונגען אין דער נאַטורוויסנשאַפט, האָבן מיר שוין דערגרייכט איצט יענעם פּונקט, ווו מיר קענען דערווייזן די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג פון די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור נישט נאָר אין די איינצלנע ספערן, נאָר אויך די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג פון אָט די איינצלנע ספערן צווישן זיך אינעם גאַנצן און גרויסן, און אָט אַזוינאַך צו קענען געבן אַן אַלץ־אַרומכאַפּנדיק בילד פון דער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג אין דער נאַטור אין אַ גענוג סיסטעמאַטישער פאָרם, דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַקטן, געליווערטע דורך דער עמפּירישער נאַטורוויסנשאַפט גופא. אָט אַזאַ אַלץ־אַרומכאַפּנדיק בילד צו ליווערן, איז געווען פריער די אויפגאַבע פון דער אַזוי־גערופענער נאַטור־פילאָסאָפיע. זי האָט דאָס געקענט טון נאָר דורך דעם, וואָס זי האָט די נאָך דעמאָלט אומבאַקאַנטע רעאַלע צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען פאַרביטן מיט אידעעלע, פאַנטאַסטישע, און די פעלנדיקע פאַקטן דערגאַנצט מיט אויסטראַכטענישן פונעם קאָפּ, אויספילנדיק די אַקטועלע בלייזן — אינעם דמיון בלויז. זי האָט דערביי אַ מאַסע געניאַלע געדאַנקען אַרויסגעבראַכט, טייל שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען פאָראויס געזאָגט, זי האָט אָבער אויך גענוג נאָנסענס אַרויסגערוקט, און דאָס האָט דעמאָלט דאָך נישט געקענט אַנדערש זיין. היינט, ווען מע דאַרף נאָר די רעזולטאַטן פון דער נאַטורפאָרשונג אויפנעמען דיאַלעקטיש, ד. ה., אינעם זין פון זייערע אייגענע צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען, כדי צוצוקומען צו אַ „סיסטעם פון דער נאַטור", אַ גענוגנדיקער פאַר אונדזער צייט; ווען דער דיאַלעקטישער כאַראַקטער פון אָט דער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג צווינגט זיך אַרויף אפילו אויף די מעטאַפיזיש־געטרענירטע קעפּ פון די נאַטורפאָרשער קעגן זייער ווילן — היינט איז די נאַטור־פילאָסאָפיע לגמרי

באַזייטיקט. יעטווידער פּרוּוו זי ווידער אויפצולעבן וואָלט נישט נאָר געווען איבעריק, נאָר וואָלט געווען אַ שריט אויף צוריק.

דאָס אָבער, וואָס איז ריכטיק וועגן דער נאַטור, וועלכע ווערט איצט דעריבער פאַרשטאַנען ווי אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, איז אויך ריכטיק וועגן דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אין אַלע אירע צווייגן, און וועגן אַלע וויסנשאַפטן צוזאַמען גענומען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט מענטשלעכע (און געטלעכע) ענינים. אויך דאָ איז די פילאָסאָפיע פון געשיכטע, פון רעכט, פון רעליגיע א. אז. וו. [פּונקט ווי די פילאָסאָפיע פון נאַטור] באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס אָרט פון דער צווישנאַנאַנדיקער אַקטועלער פאַרבינדונג, וועלכע דאַרף זיך דעמאָנסטרירן אין די געשעענישן גופא, האָט פאַרנומען אַ צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג, וועלכע איז פאַבריצירט געוואָרן אינעם קאָפּ פונעם פילאָסאָף; אין דעם, וואָס די געשיכטע ווי אַ גאַנצע, אַזוי גוט ווי אירע באַזונדערע טיילן, זענען אויפגענומען געוואָרן ווי די גראַנדוויוזע רעאַליזירונג פון אידייען, און דאָס, פאַרשטייט זיך, תמיד נאָר די באַליבטע אידייען פון אָט דעם פילאָסאָף טאַקע. לויט אָט דעם נאָך, האָט די געשיכטע אומבאַוווּסטזיניק, אָבער מיט נויטווענדיקייט, זיך באַוועגט צו אַ געוויסן אין פאָראויס אָוועקגעשטעלטן אידעאַלן ציל, — ווי ביי העגעלן, למשל, צו דער רעאַליזירונג פון זיין אַבסאָליוטער אידייע, און די אומאָפּנייגלעכע שטרעבונג צו אָט דער אַבסאָליוטער אידייע האָט ביי העגעלן געפורעמט די אינעווייניקסטע צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג אין די היסטאָרישע געשעענישן. אויפן אָרט פון דער רעאַלער נאָך אומבאַקאַנטער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג האָט מען אַזוינאַך אויפגעשטעלט אַ נייע — אומבאַוווּסטזיניקע אָדער פּאַמעלעך צום באַוווּסטזיין דערגייענדיקע — מיסטעריעזע געטלעכע קראַפט. סע איז דאָ דעריבער, פּונקט ווי אויפן פעלד פון דער נאַטור, נייטיק געווען צו באַזייטיקן אָט די פאַבריצירטע קינסטלעכע צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען דורכן אויסגעפינען די רעאַלע; אַן אויפגאַבע, וואָס האָט סוף־כל־סוף דערפירט צו דער אַנטדעקונג פון די אַלגעמיינע געזעצן פון באַוועגונג, וואָס שלאָגן זיך דורך אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווי די הערשנדיקע.

נו, ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אין איין פּונקט איז די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אין תוך גאַנץ אַנדערש ווי די [אַנטוויקלונגס־געשיכטע] אין דער נאַטור. אין דער נאַטור — אויף וויפיל מיר נעמען נישט אין אַכט די צוריקווירקונג פונעם מענטשן אויף דער נאַטור — זענען עס לויטער אומבאַוווּסטזיניקע בלינדע כוחות, וואָס ווירקן איינס אויף דאָס אַנדערע, און דורך אָט דער צווישנשפּיל קומט דאָס אַלגעמיינע געזעץ צום אויסדרוק. אין אַלץ, וואָס קומט פאָר [אין דער נאַטור] — סיי אין די אָן אַ שיעור אויסגעדאַכטע צופעליקייטן, וועלכע מע זעט אויף דער אויבערפלאַך [פון זאַכן], אָדער אין די פאַרענדיקטע רעזולטאַטן, וואָס באַשטעטיקן די געזעצמעסיקייט אינעווייניק אין אָט די צופעליקייטן — קומט גאָר נישט פאָר ווי אַ באַוווּסטזיניק געוואָלטער ציל. אַקעגן אָבער זענען אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אַקטיוו מענטשן, באַשאָנקענע מיט באַוווּסטזיין, וואָס זענען אַקטיוו מיט איבערלייגונג אָדער דורך ליידנשאַפט, אַרבעטנדיק פאַר באַשטימטע צילן; קיין שום זאַך געשעט דאָ נישט אָן אַ באַוווּסטזיניקער כוונה, אָן אַ געוואָלטן ציל. קעגן

אָבער אַט דער אונטערשיד, ווי וויכטיק ער זאָל נישט זיין פאַר דער היסטאָרישער פאָרשונג, בפרט פון איינצלנע עפּאָכן און געשעענישן, נישט ענדערן דעם פאַקט, אַז דער קורס פון דער געשיכטע ווערט באַהערשט דורך אינעווייניקסטע אַל־געמיינע געזעצן. וואָרעם אויך דאָ, נישט קוקנדיק אויף דער באַוווּסטזיניקער שטרעבונג פון אַלע אינדיווידועלע מענטשן צו באַשטימטע צילן, הערשט באַ־שיימפּערלעך אויף דער אויבערפלאַך, אינעם גאַנצן און גרויסן, דער צופאַל. נאָר זעלטן געשעט דאָס געוואָלטע; אין מייסטע פאַלן שניידן זיך דורך איינס דאָס אַנדערע און קומען צווישן זיך אין קאָנפליקט די פילצאָליקע געוואָלטע צילן [וואָס די אינדיווידועלע מענטשן האָבן זיך געשטעלט], אָדער סע איז אַט די צילן גופא שוין פון אָנהייב־אָן אוממעגלעך דורכצופירן, אָדער די מיטלען [זיי צו דערגרייכן] זענען נישט גענוגנדיק. אַט אַזוינאַך פירן די קאָנפליקטן צווישן די אָן אַ שיעור אינדיווידועלע ווילנס און אינדיווידועלע טואונגען אויפן פעלד פון געשיכטע צו אַ צושטאַנד, וועלכער איז אינגאַנצן אַנאַלאָגיש צו דעם, וואָס הערשט אין דער באַוווּסטלאָזער נאַטור. די צילן פון די טואונגען זענען געוואָלטע, אָבער די רעזולטאַטן וואָס קומען פאַקטיש אַרויס פון אַט די טואונגען, זענען נישט די געוואָלטע; אָדער אַפילו ווען סע דאַכט זיך לכתחילה אויס, אַז זיי שטימען זיך צונויף מיט די געוואָלטע צילן, האָבן זיי אָבער סוף־כל־סוף גאַנץ אַנדערע קאָנסעקווענצן ווי די געוואָלטע. אַט דעריבער ווייזט זיך אויס, אַז אויך היסטאָרישע געשעענישן ווערן, אינעם גאַנצן און גרויסן, פּונקט אַזוי [ווי אין דער באַוווּסטלאָזער נאַטור] באַהערשט פון צופעליקייט. דאָרט אָבער וווּ אויף דער אויבערפלאַך טרייבט זיין שפּיל דער צופאַל, דאָרטן ווערט ער שטענדיק פון אינעווייניקסטע פאַרבאָרגענע געזעצן באַהערשט, און סע גייט נאָר אין דעם, די דאָזיקע געזעצן צו אַנטדעקן.

ווי סע זאָל זיך נישט אויסלאָזן, מאַכן תמיד מענטשן זייער געשיכטע אַט אַזוי: איטלעך איינער יאָגט זיך נאָך זיינע אייגענע באַוווּסטזיניק געוואָלטע צילן, און די רעזולטאַטן פון אַט דער מאַסע ווילנס, אַפּעריריקנדיקע אין פאַרשידענע ריכטונגען, און פון זייער פילאַרטיקער אויפווירקונג אויף דער דרויסנדיקער וועלט — אַט די רעזולטאַטן זענען דאָס די געשיכטע. שטעלט זיך בכן אויך די פראַגע, וואָס זשע אַזוינס ווילן זיי עס, אַט די מאַסע אינדיווידועלע מענטשן? דער ווילן ווערט דעטערמינירט דורך לײַדנשאַפט אָדער איבערלייגונג. אָבער יענע הייב־שטאַנגען, וועלכע דעטערמינירן דירעקט די לײַדנשאַפט אָדער די איבער־לייגונג, זענען זייער פאַרשידנאַרטיק. טיילווייז קענען עס דרויסנדיקע אָביעקטן זיין, טיילווייז אידייאישע מאָטיוון: יאָגן זיך נאָך כבוד, „באַגייסטערונג פאַר אמת און יושר", פּערזענלעכע שנאה, אָדער אַפילו כלערליי ריין־אינדיווידועלע קאַפּריזן. האָבן מיר דאָך אָבער פון איין זייט געזען, אַז די מאַסע אינדיווידועלע ווילנס, וואָס זענען אַקטיוו אין דער געשיכטע, פּראָדוצירן מייסטנטיילס גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן ווי די געוואָלטע — אָפּטמאָל פּונקט פאַרקערטע; האָבן דעריבער זייערע מאָטיוון [וואָס באַוועגן זיי אַקטיוו צו זיין אין דער געשיכטע] אין לעצטן סך־הכל פּונקט אַזוי אויך אַ סעקונדערן באַדייט בלויז. פון דער אַנדערער זייט פרעגט זיך ווייטער, וואָסערע טרייב־כוחות שטייען הינטער אַט די מאָטיוון? וועלכע זענען עס די היסטאָרישע סיבות, וואָס פורעמען זיך איבער

אין די מוחות פון די אַקטיווע מענטשן [אין דער געשיכטע] אין אַט אַזוינע מאָטיוון?

אָט די פראַגע האָט דער אַלטער מאַטעריאַליזם זיך קיינמאָל נישט געשטעלט. זיין קאָנצעפּציע וועגן געשיכטע, אויף וויפיל ער האָט בכלל געהאַט אַזוינס, איז דעריבער אין תוך פּראַגמאַטיש: אַלצדינג משפּט ער לויטן די מאָטיוון פון דער טואונג נאָך; די אַקטיווע מענטשן אין דער געשיכטע צעטיילט ער אויף איידעלע און נישט־איידעלע, און געפינט דעמאָלט אויס, אַז ווי אַ כלל זענען די איידעלע די באַשווינדלטע און די נישט־איידעלע די זיגער. דערפון האָט דער אַלטער מאַטעריאַליזם געדרונגען, אַז פונעם שטודירן געשיכטע קריגט מען אַרויס ווייניק־וואָס באַלערנדיקס, און פאַר אונדז [אָבער איז געדרונגען], אַז אין דער ספערע פון געשיכטע איז דער אַלטער מאַטעריאַליזם געוואָרן זיך אַליין אומ־געטריי, ווייל ער האָט די אידייאישע טרייב־כוחות, וואָס אָפּערירן דאָרטן, אָנ־גענומען ווי די לעצטע סיבות [פון היסטאָרישע געשעענישן], אָנשטאָט אויס־פאָרשן וואָס סע שטייט אייגנטלעך הינטער זיי; וואָס סע זענען די טרייב־כוחות פון די דאָזיקע טרייב־כוחות. די נישט־קאָנסעקווענטקייט ליגט נישט אין דעם, וואָס סע ווערן אָנערקענט אידייאישע טרייב־כוחות, נאָר אין דעם, וואָס אָפּ־שטעלנדיק זיך אויף זיי, איז די אויספאָרשונג נישט געגאַנגען ווייטער צו זייערע באַוועגנדיקע סיבות. אַקעגן אָבער, די פילאָסאָפיע פון געשיכטע, בפרט ווי זי ווערט רעפּרעזענטירט דורך העגעלן, אָנערקענט, אַז די באַשיימפּערלעכע און אויך די רעאַל אָפּערירנדיקע מאָטיוון פון מענטשן, וואָס פיגורירן אין דער געשיכטע, זענען בשום־אופן נישט די לעצטע סיבות פון די היסטאָרישע גע־שעענישן, אַז הינטער די דאָזיקע מאָטיוון שטייען אַנדערע באַוועגנדיקע כוחות, וועלכע דאַרפן אויסגעפאָרשט ווערן. אָט די כוחות אָבער זוכט זי [די פילאָ־סאָפיע פון געשיכטע] נישט אין דער געשיכטע גופא, נאָר זי אימפּאָרטירט זיי ליבערשט פון דרויסן, אויס דער פילאָסאָפישער אידעאָלאָגיע, אין דער געשיכטע אריין. אָנשטאָט די געשיכטע פונעם אַלטן גריכנלאַנד צו דערקלערן אויס איר אינעווייניקסטער צווישאַנאַנדיקער פאַרבינדונג, טענהט העגעל למשל פשוט, אַז זי איז נישט מער ווי די אויסאַרבעטונג פון „טיפּן פון שיינער אינדיווידואַלי־טעט”, די רעאַליזירונג פון אַ „קונסטווערק”, ווי אַזוינס. ביי אָט דער געלעגנהייט מאַכט ער פיל שיינע און טיפע באַמערקונגען וועגן די אַלטע גריכן, איז דאָס אָבער אַלץ קיין תירוץ נישט, פאַרוואָס מיר זאָלן היינט נאָך לאָזן זיך קאָרמען מיט אַזאַ דערקלערונג, וואָס איז נישט מער ווי אַ פראַזע.

ווען סע קומט דעריבער צו רייד וועגן אויספאָרשן די טרייב־כוחות, וועלכע שטייען — באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, און זייער אָפט טאַקע אומבאַ־וווּסטזיניק — הינטער די מאָטיוון פון מענטשן, וואָס זענען אַקטיוו אין דער געשיכטע, און וועלכע שטעלן הייסט עס צונויף אין לעצטן סך־הכל די אמתע טרייב־כוחות פון דער געשיכטע, גייט עס נישט אַזוי פיל וועגן די מאָטיוון פון יחידים, ווי חשוב זיי זאָלן אויך נישט זיין, ווי וועגן יענע מאָטיוון, וואָס ברענגען אין באַוועגונג גרויסע מאַסן, גאַנצע פעלקער, און אין איטלעכן פאָלק ווידער גאַנצע קלאַסן; אי דאָס אויך נישט צו אַ פאַראיבערגייענדיקן אויפפלאַקער פון אַ שטרוי־פייער, וואָס גייט גיך אויס, נאָר צו אַ דויערנדיקער אַקציע, וועלכע ענדיקט זיך מיט אַ גרויסן היסטאָרישן אומבייט. צו דערגרונטעווען זיך צו

די טרייבנדיקע סיבות, וואָס שפּיגלען זיך דאָ אָפּ אין די מוחות פון די אַקטיווע מאַסן און זייערע פירערס — די אַזוי־גערופענע גרויסע מענער — ווי באַוווּסט־זיניקע מאָטיוון, קלאָר צי אומקלאָר, דירעקט צי אין אַן אידעאָלאָגישער, אַפילו פאַנטאַסטישער פאָרם — אָט דאָס איז דער איינציקער וועג, וואָס קאָן אונדז פירן אויפן שפּור פון די געזעצן וואָס הערשן אין דער געשיכטע בכלל, און אין אירע איינצלנע פּעריאָדן און איינצלנע לענדער. אַלצדינג וואָס ברענגט מענטשן אין באַוועגונג, מוז אַדורכגיין דורך זייערע מוחות; וואָסער געשטאַלט אָבער דאָס נעמט אָן אין אָט די מוחות, הענגט זייער פיל אָפּ פון די אומשטענדן. די אַרבעטער האָבן בשום־אופן נישט שלום געמאַכט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנווענדונג פון מאַשינען, כאָטש זיי ברעכן שוין איצט מער נישט די מאַשינען אויף שטיקער, ווי זיי האָבן עס געטון נאָך אין 1848 אויפן רהיין.

אָבער בעת אין אַלע פריערדיקע פּעריאָדן איז די אויספאָרשונג פון אָט די טרייבנדיקע סיבות פון דער געשיכטע געווען כמעט אוממעגלעך, צוליב דעם וואָס די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען זייערע מיט זייערע ווירקונגען זיינען געווען קאָמפּליצירטע און פאַרדעקטע, האָט דער היינטצייטיקער פּעריאָד אונ־דזוערער אָט די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען אויף אַזויפיל פאַראיינפאַכט, אַז דאָס רעטעניש האָט געקענט געלייזט ווערן. זינט דער איינפירונג פון דער גרויס־אינדוסטריע, ד. ה., מינדעסטנס זינט דעם אייראָפּייאישן שלום פון 1815,* איז אין ענגלאַנד שוין מער פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז דער גאַנצער פּאָליטישער קאַמף דאָרט דרייט זיך אַרום דער פּרעטענציע צו הערשאַפט מצד צוויי קלאַסן: מצד דער ערד־פאַרמעגנדיקער אַריסטאָקראַטיע (landed aristocracy) און דער בורזשואַזיע (middle class). אין פראַנקרייך איז אינאיינעם מיטן צוריקקער פון די בורבאָנען דער זעלבער פאַקט געקומען צום באַוווּסטזיין; די היסטאָריקער פונעם רעסטאַוראַציע־פּעריאָד, פון טיערי ביז גיזאָ, מיניע און טיער, רעדן וועגן דעם אומעדום ווי וועגן דעם שליסל צום פאַרשטיין די פראַנצויזישע געשיכטע זינט דעם מיטלאַלטער. און זינט 1830 איז אין דיביידע לענדער אָנערקענט געוואָרן ווי אַ דריטער קעמפער פאַר הער־שאַפט דער אַרבעטער־קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט. די [גזעלשאַפטלעכע] באַ־ציאונגען זענען אַזוי פאַראיינפאַכט געוואָרן, אַז מע האָט געדאַרפט טאַקע נאָר אומיסטנע פאַרמאַכן די אויגן, כדי אינעם קאַמף פון אָט די דריי גרויסע קלאַסן און אינעם קאָנפליקט צווישן זייערע אינטערעסן נישט צו זען דעם טרייב־כוח פון דער מאָדערנער געשיכטע — על־כל־פּנים אין די צוויי סאַמע פּראָ־גרעסיוווסטע לענדער.

ווי אַזוי זענען אָבער אָט די קלאַסן אויפגעקומען? אויב מע וואָלט אויפן ערשטן בליק געקענט נאָך דעם אויפקום פונעם גרויסן אַמאָליקן פעאָדאַלן ערד־באַזיץ — ביים סאַמע אָנהייב וויניקסטנס — צושרייבן צו פּאָליטישע סיבות,

* דער שלום מיט וועלכן סע האָבן זיך פאַרענדיקט די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. אין פראַנקרייך איז דעמאָלט רעסטאַוורירט געוואָרן די רעאַקציאָנערע מאָנאַרכיע פון די בורבאָנען. אינעם רעשט פון אייראָפּע האָט אויך געזיגט די רעאַקציע. דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָר און דער פּרייסישער קיניג האָבן געשלאָסן אַ „הייליקן בונד" מיטן צאַר, כדי זייער רעאַקציאָנערע פּאָליטיק דורכצופירן. פון דעמאָלט אָן האָט די רוסישע צאַרישע רעגירונג געשפּילט די ראָל פון אַ צווישנפעלקערלעכן זשאַנדאַר.

צו דעם פאַרכאַפּן די ערד איבערגוואַלד, האָט דאָס אָבער בנוגע דעם אויפקום פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט שוין נישט געקענט אָנגיין. דער אויפקום און אַנטוויקלונג פון די צוויי גרויסע קלאַסן איז דאָ קלאָר און מיט די הענט אָנצוטאַפּן געלעגן אין ריין־עקאָנאָמישע סיבות. און פּונקט אַזוי איז געווען קלאָר, אַז אינעם קאַמף צווישן דעם ערד־באַזיץ און דער בורזשואַזיע, נישט ווייניקער ווי אינעם קאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, איז אין דער ערשטער ליניע געגאַנגען וועגן עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס פאַר זייער דורכפירונג האָט די פּאָליטישע מאַכט געדאַרפט בלויז דינען ווי אַ מיטל. די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זענען ביידע אויפגעקומען אין קאָנ־סעקווענץ פון אַ פאַרענדערונג אין די עקאָנאָמישע באַציאונגען, פּינקטלעכער געזאָגט, [פון אַ פאַרענדערונג] אינעם פּראָדוציר־אופן. דער איבערגאַנג צום ערשטן פון צעכן־האַנטווערקעריי צו מאַנופאַקטור, דערנאָך פון מאַנופאַקטור צו גרויס־אינדוסטריע מיט דאַמף און מאַשינען, האָט די דאָזיקע ביידע קלאַסן אַנטוויקלט. אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל [פון אַנטוויקלונג] האָבן די נייע פּראָדוציר־כוחות, וועלכע די בורזשואַזיע האָט געבראַכט אין באַוועגונג — קודם־כּל די אַרבעט־צעטיילונג און די פאַראייניקונג פון אַ סך אַרבעטער, איטלעכער פּראָדוצירנדיק אַ באַזונדער טייל, אין איין פאַרענדיקטער מאַנופאַקטור — און די דורך זיי [דורך אָט די נייע פּראָדוציר־כוחות] אַנטוויקלטע אויסטויש־באַדינגונגען און אויסטויש־באַדערפענישן, אויפגעהערט זיך צו קענען פאַר־טראָגן מיטן עקזיסטירנדיקן, היסטאָריש געירשנטן און דורכן געזעץ געהייליקטן פּראָדוציר־אופן, ד. ה., [זיך אויפגעהערט צו קענען פאַרטראָגן] מיט די צעכאָווע און מיט די אָן אַ שיעור אַנדערע פּערזענלעכע און לאָקאַלע פּריווילעגיעס (וועלכע זענען פאַר די נישט־פּריווילעגירטע קלאַסן פּונקט אַזוי פיל פּענטעס געווען) פון דער פעאָדאַלער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. די פּראָדוציר־כוחות, וואָס האָבן זיך רעפּרעזענטירט דורך דער בורזשואַזיע, האָבן רעבעלירט קעגן דעם סדר פון פּראָדוקציע, וואָס האָט זיך רעפּרעזענטירט דורך די פעאָדאַלע ערד־אייגנטימער און צעך־מייסטערס. דער רעזולטאַט איז באַקאַנט: די פעאָדאַלע פּענטעס זענען צעשמעטערט געוואָרן, אין ענגלאַנד ביסלעכווייז, אין פראַנקרייך מיט איין קלאַפּ, אין דייטשלאַנד איז מען דערמיט נאָך נישט פאַרטיק. פּונקט אָבער ווי די מאַנופאַקטור איז אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג געקומען אין קאָנפליקט מיטן פעאָדאַלן סדר פון פּראָדוקציע, אָט אַזוי פּונקט איז שוין איצט די גרויס־אינדוסטריע געקומען אין קאָנפליקט מיטן בורזשואַזן סדר פון פּראָ־דוקציע, וואָס האָט פאַרנומען איר אָרט. געבונדן דורך אָט דעם סדר, דורך די ענגע ראַמען פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אופן, פּראָדוצירט זי [די גרויס־אינדוסטריע] פון איין זייט כּסדר אַן אַלץ־וואַקסנדיקע פּראָלעטאַריזירונג פון דער גאַרער גרויסער פאָלקסמאַסע, און פון דער צווייטער זייט, אַן אַלץ גרעסערע מאַסע פּראָדוקטן, וועלכע סע איז נישטאָ זיי וווּ אָפּצוזעצן. איבערפּראָדוקציע און מאַסן־נויט, איינס די סיבה פונעם אַנדערן — אָט דאָס איז די אַבסורדע קאָנטראַדיקציע צו וועלכער זי קומט און וועלכע פאָדערט מיט נויטווענדיקייט דאָס באַפרייען די פּראָדוקטיווע כוחות פון זייערע פּענטעס דורך אַן אומבייט אינעם פּראָדוציר־אופן.

אָט אַזוינאָך ווערט, אין דער מאָדערנער געשיכטע על־כּל־פּנים, דערוויזן,

אז אלע פּאָליטישע קאַמפן זענען קלאַסנקאַמפן, און אַז אַלע קאַמפן פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון קלאַסן, נישט קוקנדיק אויף דער נויטווענדיקער פּאָליטישער פאָרם זייערער — ווארעם יעדער קלאַסנקאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף — דרייען זיך אין לעצטן סך־הכל אַרום עקאָנאָמישער עמאַנציפּאַציע. דאָ ווינ־ציקסטנס [אין דער מאָדערנער געשיכטע] איז דעריבער די מלוכה — די פּאָליטישע אָרדענונג — די אונטערגעוואָרפענע, און די בירגערלעכע געזעלשאַפט — די ממשלה פון עקאָנאָמישע באַציאונגען — דער אַנטשיידנדיקער עלעמענט. די טראַדיציאָנעלע קאָנצעפּציע, אין וועלכער אויך העגעל האַלט זיך, האָט אין דער מלוכה געזען דאָס דעטערמינירנדיקע, און אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט דעם עלעמענט וואָס ווערט דורך איר דעטערמינירט. לפנים זעט עס טאַקע אויס צו זיין אַזוי. פּונקט ווי ביים יחיד מוזן אַלע טרייב־כוחות פאַר די טואונגען זיינע דורך זיין קאָפּ אַדורכגיין און זיך פאַרוואַנדלען אין מאָטיוון פאַר זיין ווילן, כדי צו באַוועגן אים צו טואונגען, פּונקט אַזוי מוזן אויך אַלע באַ־דערפעניש פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט — אַלץ איינס, וואָסער קלאַס סע הערשט גראָד דעמאָלט — דורכן ווילן פון דער מלוכה אַדורכגיין, כדי זיי זאָלן אויף אַלעמען חל זיין אין דער פאָרם פון געזעצן. איז דאָס די פאָרמעלע זייט פון דער זאַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין. שטעלט זיך אָבער די פראַגע, וואָס פאַר אַן אינהאַלט האָט עס אָט דער בלויז פאָרמעלער ווילן — ביים יחיד אַזוי גוט ווי ביי דער מלוכה — און פון וואַנעט קומט דער דאָזיקער אינהאַלט, און פאַרוואָס וויל מען גראָד דאָס און נישט עפּעס אַנדערש? זוכנדיק אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע, געפינען מיר אויס, אַז אין דער מאָדערנער געשיכטע ווערט דער ווילן פון דער מלוכה, אינעם גאַנצן און גרויסן, דעטערמי־נירט דורך די זיך בייטנדיקע באַדערפעניש פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, דורך דער איבערמאַכט פון דעם אָדער יענעם קלאַס, און אין לעצטער אינ־סטאַנץ, דורך דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן און אויסטויש־באַציאונגען.

אָבער אויב אפילו אין אונדזער מאָדערנער צייט, מיט אירע ריזיקע פּראָ־דוציר־ און קאָמוניקאַציע מיטלען, איז די מלוכה נישט קיין זעלבשטענדיקע ספערע מיט אַ זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג, נאָר די עקזיסטענץ אירע ווי איר אַנטוויקלונג דאַרפן אין לעצטער אינסטאַנץ דערקלערט ווערן דורך די עקאָ־נאָמישע לעבנס־באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, מוז דאָס נאָך אַ סך מער ריכטיק זיין פאַר אַלע פריערדיקע צייטן, ווען די פּראָדוקציע פאַרן מאַטעריעלן לעבן פון די מענטשן איז נאָך נישט אָנגעפירט געוואָרן מיט אַזוינע רייכע הילפס־מיטלען, און ווען די נויט אין דער דאָזיקער פּראָדוקציע האָט געמוזט דערפאַר אויסאיבן אַ נאָך גרעסערע הערשאַפט איבער די מענטשן. אויב די מלוכה איז היינט נאָך, אין דער עפּאָכע פון גרויס־אינדוסטריע און אייזנבאַנען, אינעם גאַנצן און גרויסן די אָפּשפּיגלונג בלויז, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם, פון די עקאָנאָמישע באַדערפעניש פונעם קלאַס, וואָס באַהערשט די פּראָדוקציע, האָט זי עס נאָך מער דאַך געמוזט זיין אין אַן עפּאָכע, ווען יעדער מענטשלעכער דור האָט געמוזט אַוועקגעבן אַ סך אַ גרעסערן טייל פון זיין גאַנצער לעבנס־צייט אויף צו באַפרידיקן זיינע מאַטעריעלע באַדערפעניש, און איז געווען דעריבער אַ סך מער אָפּהענגיק פון זיי ווי מיר זענען היינט. די פאָרשונג פון דער

געשיכטע אין פריערדיקע עפּאָכעס, אויב נאָר זי פאַרנעמט זיך ערנסט מיט אָט דער זייט, באַשטעטיקט דאָס אין דער סאַמע העכסטער מאָס. דאָ אָבער קענען מיר, פאַרשטייט זיך, מיט אַזאַ אויספאָרשונג זיך נישט פאַרנעמען.

אויב די מלוכה און דאָס מלוכה־רעכט ווערן דעטערמינירט דורך עקאָנאָמישע באַציאונגען, איז, פאַרשטייט זיך, דאָס זעלבע אויך מיט פּריוואַט־רעכט,* וואָס איז אין תוך גענומען די סאַנקציאָנירונג בלויז פון די עקזיסטירנדיקע, אונטער די געגעבענע אומשטענדן, נאָרמאַלע עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן יחידים. די פאָרם אין וועלכער דאָס [סאַנקציאָנירן] קומט פאָר, קאָן אָבער זייער פאַרשידן זיין. מע קאָן, ווי דאָס איז אַ שטייגער פאָרגעקומען אין ענגלאַנד, אין הסכם מיט איר גאַנצער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, איינהיטן אינעם גרעסטן טייל די פאָרמען פונעם אַלטן פעאָדאַלן רעכט, און זיי געבן אַ בורזשואַזן אינהאַלט, פּשוט דעם פעאָדאַלן נאָמען דירעקט אונטעררוקן אַ בורזשואַזן זין. מע קאָן אָבער אויך, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אינעם קאָנטינענטאַלן מערב־אייראָפּע, פאַר אַ פונדאַמענט אַוועקלייגן דאָס ערשטע וועלט־רעכט פון אַ סחורה־פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט, דאָס רוימישע, מיט זיין אומאיבערטרעפלעך שאַרפער אויסגעאַרבעטקייט פון אַלע עסענציעלע רעכטלעכע באַציאונגען צווישן פּשוטע סחורה־אייגנטימער (קויפער און פאַרקויפער, קרעדיטאָר און בעל־חוב, קאָנטראַקט, אָבליגאַציע א. אַז. וו.). דערביי קאָן מען, פאַרן נוץ און וואויל פון אַ נאָך קליינבירגערלעכער און האַלב־פעאָדאַלער געזעלשאַפט, דאָס דאָזיקע רעכט אָדער פּשוט דורך געריכטלעכער פּראַקטיק אַרונטערברענגען צום מצב פון אָט אַזאַ געזעלשאַפט (דאָס אַלגעמיינע רעכט the common law), אָדער מיט דער הילף פון מכלומרשט אויפגעקלערטע, מאָראַליזירנדיקע יוריסטן עס איבעראַרבעטן אין אַ באַזונדער געזעצבוך, וואָס שטימט מיט אָט דעם געזעלשאַפטלעכן מצב, אַ געזעצבוך, וואָס מוז ביי אָט די אומשטענדן זיין אויך יורידיש שלעכט (דאָס פּרייסישע לאַנד־רעכט). מען קאָן אָבער אויך, נאָך אַ גרויסער בורזשואַזער רעוואָלוציע, אויפן יסוד פון אָט דעם רוימישן רעכט טאַקע, אויסאַרבעטן אַזאַ קלאַסיש געזעצבוך פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווי דער פראַנצויזישער code civil [בירגערלעכער קאָדעקס].** אויב דעריבער די בירגערלעכע רעכט־רעגולאַציעס דריקן בלויז אויס אין אַ יורידישער פאָרם די עקאָנאָמישע לעבנס־באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, קען מען זיי דאָך, לויט די אומשטענדן נאָך, אַמאָל גוט און אַמאָל שלעכט אויסדריקן.

די מלוכה פּרעזענטירט זיך פאַר אונדז ווי די ערשטע אידעאָלאָגישע מאַכט איבערן מענטשן. די געזעלשאַפט שאַפט זיך איין אַן אָרגאַן פאַר דער באַשיצונג פון אירע שותפותדיקע אינטערעסן אַנטקעגן אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע

* די דאָזיקע טיילונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן בורזשואַזן רעכט. מלוכה־רעכט האָט צו טון מיט דער סטרוקטור פון דער מלוכה, מיטן אויפבוי פון פאַרוואַלטנדיקע אָרגאַנען און מיט די פּאָליטישע רעכט פון די בירגער. פּריוואַטע, אָדער בירגערלעכע רעכט איז דער עיקר נוגע דעם בירגערלעכן רעכט אויף פאַרמעגן (אייגנטום־רעכט, אָבליגאַציע־רעכט, פאַמיליע־רעכט, ירושה־רעכט).

** דער בירגערלעכער קאָדעקס, וואָס איז אַרויס אונטער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, איז אַ זאַמלונג פון בירגערלעכע געזעצן, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ מוסטער פאַר דער געזעצגעבונג אויך אין אַנדערע לענדער.

אטאקעס. דער דאָזיקער אָרגאַן איז דאָס די מלוכה־מאַכט. נאָר וואָס אויפ־געקומען, און דער אָרגאַן מאַכט זיך זעלבשטענדיק לגבי דער געזעלשאַפט, און אַלץ מערער, איינגנטלעך, וואָס מערער ער ווערט דער אָרגאַן פון איין באַשטימטן קלאַס, וואָס מערער ער באַפעסטיקט דירעקט די הערשאַפט פון דעם דאָזיקן קלאַס. דער קאַמף פונעם אונטערגעדריקטן קלאַס קעגן דעם הערשנדיקן ווערט נויט־ווענדיק אַ פּאָליטישער, אַ קאַמף קודם־כל קעגן דער פּאָליטישער ממשלה פון אָט דעם קלאַס. דאָס באַוווּסטזיין וועגן דער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג פון אָט דעם פּאָליטישן קאַמף מיט זיינע עקאָנאָמישע וואָרצלען ווערט אָפּגעטעמפּט, און קאָן אַמאָל אינגאַנצן פאַרלוירן גיין. בעת ביי די באַטייליקטע [אינעם קאַמף] איז דאָס נישט אינגאַנצן דער פאַל, קומט עס אָבער כמעט תמיד פאָר ביי די היסטאָריקער. פון די אַלטע קוואַלן איבער די קאַמפן אינעווייניק אין דער רוימישער רעפּובליק, זאָגט אונדז בלויז אַפּיאַן קלאָר און דייטלעך, וועגן וואָס סע איז אין לעצטן סך־הכל געגאַנגען — און דאָס איז, וועגן ערד־אייגנטום.

איינמאָל אָבער געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מאַכט לגבי דער געזעלשאַפט, ברענגט די מלוכה תיכף אַרויס אַ נייע אידעאָלאָגיע. ביי די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער, ביי די טעאָרעטיקער פון מלוכה־רעכט און ביי יוריסטן פון פּריוואַט־רעכט גייט טאַקע ערשט אינגאַנצן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט די עקאָ־נאָמישע פאַקטן. אַזוי ווי אין יעדן באַזונדערן פאַל מוזן די עקאָנאָמישע פאַקטן, כדי צו קריגן אַ געזעצלעכע סאַנקציע, אָננעמען די פאָרם פון יורידישע מאָטיוון; און אַזוי ווי סע קומט דערביי אויך נאַטירלעך אויס זיך צו רעכענען מיטן גאַנצן אָפּעררירנדיקן רעכט־סיסטעם אין אָט דעם מאָמענט, דאַכט זיך דעריבער, אַז די יורידישע פאָרם איז אַלצדינג, און דער עקאָנאָמישער אינהאַלט גאָרנישט. מלוכה־רעכט און פּריוואַט־רעכט ווערן טראַקטירט ווי זעלבשטענדיקע ספערן, וועלכע האָבן יעדע זייער אייגענע אומאָפּהענגיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, און וועלכע יעדע איז פייאיק פאַר און דאַרף אַ [זעלבשטענדיקע] סיסטעמאַטישע פאָרמולירונג דורך דער קאָנסעקווענטער עלימינירונג פון אַלע אינעווייניקסטע קאָנטראַדיקציעס.

נאָך העכערע אידעאָלאָגיעס, ד. ה., אַזוינע, וואָס זענען נאָך מער דער־ווייטערט פונעם מאַטעריעלן, עקאָנאָמישן באַזיס, נעמען אָן די פאָרם פון פילאָ־סאָפיע און רעליגיע. אָט דאָ ווערט די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג פון די פאָרשטעלונגען מיט זייערע מאַטעריעלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען נאָך מער קאָמ־פּליצירט, און נאָך מער פאַרטונקלט דורך צווישן־רינגען. אָבער זי [די צווישנ־אַנאַנדיקע פאַרבינדונג] עקזיסטירט דאָך. פּונקט ווי די גאַנצע רענעסאַנס־עפּאָכע פון דעם מיטן פונעם פופצנטן יאָרהונדערט אָן איז אין תוך גענומען געווען אַ פּראָדוקט פון שטעט, ד. ה., פון דער בורזשואַזיע, פּונקט אַזוי איז דאָס אויך געווען די זינט דעמאָלט אויף דאָס ניי אויפגעוואַכטע פילאָסאָפיע. איר אינהאַלט איז אין תוך גענומען געווען בלויז דער פילאָסאָפישער אויסדרוק פון יענע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך צונויפגעשטימט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע אין אַ גרויס־בורזשואַזיע. ביי די ענגלענדער און פראַנצויזן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט, וואָס זענען גאַנץ אָפט געווען פּונקט אַזוי גוט פּאָליטישע עקאָנאָמען ווי פילאָסאָפן, טרעט דאָס אַרויס קלאָר, און בנוגע דער העגעליאַנישער שול האָבן מיר עס דאָ פריער אויפגעוויזן.

לאָמיר זיך דאָ נאָך בקיצור אָפּשטעלן אויף דער רעליגיע, וואָרעם זי זעט אויס צו שטיין צום ווייטסטן און צו זיין צום פרעמדסטן פונעם מאַטעריעלן לעבן. רעליגיע איז אויפגעקומען אין די סאַמע פּרימיטיווע צייטן אויס שלעכט־פאַרשטאַנענע, פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען ביי מענטשן וועגן דער אייגענער נאַטור און וועגן דער נאַטור פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס רינגלט זיי אַרום. יעדע אידעאָלאָגיע אָבער, איינמאָל אויפגעקומען, אַנטוויקלט זי זיך אין פאַרבינדונג מיטן פאַראַנענעם פאָרשטעלונג־מאַטעריאַל, און אַנטוויקלט אָט דעם מאַטעריאַל ווייטער: אַזיסטן וואָלט זי קיין אידעאָלאָגיע נישט געווען, ד. ה., וואָלט זי זיך נישט פאַרנומען מיט געדאַנקען ווי מיט זעלבשטענדיקע וועזנס, וואָס אַנטוויקלען זיך אומאָפּהענגיק און וואַרפן זיך אונטער זייערע אייגענע געזעצן בלויז. אַז די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשן, וואָס אין זייערע מוחות גייט אָן אָט דער געדאַנקען־פּראָצעס, דעטערמינירן אין לעצטן סך־הכל דעם קורס פון דעם דאָזיקן פּראָצעס — אָט דאָס, פאַרשטייט זיך, מוז פאַר אָט די מענטשן פאַרבלייבן אומבאַוווּסט, וואָרעם אַזיסטן וואָלט דאָך אַ סוף געקומען צו דער גאַנצער אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע פּרימיטיוו־רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען מייסטנטיילס געמיינשאַפטלעך פאַר איטלעכער קרובישער פעלקער־גרופּע, אַנטוויקלען זיך, דעריבער, נאָך דעם ווי די גרופּע שפּאַלט זיך, ביי יעדן פאָלק אויף זיין אייגענעם באַזונדערן שטייגער, אין הסכם מיט די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס פאַלן אויס אויף זיין גורל. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אין זיינע פּרטים דערוויזן געוואָרן ביי אַ צאָל פעלקער־גרופּן, בפרט ביי די אַרישע (אַזוי־גערופענע אינדאָ־אייראָפּייאישע), דורך דער פאַרגלייכנדיקער מיטאָלאָגיע. די געטער, וואָס האָבן זיך אָט אַזוינאָך געשאַפן ביי יעדן פאָלק, זענען געווען נאַציאָנאַלע געטער, וואָס די ממשלה זייערע איז געגאַנגען נישט ווייטער פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, וועלכע זיי האָבן געדאַרפט באַשירעמען; אויף יענער זייט גרענעץ האָבן שוין אָן שום שאלות אַנ־דערע געטער געפירט די גרענדע. זיי [די געטער] האָבן געקאָנט לעבן אין דער פאָרשטעלונג אַזוי לאַנג נאָר, כל־זמן סע האָט עקזיסטירט די נאַציע; מיט איר אונטערגאַנג פאַלן אויך זיי. אָט דעם אונטערגאַנג פון די אַלטע נאַציאָנאַליטעטן האָט געבראַכט די רוימישע וועלט־אימפּעריע, וואָס אירע עקאָנאָמישע אויפקום־באַדינגונגען מיר קענען דאָ נישט אויספאָרשן. די אַלטע נאַציאָנאַלע געטער קומען צו זייער ירידה, אפילו אויך יענע רוימישע געטער, וואָס זענען געווען צוגעשניטן פאַר דער ענגער סביבה פון דער שטאָט רוים בלויז. דאָס באַ־דערפעניש צו דערגאַנצן די וועלט־אימפּעריע דורך אַ וועלט־רעליגיע, טרעט קלאָר אַרויס אין די פּרוּוון צו שאַפן אָנערקענונג און בויען אַלטאַרן אין רוים פאַר אַלע וויפיל נישט איז רעספּעקטאַבעלע פרעמדע געטער, לעבן די היימישע. אָבער אַ נייע וועלט־רעליגיע מאַכט זיך נישט אויף אָט אַזאַ מין אופן, דורך קייסערלעכע דעקרעטן. די נייע וועלט־רעליגיע, דאָס קריסטנטום, איז דערווייל שטילערהייט אויפגעקומען אויס אַ געמישעכץ פון גענעראַליזירטער אָריענטאַלי־שער, בפרט יידישער, טעאָלאָגיע, און וווּלגאַריזירטער גריכישער, בפרט סטאָאישער, פילאָסאָפיע. ווי אַזוי דאָס קריסטנטום האָט ביים סאַמע אָנהייב אויס־געזען, דאַרף ערשט מיט גרויס מי ווידער דורכגעפאָרשט ווערן, וואָרעם דאָס אָפיציעלע געשטאַלט אין וועלכן סע איז צו אונדז געקומען בירושה, איז דאָס

געשטאַלט בלויז, אין וועלכן סע איז געוואָרן אַ מלוכה־רעליגיע, און וואָס איז פאַר אַט דעם צוועק צוגעפּאַסט געוואָרן דורכן ניקעאַנישן קאָנסיל.* דער פאַקט אַליין, וואָס נאָך 250 יאָר איז עס שוין געוואָרן אַ מלוכה־רעליגיע, איז שוין אַ גענוגנדיקער אויפווייז, אַז דאָס קריסטנטום איז געווען אַ רעליגיע, וואָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין די אומשטענדן פון דער צייט. אין דער אייגענער מאָס ווי סע האָט זיך אין מיטלאַלטער אַנטוויקלט דער פעאָדאַליזם, האָט ער [דער פעאָדאַליזם] פונקט אַט אַזוי, אויס דער צו אים צוגעפּאַסטער רעליגיע, אויסגעפורעמט אַ צוגעפּאַסטע פעאָדאַלע היעראַרכיע. און ווי נאָר סע איז אויפגעקומען די [שטאָטישע] בורזשואַזיע, האָט זיך אין אָפּאָזיציע צום פעאָדאַלן קאַטוילוציזם אַנטוויקלט די פּראָטעסטאַנטישע אַפּיקורסות, צום ערשטן אין דרום־פראַנקרייך ביי די אַלביגענצן,** בעת דעם העכסטן אויפבלי פון די דאָרטיקע שטעט. דער מיטלאַלטער האָט פאַר דער טעאָלאָגיע אַנעקסירט אַלע אַנדערע פאָרמען פון אידעאָלאָגיע: פילאָסאָפיע, פּאָליטיק, יוריספּרודענץ, און געמאַכט זיי פאַר אונטער־אָפּטיילונגען פון דער טעאָלאָגיע. צוליב דעם איז יעדע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַוועגונג געווען געצוואונגען אָנצונעמען אַ טעאָלאָגישע פאָרם. פאַר די מאַסן, וואָס מע האָט די געמיטער זייערע געקאָרמעט נאָר מיט רעליגיע בלויז, האָט מען זייערע אייגענע אינטערעסן געמוזט אַרויספירן אין רעליגיעזער פאַרקליידונג, כדי אַ גרויסן שטורעם אַרויסצורופן. און פונקט ווי די בורזשואַזיע האָט באַלד פון אָנהייב אָן אַרויסגעבראַכט אַ צוגאָב פון שטאָטישע פּלעבעיער אָן שום פאַרמעגן, טאָג־אַרבעטער און דינערשאַפט פון כל המינים, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין שום אָנערקענטן [סאָציאַלן] שטאַנד — די פאָרלייפערס פונעם שפּעטערדיקן פּראָלעטאַריאַט — פונקט אַזוי האָט אויך די אַפּיקורסות שוין אין די פריסטע צייטן געטיילט זיך אויף אַ בורזשואַז־געמעסיקטער און אַ פּלעבעיִש־רעוואָלוציאָנערער, וועלכע איז דעמאָלט שוין דערווידער געווען פאַר די בורזשואַזע אַפּיקורסים.

די אוממעגלעכקייט צו פאַרטיליקן די פּראָטעסטאַנטישע אַפּיקורסות האָט זיך צונויפגעשטימט מיט דער אוממעגלעכקייט צו באַזיגן די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע. ווען די בורזשואַזיע איז גענוג שטאַרק געוואָרן, האָט איר קאַמף קעגן דער פעאָדאַלער פּריצימשאַפט, וואָס איז ביז אַהער דער עיקר געווען אַ לאָקאַלער, אָנגעהויבן אָנצונעמען נאַציאָנאַלע דימענסיעס. די ערשטע גרויסע אַקציע איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד — די אַזוי־גערופענע רעפאָרמאַציע. די [שטאָטישע] בורזשואַזיע איז נאָך געווען אי נישט שטאַרק גענוג אי נישט גענוג אַנטוויקלט, כדי צו קענען אונטער איר פאָן פאַראייניקן די איבעריקע רעבעלישע

* די קלויסטער־פאַרזאַמלונג אין ניקעאַ אין יאָר 325.

** די אַלביגענצן אָדער קאַטאַרן, האָבן אויגנטיל געקומען אין אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דרום־פראַנקרייך. (דער נאָמען שטאַמט פון דער שטאָט אַלבי אין דרום־פראַנקרייך.) די באַוועגונג איז געווען געצילעוועט אַנטקעגן דער עקספּלואַטירנדיקער רוימיש־קאַטוילישער קירך מיטן פּויפּסט בראָש. אין דער באַוועגונג האָבן זיך באַטייליקט די שטאָטישע האַנדלס־בורזשואַזיע, די באַלמעלאָכעס, די שטאָטישע אָרעמשאַפט און די פּויערן. אָנהייב צוועלפטן יאָרהונדערט אָרגאַניזירט דער פּויפּסט אַ ספּעציעלן קרייץ־צוג קעגן די אַלביגענצן. די דאָזיקע מלחמה, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג (העכער צוואַנציק יאָר), האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס די אַלביגענצן זענען צעשלאָגן געוואָרן.

שטאַנדן — די פּלעבעיער אין די שטעט, די נידעריקע פּריצימשאַפט און די פּויערן אין די דערפער. תחילת האָבן די פּריצים געכאַפּט אַ מפּלה; די פּויערן האָבן זיך דערהויבן צו אַן אויפשטאַנד, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם העכסטן פּונקט פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג [אין יענער צייט]; די שטעט האָבן זיי אָבער געלאָזט אין קלעם, און די רעוואָלוציע איז אַזוינאָך דערשטיקט געוואָרן דורך די אַרמייען פון די גרויסע פעאָדאַלע פירשטן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלע אירע געווינסן.* פון דעמאָלט אָן פאַרשווינדט דייטשלאַנד אויף דריי יאָרהונדערטער פון דער גרופּע לענדער, וואָס האָבן גע־שפּילט אַ זעלבשטענדיקע ראָלע אין דער געשיכטע. אָבער לעבן דעם דייטש לוטער איז געשטאַנען דער פראַנצויז קאַלווין. מיט עכט פראַנצויזישער חריפות שטעלט ער אַוועק דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פון דער רעפאָרמאַציע אין פאָדער־גרונט, ער רעפּובליקאַניזירט און דעמאָקראַטיזירט די קירך. בעת די לוטעראַנישע רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד האָט דעגענערירט און געפירט דייטשלאַנד צום אָפּגרונט, האָט די קאַלוויניסטישע רעפאָרמאַציע געדינט ווי אַ פאָן פאַר די רעפּובליקאַנער אין זשענעווע, אין האָלאַנד און אין שאָטלאַנד, האָט באַפרייט האָלאַנד פון שפּאַניע און פון דער דייטשישער אימפּעריע, און געליווערט דעם אידעאָלאָגישן קאָסטיום פאַרן צווייטן אַקט פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד. אָט דאָ האָט דער קאַלוויניזם זיך אַנטפּלעקט ווי די עכטע רעליגיעזע פאַרמאַסקירונג פון די אינטערעסן פון דער דעמאָלטדיקער בורזשואַזיע, און האָט דערפאַר טאַקע נישט דערשלאָגן זיך צו זיין פולער אַקצעפּטירונג, ווי נאָר די רעוואָלוציע האָט זיך אין 1689 פאַרענדיקט דורך אַ קאָמפּראָמיס צווישן איין טייל פון דער פּריצימשאַפט מיט דער בורזשואַזיע. די ענגלישע מלוכה־קירך ווערט צוריק עטאַבלירט, אָבער שוין נישט אין איר פריערדיקן געשטאַלט, ווי אַ מין קאַטוילציזם מיטן קיניג פאַר אַ פּויפּסט, נאָר שטאַרק קאַלוויניזירט. די אַלטע מלוכה־קירך האָט געפייערט דעם לוסטיקן קאַטוילישן זונטיק און באַקעמפט דעם סקוטשנעם קאַלוויניסטישן זונטיק, די נייע פאַרבורזשואַזעוועטע קירך האָט אים [דעם קאַלוויניסטישן זונטיק] איינגעפירט, און ער באַשיינט נאָך ענגלאַנד ביזן היינטיקן טאָג.

אין פראַנקרייך איז די קאַלוויניסטישע מינאָריטעט אין 1685 אונטער־געדריקט, קאַטוילזירט אָדער פאַרטריבן געוואָרן.** אָבער וואָס האָט עס געהאָלפן? שוין דעמאָלט איז דער פרייַדענקער פּיער בעיל אַקטיוו געווען, און אין 1694 איז וואָלטער געבוירן געוואָרן. די געוואַלט־מיטלען פון לודוויג דעם פערצנטן האָבן בלויז פאַרגרינגערט דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, אַז זי זאָל קענען מאַכן איר רעוואָלוציע אין אַ נישט־רעליגיעזער און דורכאויס־פּאָליטישער פאָרם, וואָס נאָר זי אַליין איז געווען אָנגעמאָסטן פאַר דער אַנטוויקלטער בורזשואַזיע. אָנשטאָט פּראָטעסטאַנטן זענען אין די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונגען געזעסן פרייַדענקער. דאָס קריסטנטום איז דאַדורך אַריינגעטרעטן אין זיין לעצטער סטאַדיע. סע איז געוואָרן אומפייאיק ווייטער צו דינען אַ וואָסערן סע איז פּראָגרעסיוון קלאַס ווי אַן אידעאָלאָגישע פאַרקליידונג פאַר זיינע אַספּיראַציעס.

* זע ענגעלס' „דער דייטשישער פּויערן־קריג".

** די גרויסע רדיפות אויף די הוגענאָטן.

אַלץ מערער און מערער איז עס געוואָרן דאָס דורכאויסיקע אייגנטום פון די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע ווענדן עס אָן בלויז ווי אַ רעגירונגס־מיטל, מיט וועלכן צו האַלטן די אונטערשטע קלאַסן אין צוים. דערביי באַנוצט יעטווידער פון די פאַרשידענע [הערשנדיקע] קלאַסן זיין אייגענע, פאַר אים צוגעפּאַסטע רעליגיע: די ערד־אייגנטימערישע יונקערס — דעם קאַטוילישן יעזואיטיזם אָדער די פּראָטעסטאַנטישע אָרטאָדאָקסיע; די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע בור־זשואזיע — דעם ראַציאָנאַליזם. און דערביי איז אַפילו קיין חילוק נישט, צי אָט די הערן אַליין גלייבן אין זייערע רעספּעקטיווע רעליגיעס אָדער ניט.

מיר זעען דעריבער, אַז רעליגיע, איינמאָל זיך אויסגעפּורעמט, האַלט זי אין זיך תמיד געירשנטן שטאָף פון פריער, וואָרעם ווי אין אַלע אידעאָלאָגישע ספערן איז טראַדיציע אַ גרויסער קאָנסערוואַטיווער כוח. די ענדערונגען אָבער, וואָס קומען פאָר אין אָט דעם שטאָף, שטאַמען־אָפּ פון די קלאַסן־באַציאונגען, ד. ה., פון די עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן די מענטשן, וועלכע פירן דורך אָט די ענדערונגען. און דאָס וועט דאָ גענוג זיין.

אין דעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, האָט געקענט בלויז געגעבן ווערן אַן אַלגעמיינע סקיצירונג פון דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע וועגן געשיכטע, העכסטנס נאָך מיט עטלעכע אילוסטראַציעס. דעם אויפוויז [אַז די דאָזיקע קאָנצעפּציע איז אַ ריכטיקע] קען מען געפינען אין דער געשיכטע גופא, און איך מעג דאָ זאָגן, אַז אָט דער אויפוויז איז שוין גענוגנדיק צוגעשטעלט געוואָרן אין אַנדערע שריפטן. די דאָזיקע קאָנצעפּציע [וועגן געשיכטע] מאַכט אָבער פונקט אַזוי אַ סוף צו דער פילאָסאָפיע אויפן פעלד פון געשיכטע, ווי די דיאַלעקטישע קאָנצעפּציע וועגן דער נאַטור מאַכט יעדע נאַטור־פילאָסאָפיע אי אומנייטיק אי אוממעגלעך. סע איז שוין מער אין ערגעץ קיין פראַגע נישט, פון קאָפּ אויסצוטראַכטן צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען, נאָר זיי אין די פאַקטן צו אַנטדעקן. פאַר דער פילאָסאָפיע, אַ פאַרטריבענע פון נאַטור און געשיכטע, בלייבט נאָך — אויף וויפיל סע בלייבט נאָך — די ספערע פונעם ריינעם געדאַנק בלויז: די לערע וועגן די געזעצן פונעם דענק־פּראָצעס גופא, די לאָגיק און דיאַלעקטיק.

***

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט דאָס „געבילדעטע" דייטשלאַנד זיך אָפּגעזעגנט מיט דער טעאָריע און איז אַריבער אויפן באָדן פון דער פּראַקטיק. קליין־פּראָדוקציע, באַזירט אויף האַנט־אַרבעט, און מאַנופאַקטור ווערן אַרויס־געשטופּט דורך אַן אמתער גרויס־אינדוסטריע. דייטשלאַנד באַווייזט זיך ווידער אויפן וועלט־מאַרק. די נייע קליין־דייטשישע אימפּעריע באַזייטיקט וויניקסטנס די שרייענדיקסטע אַנאָמאַליעס, וואָס דאָס סיסטעם פון קליינע מלוכהלעך, אַן איבערבלייבעניש פונעם פעאָדאַליזם, און די ביוראָקראַטישע עקאָנאָמיק, האָבן געלייגט אויפן וועג פון איר אַנטוויקלונג. אָבער אין דער אייגענער מאָס, ווי די שפּעקולאַציע האָט זיך אַרויסגעצויגן פונעם פילאָסאָפס שטודיר־קאַבינעט, כדי אויפצושטעלן איר טעמפּל אויף דער בירזשע, אין אָט דער אייגענער מאָס האָט אויך דאָס געבילדעטע דייטשלאַנד פאַרלוירן יענעם גרויסן אינטערעס פאַר טעאָריע, מיט וואָס דייטשלאַנד איז באַרימט געוועזן אין דער צייט פון איר

טיפסטער פּאָליטישער ירידה — דעם אינטערעס פאַר ריין־וויסנשאַפטלעכער פּאָרשונג, אַלצאיינס צי דער דערגרייכטער רעזולטאַט האָט געהאַט אַ פּראַקטישע אָנווענדונג אָדער ניט, די גוטהייסונג פון דער פּאָליציי אָדער ניט. אמת, די אָפיציעלע דייטשישע נאַטורוויסנשאַפט, בפרט אויפן פעלד פון דער ספּעציאַליזירטער פּאָרשונג, האָט זיך געהאַלטן אויף דער הייך פון דער צייט, אָבער שוין דער אַמעריקאַנער זשורנאַל Science [וויסנשאַפט] באַמערקט מיט רעכט, אַז די אַנטשיידנדיקע דערפּאָלגן אין דער ספערע פון אויספאָרשן די גרויסע פאַר־בינדונגען צווישן באַזונדערע פאַקטן און זייער גענעראַליזירונג אין געזעצן, ווערן איצט אַ סך מער געמאַכט אין ענגלאַנד, אָנשטאָט ווי פריער אין דייטשלאַנד. און אין דער ספערע פון די היסטאָרישע וויסנשאַפטן, די פילאָסאָפיע איינגע־רעכנט, איז אינאיינעם מיט דער קלאַסישער פילאָסאָפיע פאַרשוווּנדן לגמרי אויך דער אַלטער אומדערשראָקן־טעאָרעטישער גייסט. פוסטער עקלעקטיזם, דאָס ציטערן איבער אַ שטעלע און הכנסה, ביז אַראָפּ צום אָרדינערסטן קאַריעריזם, האָט זיין אָרט פאַרנומען. די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנטן פון אָט די וויסנשאַפטן זענען געוואָרן די אומפאַרהילטע אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע און דער עקזיסטירנדיקער מלוכה — אָבער אין אַ צייט, ווען דיביידע שטייען אין אָפענעם אַנטאַגאָניזם צום אַרבעטער־קלאַס.

בלויז ביים אַרבעטער־קלאַס לעבט אויך ווייטער דער ניט־אָפּגעשוואַכטער דייטשישער אינטערעס צו טעאָריע. דאָ קען מען אים ניט אויסראָטן. דאָ טראַכט מען ניט וועגן קאַריערעס, וועגן פּראָפיט־מאַכעריי, וועגן גנעדיקער פּראָטעקציע פון אויבן. פאַרקערט, וואָס דרייסטער און אַנטשיידנדיקער די וויסנ־שאַפט טרעט אַרויס, אַלץ מער איז זי אין הסכם מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון די אַרבעטער. די נייע טענדענץ, וועלכע האָט אָנערקענט, אַז דער שליסל צום פאַרשטיין די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט, ליגט אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט, האָט שוין ביים סאַמע אָנהייב דער עיקר זיך צוגעווענדט צום אַרבעטער־קלאַס און ביי אים געפונען אַזאַ אָפּרוף, וועלכן זי האָט ביי דער אָפיציעלער וויסנשאַפט אי ניט געזוכט און אי פון איר ניט דערוואַרט. די דייטשישע אַרבעטער־באַוועגונג איז דער יורש פון דער דייטשישער קלאַסישער פילאָסאָפיע.

# מאַרקס׳ טעזיסן איבער פייערבאַכן

(אָנגעוואָרפן אין בריסל אין פרילינג 1845)

.1

דער הויפּט־חסרון פונעם גאַנצן ביז איצטיקן מאַטעריאַליזם — דעם פון פייערבאַכן אַריינגערעכנט — איז דאָס, וואָס דער אָביעקט, די רעאַלקייט, די חושימדיקייט, ווערט באַנומען נאָר אין דער פאָרם פון אַן אָביעקט אָדער אָנשויאונג, נישט אָבער ווי מענטשלעכע חושימדיקע אַקטיווקייט, ווי פּראַקטיק, נישט סוביעקטיוו. דעריבער איז געשען אַזוי, אַז די אַקטיווע זייט האָט, להיפּוך צום מאַטעריאַליזם, זיך אַנטוויקלט פונעם אידעאַליזם — אָבער נאָר אַבסטראַקט, וואָרעם דער אידעאַליזם קען נאַטירלעך נישט די רעאַלע, די חושימדיקע אַקטיווקייט ווי אַזאַ. פייערבאַך וויל [האָבן צו טון מיט] חושימדיקע אָביעקטן, וואָס אונטערשיידן זיך רעאַל פון די געדאַנקען־אָביעקטן; אָבער ער נעמט נישט אויף די מענטשלעכע אַקטיווקייט גופא ווי אַקטיווקייט דורך אָביעקטן. ער באַטראַכט דעריבער אינעם „וועזן פונעם קריסטנטום" נאָר די טעאָרעטישע האַלטונג ווי דאָס עכט־מענטשלעכע, בעת די פּראַקטיק ווערט אויפגענומען און פיקסירט בלויז אין איר שמוציק־יידישער דערשיינונג־פאָרם.* ער באַנעמט דעריבער נישט דעם

* דער דאָזיקער אויסדרוק אין דעם טעזיס האָט ביים לייענער, בפרט ביים יידישן, תמיד אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל. נישט איינער האָט שוין געוואָלט אין דעם זען אַנטיסעמיטיזם מצד מאַרקסן.

נאָכדעם אָבער ווי די דאָזיקע פראַזע ווערט עקזאַמענירט אינעם ליכט פונעם דאָ דערמאָנטן בוך פייערבאַכס — „וועזן פונעם קריסטנטום" — און מע באַקאַנט זיך אויך בעסער מיט מאַרקס׳ קריטיק איבער פייערבאַכס אַבסטראַקטן מאַטעריאַליזם, קריגט דעמאָלט דער גאַנצער ענין גאָר אַן אַנדער פּנים.

אין אָט דעם טעזיס, אין וועלכן, ווי באַוווּסט, דער יונגער מאַרקס האָט געלייגט דעם יסוד פאַרן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, פירט ער דורך, אויף זיין אַפאָריסטישן שטייגער, אַ קריטיק איבערן „ביז איצטיקן מאַטעריאַליזם, פייערבאַכס אַריינגערעכנט". להיפּוך דעם ביז איצטיקן מעכאַנישן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט געזען די עקזיסטענץ פון אַ דרויסנדיקער רעאַלקייט, אומאָפּהענגיק פונעם מענטשן, און האָט לגמרי פאַרזען דעם פאַקט, אַז אָט די דרויסנדיקע רעאַלקייט, ווי דער רעאַלער מענטש געפינט זי אונטער אַ רעאַל־היסטאָרישן מצב, איז צום גרעסטן טייל דאָך דער פּראָדוקט פונעם מענטשנס אייגענער אַקטיווקייט — קומט דאָ מאַרקס און אידענטיפיצירט די פּראַקטישע אַקטיוו־קייט פונעם מענטש מיטן פּראָצעס פון היסטאָרישע פאַרענדערונגען. באַשטייט די וועלט דאָך פון גאַסן, הייזער, פאַבריקן, פעלדער, מינעס א. אַז. וו. אַלץ זאַכן, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך די קאָנקרעטיזירונג פון מענטשלעכער אַרבעט, דער פּראָדוקט פון מענטשלעכער פּראַקטיק.

אויך דעם פייערבאַכישן מאַטעריאַליזם וואַרפט נאַטירלעך מאַרקס אונטער־

באַדייט פֿון דער „רעוואָלוציאָנערער”, פֿון דער פּראַקטיש־קריטישער, אַקטיוויטעט.

.2

די פֿראַגע, צי מע קען דעם מענטשלעכן דענקען צושרייבן אָביעקטיווע אמת, איז נישט קיין פֿראַגע פֿון טעאָריע, נאָר אַ פּראַקטישע פֿראַגע. אין דער פּראַקטיק מוז דער מענטש דערווייזן דעם אמת, ד. ה., די רעאַלקייט און מאַכט, די „אָט די־זייטיקייט” פֿון זיין דענקען. דער דיספּוט וועגן דער רעאַלקייט אָדער נישט־רעאַלקייט פֿונעם דענקען, וואָס איזאָלירט זיך פֿון דער פּראַקטיק, איז אַ ריין סכאָלאַסטישע פֿראַגע.

---

קריטיק. דעם הויפּט־חסרון פֿון פֿייערבאַכס מאַטעריאַליזם זעט מאַרקס אין פֿייערבאַכס שטעלונג צו דער פּראַקטיק, ווי צו עפּעס אַזוינס וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן דער טעאָריע, וואָס דער מאַטעריאַליזם זיינער איז בכלל אַן אַבסטראַקטער.

כדי דעריבער באמת צו פֿאַרשטיין דעם זין פֿון דער מכלומרשט אַנטיסעמיטישער פֿראַזע, וועלן מיר איצט צוריקגיין צו פֿייערבאַכן און צו זיין פֿריער דערמאָנטן ווערק. דערביי דאַרף מען אויך אין זינען האָבן דעם פֿאַקט, אַז אין די טעזיסן (ווי אויך באַלד דערנאָך אין דער „דייטשישע אידעאָלאָגיע”) האָט מאַרקס אָפֿט איראָניש ציטירט די אויטאָרס, וואָס ער האָט גענומען אויפֿן צימבל.

מאַרקס זאָגט דאָ אין דעם טעזיס: „ער [פֿייערבאַך] באַטראַכט דעריבער אינעם ׳וועזן פֿונעם קריסטנטום׳ נאָר די טעאָרעטישע האַלטונג ווי דאָס עכט־מענטשלעכע, בעת די פּראַקטיק ווערט אויפֿגענומען און פֿיקסירט בלויז אין איר שמוציק־יידישער דער־שיינונג־פֿאָרם.” וועלן מיר איצט ברענגען עטלעכע ציטאַטן פֿון פֿייערבאַכס דערמאָנטן ווערק, פֿון וואַנעט די דאָזיקע פֿראַזע „שמוציק־יידישער דערשיינונג־פֿאָרם” שטאַמט דירעקט אָפּ, און וועלכע האָבן אַ שייכות צו מאַרקס׳ קריטיק איבער פֿייערבאַכן אין אָט דעם טעזיס.

טענהט דאָרט פֿייערבאַך, אין אָט דעם ווערק זיינעם, „דאָס וועזן פֿונעם קריסטנטום” אָט אַזוי: „נוצן, פּראָפֿיט, איז דער העכסטער פּרינציפּ פֿון יודאַיזם.” — — — „די יידן האָבן אויפֿגעהאַלטן זייער אויסטערלישן כאַראַקטער ביזן היינטיקן טאָג. זייער פּרינציפּ, זייער גאָט איז דער פּראַקטישער פּרינציפּ פֿון דער וועלט — עגאָיזם, און עגאָיזם געננוי אין דער פֿאָרם פֿון רעליגיע.” — — — „דער פּ ר אַ ק ט י ש ע ר שטאַנדפּונקט איז אַ ש מ ו צ י ק ע ר שטאַנדפּונקט, פֿאַרמיאוסט דורך עגאָיזם, וואָרעם אין דעם איז מיין שטעלונג לגבי אַ זאַך פֿאַר מיין אייגענער טובה בלויז.”

(Feuerbach, Sämmtliche Werke, VI. Das Wesen des Christentums, Stuttgart, 1903. pp. 135, 137, 237.)

ווערט איצט שוין בכן, אינעם ליכט פֿון די דאָזיקע ציטאַטן אויס פֿייערבאַכן, זייער גרינג איינצוזען, אַז קריטיקירנדיק פֿייערבאַכס אַבסטראַקטן מאַטעריאַליזם, האָט דאָ מאַרקס אין די „אין אייליגניש אָנגעוואָרפֿענע נאָטיצן פֿאַר שפּעטערער באַאַרבעטונג און אַבסאָלוט נישט באַשטימט צום דרוק” (ענגעלס) — מיט דער פֿראַזע „שמוציק־יידישער דערשיינונג־פֿאָרם” פּשוט פֿאַרנאָטירט פֿאַר זיך בלויז, גאַנץ קאָנדענסירט באַטירלעך, פֿייערבאַכס אייגענע שטעלונג צו דער פּראַקטיק ווי צו עפּעס אַ מין ווסטער יידישער אָנשיקעניש.

ש. ווינער.

## .3

די מאַטעריאַליסטישע לערע וועגן דעם, אַז די מענטשן זענען פּראָדוקטן פון אומשטענדן און דערציאונג, און אַז געענדערטע מענטשן זענען דעריבער פּראָדוקטן פון אַנדערע אומשטענדן און פון אַ געענדערטער דערציאונג, פאַרגעסט, אַז אויך אומשטענדן ווערן געענדערט דורך מענטשן, און אַז דער דערציער מוז אַליין דאָך דערצויגן ווערן. זי [אָט די לערע] קומט דעריבער מיט נויטווענדיקייט צו צו דעם, וואָס זי צעטיילט די געזעלשאַפט אויף צוויי טיילן, פון וועלכע איינע דערהייבט זיך איבער דער געזעלשאַפט (למשל ביי ראָבערט אָוען).

דאָס צונויפפאַלן פון דער ענדערונג אין די אומשטענדן און אין דער מענטשלעכער אַקטיווקייט קאָן באַנומען ווערן און ראַציאָנעל פאַרשטאַנען ווערן נאָר ווי רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק.

## .4

פייערבאַך גייט אַרויס פונעם פאַקט פון דער רעליגיעזער זעלבסט-פאַרפרעמדונג, פון דער פאַרטאָפּלונג פון דער וועלט אויף אַ רעליגיעזער, אימאַגינירטער וועלט, און אַ רעאַלער וועלט. זיין אַרבעט באַשטייט דערין, אויפצולייזן די רעליגיעזע וועלט אין איר וועלטלעכן יסוד. ער פאַרזעט אָבער, אַז נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, בלייבט אַלץ נאָך איבער צו טון די הויפּטזאַך. וואָרעם דער פאַקט, וואָס דער וועלטלעכער יסוד הייבט זיך אויף איבער זיך און פאַרפיקסירט זיך ווי אַ זעלבשטענדיק קיניגרייך אין די וואָלקנס, קען טאַקע דערקלערט ווערן דורך דער זעלבסט-צעריסנקייט און דורך דעם ווידעראַנאַנד פון אָט דעם וועלטלעכן יסוד מיט זיך אַליין. דאָס לעצטע מוז דעריבער אַליין, ערשטנס, פאַרשטאַנען ווערן אין זיין ווידעראַנאַנד, און דערנאָך דורכן באַזייטיקן דעם ווידעראַנאַנד רעוואָלוציאָניזירט ווערן אין דער פּראַקטיק. דעריבער, נאָך דעם, למשל, ווי די ערדישע פאַמיליע איז אַנטדעקט געוואָרן ווי דער סוד פון דער הייליקער פאַמיליע, מוז איצט די ערשטע גופא טעאָרעטיש קריטיקירט ווערן און אין דער פּראַקטיק רעוואָלוציאָניזירט ווערן.

## .5

ניט צופרידן מיטן אַבסטראַקטן דענקען, אַפּעלירט פייערבאַך צו דער חושימדיקער אָנשויאונג; ער נעמט אָבער אויף די חושימדיקייט נישט ווי אַ פּראַקטישע, מענטשלעך-חושימדיקע אַקטיווקייט.

## .6

פייערבאַך לייזט אויף די רעליגיעזע עסענץ אין דער מענטשלעכער עסענץ. אָבער די מענטשלעכע עסענץ איז נישט קיין אַבסטראַקציע, וואָס איז אינעווייניק אין יעדן איינצלנעם אינדיווידואום. אין איר רעאַלקייט איז זי דער אַנסאַמבל [די טאָטאַלקייט] פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען.

פייערבאַך, נישט פאַרנעמענדיק זיך מיט דער קריטיק פון דער דאָזיקער רעאַלער עסענץ, איז געצוווּנגען דעריבער:

1. צו אַבסטראַהירן פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, און צו פיקסירן דעם רעליגיעזן סענטימענט פאַר זיך אַליין, און אָנצונעמען אין פאָראויס אַן אַבסטראַקטן — איזאָלירטן — מענטשלעכן אינדיווידואום.

2. קען ביי אים דעריבער די מענטשלעכע עסענץ אויפגענומען ווערן נאָר ווי א „גאַטונג", ווי אַן אינעווייניקסטע, שטומע אַלגעמיינקייט, וואָס פאַרבינדט די פיל אינדיווידואומען בלויז נאַטירלעך.

### 7.

פייערבאַך זעט דעריבער נישט, אַז דער „רעליגיעזער סענטימענט" גופא איז א געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט, און אַז דער אַבסטראַקטער אינדיווידואום, וועלכן ער אַנאַליזירט, געהערט אין דער רעאַלקייט צו א באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער פאָרם.

### 8.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אין תוך פּראַקטיש. אַלע מיסטעריעס, וואָס פאַרפירן די טעאָריע צום מיסטיציזם, געפינען זייער ראַציאָנעלע לייזונג אין דער מענטשלעכער פּראַקטיק און אינעם באַנעמען די דאָזיקע פּראַקטיק.

### 9.

דאָס העכסטע צו וואָס דער אָנשויעודיקער מאַטעריאַליזם קאָן דערגרייכן, ד. ה., דער מאַטעריאַליזם, וואָס באַנעמט די חושימדיקייט נישט ווי פּראַקטישע אַקטיוויקייט, איז דאָס אָבסערווירן איינצלנע אינדיווידואומען אין דער „בירגערלעכער געזעלשאַפט".*

### 10.

דער שטאַנדפּונקט פונעם אַלטן מאַטעריאַליזם איז די „בירגערלעכע" געזעלשאַפט; דער שטאַנדפּונקט פונעם נייעם — די מענטשלעכע געזעלשאַפט, אָדער די סאָציאַליזירטע מענטשהייט.

### 11.

די פילאָסאָפן האָבן די וועלט נאָר אויף פאַרשידענע אופנים אינטערפּרעטירט, סע גייט אָבער אין דעם, אַז מע זאָל זי ענדערן.

* „בירגערלעכע געזעלשאַפט" מיינט דאָ נישט „בורזשואַזע געזעלשאַפט", נאָר, ווי ביי העגעלן, געזעלשאַפט אינעם זין פון דער טאָטאַלקייט פון די געזעלשאַפטלעכע (עקאָנאָמישע, פּריוואַטלעכע, קולטורעלע און אַנד.) באַציאונגען, אָפּגעשיידט פונעם פּאָליטישן אָרגאַניזם — די מלוכה.

# אַן אויסגעלאָזטער פראַגמענט פון „פייערבאַך"*

די וווּלגאַריזירנדיקע פּעדלערס, וואָס האָבן אין די פופציקער יאָרן אין דייטשלאַנד זיך גע׳עסקט אַרום דעם מאַטעריאַליזם, זענען אויף דאָס מינדסטע נישט אַריבער איבער די באַגרענעצטקייטן פון זייערע לערערס. יעדער נייער פּראָגרעס אין דער נאַטורוויסנשאַפט, וואָס איז פאַר דער צייט געמאַכט געוואָרן, האָט זיי געדינט בלויז ווי נייע אַרגומענטן אַנטקעגן דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ וועלט־באַשעפער; און פאַקטיש איז עס נישט פאַר זיי געווען די טעאָריע ווייטער צו אַנטוויקלען. דער אידעאַליזם איז דורך [דער רעוואָלוציע פון] 1848 שווער געטראָפן געוואָרן, אָבער דער מאַטעריאַליזם אין אָט דעם באַנייטן געשטאַלט זיינעם איז נאָך טיפער געזונקען. דאָס וואָס פייערבאַך האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די אחריות פאַר אָט דעם מאַטעריאַליזם, איז ער דערמיט לחלוטין גערעכט געווען, ער האָט אָבער נישט באַדאַרפט צונויפמישן די לערע פון די אַרומוואַנדערנדיקע בעל־דרשנס מיטן מאַטעריאַליזם בכלל.

אַרום אָט דער אייגענער צייט אָבער האָט די עמפּירישע נאַטורוויסנשאַפט געמאַכט אַזאַ פּראָגרעס און דערגרייכט אַזוינע גלענצנדיקע רעזולטאַטן, אַז נישט נאָר איז דורך דעם מעגלעך געוואָרן אינגאַנצן בייצוקומען די מעכאַנישע איינזייטיקייט פונעם אכצנטן יאָרהונדערט, נאָר אויך די נאַטורוויסנשאַפט גופא האָט, דורכן אויפווייז וועגן דער צווישנאַנדיקער פאַרבינדונג וואָס איז אין דער נאַטור גופא פאַראַן צווישן די פאַרשידענע פאָרשונג־ספערן (מעכאַניק, פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע א. אז. וו.), זיך פאַרוואַנדלט פון אַן עמפּירישער אין אַ טעאָרעטישער וויסנשאַפט, און איז דורך דער אינטעגרירונג פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן געוואָרן אַ סיסטעם פון מאַטעריאַליסטישער נאַטור־דערקענטעניש. די מעכאַניק פון גאַזן; די ניי־געשאַפענע אָרגאַנישע כעמיע, וועלכע האָט איינס נאָך דאָס אַנדערע אָפּגעשיילט די לעצטע רעשטלעך אומבאַנעמלעכקייט פון די אַזוי־גערופענע אָרגאַנישע פאַרבינדונגען, פּרעפּאַרירנדיק זיי פון נישט־אָרגאַנישע שטאָפן; די וויסנשאַפטלעכע עמבריאָלאָגיע, וועלכע דאַטירט זיך נאָך פון 1818; געאָלאָגיע און פּאַלעאָנטאָלאָגיע און די פאַרגלייכנדיקע אַנאַטאָמיע פון געוויקסן און בעלי־חיים — אַלע האָבן זיי צוגעשטעלט נייעם מאַטעריאַל אין אַ ביז אַהער אומגעהערטער מאָס. פון אַנטשיידנדיקער וויכטיקייט אָבער זענען געווען דריי גרויסע אַנטדעקונגען.

די ערשטע אַנטדעקונג איז געווען דער אויפווייז וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון ענערגיע, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך דער אַנטדעקונג פונעם מעכאַנישן עקוויוואַלענט פון וואַרעמקייט (דורך ראָבערט מייער, דזשאָול און קאָלדינג). די אַלע אָן אַ שיעור אָפּערירנדיקע סיבות אין דער נאַטור, וואָס האָבן

*זע די באַמערקונג אויף זייט 29.

ביז אהער געפירט אַ מיסטעריעזע, אומדערקלערלעכע עקזיסטענץ ווי אַזוי־גערופענע „קרעפטן" — מעכאַנישע קראַפט, וואַרעמקייט, שטראַלונג (ליכט און שטראַלנדיקע וואַרעמקייט), עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם, כעמישע קראַפט פאַר פאַרבינדונג און אויפלייזונג — זענען איצט דערוויזן געוואָרן ווי באַזונדערע פאָרמען, עקזיסטענץ־אופנים פון איינער און דערזעלבער ענערגיע, ד. ה., באַוועגונג. נישט נאָר קענען מיר דערווייזן זייער כסדר פאָרקומענדיקע פאַרוואַנדלונג אין דער נאַטור פון איין פאָרם אין אַן אַנדערער, נאָר מיר קענען זי [אָט די פאַרוואַנדלונג] גופא אויך דורכפירן אין דער לאַבאָראַטאָריע און אין דער אינדוסטריע, און אָט דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז אַ געגעבענע קוואַנטיטעט פון ענערגיע אין איין פאָרם וועט תמיד שטימען מיט אַ באַשטימטער קוואַנטיטעט פון ענערגיע אין דער אָדער יענער אַנדערער פאָרם. אָט אַזוינאַך קענען מיר די איינהייט פון וואַרעמקייט אויסדריקן אין קילאָגראַם־מעטערס, און די איינהייטן ווידער פון אַ וואָסער סע איז קוואַנטיטעט פון עלעקטרישער אָדער כעמישער ענערגיע אויסדריקן אין איינהייטן פון וואַרעמקייט און אויך פאַרקערט. מיר קענען אויך פונקט אַזוי די פאַרנוצטע און די אַריינקריגנדיקע ענערגיע פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אויסמעסטן און אויסדריקן אין אַ וואָסער סע איז איינהייט — למשל, אין איינהייטן פון וואַרעמקייט. די איינהייט פון אַלע פאָרמען פון באַוועגונג אין דער נאַטור איז איצט נישט מער אַ פילאָסאָפישע קאָנסטאַטירונג, נאָר אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכער פאַקט.

די צווייטע — לויט דער צייט אַ נאָך פריערדיקע — איז די אַנטדעקונג פון דער אָרגאַנישער צעל דורך שוואַן און שלײַדען, פון דער צעל ווי די איינהייט, וואָס אויס איר פילפאַכיקער פאַרמערונג און דיפערענצירונג סע קומען אויף און סע וואַקסן אַרויס אַלע אָרגאַניזמען, מיטן אויסנאַם פון די סאַמע נידעריקסטע. ערשט מיט אָט דער אַנטדעקונג האָט די פאָרשונג פון די אָרגאַנישע, לעבעדיקע נאַטור־פּראָדוקטן — די פאַרגלייכנדיקע אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע אַזוי גוט ווי די עמבריאָלאָגיע — זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטן באָדן. דער סוד, וואָס האָט אַרומגעהילט [דעם פּראָצעס פון] דעם אויפקום, דעם וווּקס און סטרוקטור פון די אָרגאַניזמען, איז אויפגעדעקט געוואָרן. דער ביז אהער אומבאַגרייפלעכער נס האָט זיך אויפגעלייזט אין אַ פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר לויט אַ געזעץ נאָך, וואָס איז אין תוך גענומען אידענטיש פאַר אַלע פיל־צעליקע אָרגאַניזמען.

אָבער איין עסענציעלער בלויז בלייבט אַלץ נאָך איבער. וויבאַלד אַלע פיל־צעליקע אָרגאַניזמען — געוויקסן אַזוי גוט ווי בעלי־חיים, דעם מענטשן אַרײַנגערעכנט — זענען לויטן געזעץ נאָך פון דער צעלן־שפּאַלטונג אַלע אויס איין צעל אַרויסגעוואַקסן, טו פון וואַנעט זשע די אומענדלעכע פאַרשידנקייט פון אָט די אָרגאַניזמען? די דאָזיקע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן דורך דער דריטער גרויסער אַנטדעקונג, די טעאָריע פון עוואָלוציע, וועלכע איז צום ערשטן דורך דאַרווינען פאָרמולירט געוואָרן אין אַ צונויפגעבונדענער פאָרם און דורך אים באַגרינדעט געוואָרן. וואָסערע מאָדיפיצירונגען די טעאָריע זאָל נישט דאַרפן נאָך דורכמאַכן, לייזט זי אָבער שוין איצט אינעם גאַנצן און גרויסן דאָס פּראָבלעם מער נאָך ווי אויף אַ גענוגנדיקן אופן. די אַנטוויקלונג־רייע פון אָרגאַניזמען פון ווייניקע און איינפאַכע צו אַלץ פילפאַכיקערע און קאָמפּליצירטערע פאָרמען,

ווי מיר זעען זיי פאַר זיך היינט, און אַזוי כסדר ביז אַרויף צום מענטשן, איז דערוויזן געוואָרן אין די הויפּט גרונט־שטריכן. סע איז דערמיט נישט נאָר מעגלעך געוואָרן צו געבן אַ דערקלערונג פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָפּשטאַמונג־ליניע פון אָרגאַנישן לעבן אין דער נאַטור, נאָר סע איז אויך געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער פאָרגעשיכטע פונעם מענטשנס גייסט, פאַר דער נאָכשפּירונג פון זיינע פאַרשידענע אַנטוויקלונג־שטאַפּלען פון דער איינפאַכער און סטרוקטור־לאָזער, דאָך רייצונג־שפּירנדיקער פּראָטאָפּלאַזמע אין די נידעריקע אָרגאַניזמען, ביז צום דענקענדיקן מענטשישן מאַרך. אָן אַט דער פאָרגעשיכטע אָבער בלייבט די עקזיסטענץ פונעם דענקענדיקן מענטשישן מאַרך עפּעס אַ וווּנדער.

מיט אַט די דריי גרויסע אַנטדעקונגען ווערן די הויפּט־פּראָצעסן אין דער נאַטור דערקלערט און צוריקגעפירט צו נאַטורלעכע סיבות. איין זאַך נאָר בלייבט דאָך צו טון: צו דערקלערן דאָס אויפקומען פון לעבן אויס דער אומ־אָרגאַנישער נאַטור. אויף דער היינטיקער מדרגה פון דער וויסנשאַפט מיינט דאָס נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו פּרעפּאַרירן אייוווייסל־קערפּערס אויס אומ־אָרגאַנישע מאַטעריאַלן. די כעמיע קומט צו אַלץ נעענטער און נעענטער צו [דער לייזונג פון] דער דאָזיקער אויפגאַבע. זי איז אָבער נאָך גאַנץ ווייט דערפון. ווען מיר דערמאָנען זיך אָבער, אַז ערשט אין 1828 איז דער ערשטער אָרגאַנישער קערפּער, אורין־שטאָף, פון וועהלערן פּרעפּאַרירט געוואָרן אויס אומאָרגאַנישע מאַטעריאַלן, און אַז אָן אַ שיעור אַזוי־גערופענע אָרגאַנישע צונויפזעצונגען ווערן איצט קינסטלעך פּרעפּאַרירט אָן קיין שום אָרגאַנישע סובסטאַנצן, זעען מיר נישט פאַר דער כעמיע קיין אָפּהאַלט אויך אייוווייסל צו פּראָדוצירן. ביז אַהער האָט די כעמיע געקענט פּרעפּאַרירן יעדע אָרגאַנישע סובסטאַנץ, וואָס זי איז מיט איר קאָמפּאָזיציע געווען אַקוראַט באַקאַנט. אַזוי באַלד נאָר ווי סע וועט באַקאַנט ווערן די קאָמפּאָזיציע פון אייוווייסל־קערפּערס, וועט זי דעמאָלט קענען צוטרעטן צו פּראָדוצירן לעבעדיקן אייוווייסל. אַז די כעמיע אָבער זאָל איבער נאַכט אויפטון דאָס, וואָס סע האָט זיך דער נאַטור אַליין אונטער זייער גינציקע אומ־שטענדן איינגעגעבן אויף עטלעכע פּלאַנעטן נאָך מיליאָנען יאָרן — אַט דאָס הייסט צו פאַרלאַנגען פון איר אַ נס.

אַט אַזוינאָך שטייט היינט די מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע וועגן דער נאַטור אויף אַ גאַנץ אַנדערן און פעסטערן פונדאַמענט ווי אינעם פריערדיקן יאָר־הונדערט. דעמאָלט איז עס געווען נאָר די באַוועגונג פון די הימלישע קערפּערס און די באַוועגונג פון די ערדישע פעסטע קערפּערס וועלכע קומט פאָר אונטערן איינפלוס פון גראַוויטאַציע, וואָס איז ביז אַ געוויסער מאָס אויסשעפּנדיק פאַר־שטאַנען געוואָרן. כמעט די גאַנצע ספערע פון כעמיע און די גאַנצע אָרגאַנישע נאַטור זענען פאַרבליבן אומפאַרשטאַנענע סודות. היינט ליגט פאַר אונדז די גאַנצע נאַטור אָפן ווי אַ סיסטעם פון צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען און פּראָ־צעסן, וועלכע זענען, אין זייערע גרונטאָוונע שטריכן על־כּל־פּנים, אי דערקלערט און אי באַנומען געוואָרן. קודם־כּל מיינט דער מאַטעריאַליסטישער בליק אויף דער נאַטור נישט מער ווי באַנעמען די נאַטור פּשוט אַט אַזוי ווי זי איז, אָן פרעמדע צודאַטן, און ביי די גריכישע פילאָסאָפן איז ער [דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעם] תחילת געווען טאַקע אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אָבער צווישן יענע אַלטע גריכן און אונדז ליגט מער ווי צוויי טויזנט יאָר פון אַ אין תוך

געגנומען אידעאַליסטישן וועלט־באַנעם, און דעריבער איז אויך דער צוריקסער צום זעלבסטפאַרשטענדלעכן אַ סך שווערער ווי דאָס זעט אויס אויפן ערשטן בליק. וואָרעם נישט אין דעם איינגעלע גייט עס, צו נעמען און פשוט אָפּוואַרפן דעם גאַנצן טעאָרעטישן אינהאַלט פון יענע צוויי טויזנט יאָר, נאָר אין דעם, אַז דעם אינהאַלט צו קריטיקירן, כדי פון דער איינגעוויד פון דער פאַלשער, אָבער פאַר איר צייט און פאַרן עוואָלוציע־פּראָצעס אפילו אומפאַרמיידלעכער, אידעאַליסטישער פאָרם, אַרויסצושיילן די געוווּנענע רעזולטאַטן אויס אַז דער פּאַראיבערגייענדיקער פאָרם. און ווי שווער דאָס איז, באַווייזן אונדז יענע מאַסן נאַטור־פאָרשער, וואָס אינעווייניק אין זייער וויסנשאַפט זענען זיי אומקאָמפּראָמיסלעכע מאַטעריאַליסטן, דרויסן אָבער פון דער וויסנשאַפט איז נישט נאָר זענען זיי אידעאַליסטן, נאָר אפילו פרומע, אָרטאָדאָקסישע קריסטן.

אַז דער גאַנצער עפּאָכעמאַכנדיקער פּראָגרעס אין דער נאַטורוויסנשאַפט איז פייערבאַכן פאַרבייגעגאַנגען, נישט באַרירנדיק אים אין עצם. איז דאָס נישט געווען אַזוי פיל זיין שולד, ווי די שולד פון די קלאָגעדיקע דייטשישע באַדינגונגען, אַ דאַנק וועלכע די פּראָפעסאָרישע קאַטעדרעס אין די אוניווערסיטעטן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון פּוסט־קעפּיקע, עקלעקטישע פליי־קנאַקערס, בעת פייערבאַך, וואָס האָט הויך געטורעמט איבער זיי אַלע, האָט אין איינזאַמער דאָרפישער איזאָלירטקייט געמוזט כמעט פאַרפוילערט ווערן. אַז דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס ער האָט איבער דער נאַטור—באַנאַנד מיט איינצלנע געניאַלע אַפאָריזמען—אַזוי פיל בעלעטריסטיש שטרוי געמוזט דרעשן. אַז זאָגט ער אַזוי: „אוודאי איז דאָס לעבן נישט קיין פּראָדוקט פון אַ כעמישן פּראָצעס, בכלל נישט קיין פּראָדוקט פון אַן איזאָלירטן נאַטור־כוח אָדער דערשיינונג, צו וועלכן דער מעטאַפיזישער מאַטעריאַליסט רעדוצירט דאָס לעבן; סע איז אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער נאַטור." אז דאָס לעבן איז אַ רעזולטאַט פון דער גאָרער נאַטור, איז בשום־אופן קיין סתירה נישט צום אומשטאַנד, וואָס בעת דאָס איי־ווייסל, וועלכס איז דער איין און איינציקער זעלבשטענדיקער טרעגער פון לעבן, קומט אויף אונטער באַשטימטע באַדינגונגען, דעטערמינירטע דורך דער גאָרער צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג אין דער נאַטור, קומט עס דאָך אָבער אויף ווי דער פּראָדוקט פון אַ כעמישן פּראָצעס. (וואָלט פייערבאַך געלעבט אונטער אומשטענדן, וואָס וואָלטן אים געגעבן אַ געלעגנהייט אפילו נאָר אויבערפלעכלעך נאָכצושפּירן די אַנטוויקלונג פון דער נאַטורוויסנשאַפט, וואָלט ער קיינמאָל נישט געקומען דערצו, ער זאָל וועגן אַ כעמישן פּראָצעס רעדן ווי וועגן דער ווירקונג פון אַן איזאָלירטן נאַטור־כוח.) צו אַז דער איגענער פּאַראיינזאַמטקייט דאַרף מען צושרייבן דאָס, וואָס פייערבאַך פאַרלירט זיך אין אַ סעריע אומפּרוכטיקע און אין אַ ראָד זיך דרייענדיקע שפּעקולאַציעס איבער דער שייכות פונעם דענקען צום דענקענדיקן אָרגאַן, דעם מאַרך — אַ פעלד, אויף וועלכן שטאַרקע גייט אים אַזוי גערן נאָך.

גענוג. פייערבאַך שטעלט זיך אַנטקעגן דעם נאָמען מאַטעריאַליזם. און נישט אינגאַנצן מיט אומרעכט, וואָרעם פונעם אידעאַליזם האָט ער זיך נישט לגמרי באַפרייט. אין דער ספערע פון נאַטור איז ער אַ מאַטעריאַליסט, אָבער אין דער ספערע פונעם מענטשלעכן . . . . .

(אַט דאָ רייסט זיך איבער דער פראַגמענט).

# קאַרל מאַרקס איבער דער געשיכטע פון פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם *

„גענוי און אינעם פּראָזאישן זין צו רעדן" איז די פראַנצויזישע אויפקלערונג פונעם אכצנטן יאָרהונדערט, און בפרט נאָך דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם, נישט נאָר געווען אַ קאַמף קעגן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, אַזוי גוט ווי קעגן דער עקזיסטירנדיקער רעליגיע און טעאָלאָגיע, נאָר פּונקט אויך אַזוי פיל אַן אָפענער, אויסדריקלעכער קאַמף קעגן דער מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט און קעגן יעדער מעטאַפיזיק, בפרט קעגן דער מעטאַפיזיק פון דעקאַרט, מאַלבראַנש, ספּינאָזאַ און לייבניץ. מע האָט אַוועקגעשטעלט די פילאָסאָפיע קעגן דער מעטאַפיזיק; פּונקט ווי פייערבאַך האָט ביי זיין ערשטן אַנטשיידנדיקן אַרויסטריט קעגן העגעלן אַוועקגעשטעלט די ניכטערנע פילאָסאָפיע קעגן דער פאַרשיכורנדיקער שפּעקולאַציע. די מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, וועלכע איז אָפּגעקערט געוואָרן פונעם פעלד דורך דער פראַנצויזישער אויפקלערונג און בפרט נאָך דורכן פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם פונעם אכצנטן יאָרהונדערט, האָט דערלעבט צו זען איר טריאומפירנדיקע און גאַנץ ממשותדיקע רעסטאַווראַציע אין דער דייטשישער פילאָסאָפיע, און בפרט אין דער שפּעקולאַטיווער דייטשישער פילאָסאָפיע פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. נאָך דעם ווי העגעל האָט זי אויף אַ געניאַלן אופן קאָמבינירט מיט יעדער שפּעטערדיקער מעטאַפיזיק און מיטן דייטשישן אידעאַליזם און געגרינדעט אַן אוניווערסאַל מעטאַפיזיש קיניגרייך, איז די אַטאַקע אויף דער שפּעקולאַטיווער מעטאַפיזיק און אויף יעדער מעטאַפיזיק, ווידער אַמאָל געוואָרן, פּונקט ווי אינעם אכצנטן יאָרהונדערט, גלייך מיט דער אַטאַקע אויף דער טעאָלאָגיע. זי [די מעטאַפיזיק] קען שוין מער קיין מאָל קיין תקומה נישט האָבן אונטערן מאַטעריאַליזם, וועלכער איז איצט אין גאַנצן שוין אַ פאַרפולקומטער דורך די ווערק טאַקע פון דער שפּעקולאַציע גופא, דער מאַטעריאַליזם, וואָס פאַלט צונויף מיטן הומאַניזם. דער פראַנצויזישער און ענגלישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם רעפּרעזענטירט דעם דאָזיקן צונויפפאַל פון הומאַניזם און מאַטעריאַליזם אויפן פעלד פון דער פּראַקטיק, פּונקט ווי פייערבאַך רעפּרעזענטירט אים אין דער ספערע פון דער טעאָריע.

„גענוי און אינעם פּראָזאישן זין צו רעדן", זענען אין פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם פאַראַן צוויי ריכטונגען, פון וועלכע איינע ציט איר יניקה פון דעקאַרטן און די אַנדערע פון לאָקן. די לעצטע איז אין איר סאַמע עיקר אַ פראַנצויזישער קולטור־עלעמענט און פליסט דירעקט אַריין אינעם סאָציאַליזם. די

* פון „די הייליקע פאַמיליע".

ערשטע, דער מעכאַנישער מאַטעריאַליזם, פאַלט אַריין אין דער אייגנטלעכער פראַנצויזישער נאַטורוויסנשאַפט. ביידע ריכטונגען שניידן זיך אַדורך אינם דאָס אַנדערע אינעם קורס פון אַנטוויקלונג. דאַרפן מיר זיך מיט יענעם פראַנ־צויזישן מאַטעריאַליזם, וואָס קומט דירעקט אַרויס פון דעקאַרטן, נישט אָפּגעבן קיין סך מער ווי מיט דער פראַנצויזישער שול פון ניוטאָנען און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פראַנצויזישער נאַטורוויסנשאַפט בכלל.

סע דאַרף דעריבער נאָר דאָס געזאָגט ווערן: אין זיין פיזיק האָט דעקאַרט דער מאַטעריע אויסגעליגן זעלבסט־שעפערישער קראַפט און די מעכאַנישע באַ־וועגונג באַנומען ווי איר לעבנס־אַקט. ער האָט זיין פיזיק לגמרי אָפּגעריסן פון זיין מעטאַפיזיק. אינעווייניק אין זיין פיזיק איז מאַטעריע די איינציקע סובסטאַנץ, דער איינציקער יסוד פון זיין און וויסן.

דער מעכאַנישער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם האָט להיפּוך צו דעקאַרטס מעטאַפיזיק זיך צוגעפּעסטיקט צו זיין פיזיק. זיינע תּלמידים זענען געווען אַנטי־מעטאַפיזיקער פון פראָפעסיע, נעמלעך פיזיקער.

מיטן דאָקטאָר לערױ הייבט אָט די שול זיך אָן, מיטן דאָקטאָר קאַבאַניס דערגרייכט זי איר העכסטן פונקט, דער דאָקטאָר לאַמעטרי איז איר צענטער. דעקאַרט האָט געלעבט נאָך בשעת לערױ האָט די קאַרטעזיאַנישע קאָנסטרוקציע פון חיות — ווי דאָס האָט אויף אַן ענלעכן אופן געטון לאַמעטרי אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט — איבערגעטראָגן אויף דער מענטשלעכער נשמה, ער האָט די נשמה דערקלערט פאַר אַ מאָדוס פונעם קערפּער און די אידייען פאַר מעכאַנישע באַוועגונגען. לערױ האָט אַפילו געגלייבט, אַז דעקאַרט האָט זיין אמתע מיינונג אויסבאַהאַלטן. דעקאַרט האָט פּראָטעסטירט. ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָר־הונדערט האָט קאַבאַניס געבראַכט צו פולקומקייט דעם קאַרטעזיאַנישן מאַ־טעריאַליזם אין זיין שריפט: Rapport du physique et du moral de l'homme (ראַפּאָרט וועגן דער פיזיק און דער מאָראַל פונעם מענטש).

דער קאַרטעזיאַנישער מאַטעריאַליזם עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג אין פראַנקרייך. ער האָט זיינע גרויסע דערפאָלגן אין דער מעכאַנישער נאַטור־וויסנשאַפט, וועלכער מע קען, נענוי און אינעם פראַזאַישן זין גערעדט, ווינציקער ווי אַלץ פאָרוואַרפן אין זיין ראָמאַנטיש.

די מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, בפרט ווי זי איז רעפּ־רעזענטירט אין פראַנקרייך דורך דעקאַרטן, האָט פון איר געבוירן־שעה אָן גע־האַט דעם מאַטעריאַליזם פאַר אַן אַנטאַגאָניסט. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם צו דעקאַרטן האָט זיך פּערסאָניפיצירט אין געשטאַלט פון גאַסענדין, דעם רעסטאַוו־רירער פונעם עפּיקורעישן מאַטעריאַליזם. דער פראַנצויזישער און ענגלישער מאַטעריאַליזם האָט תּמיד געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דעמאָקריטן און עפּיקורן. נאָך אַן אַפּאָנענט האָט די קאַרטעזיאַנישע מעטאַפיזיק געהאַט אינעם ענגלישן מאַטעריאַליסט האָבס. גאַסענדי און האָבס האָבן לאַנג נאָך זייער טויט באַזיגט זייערע קעגנער אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען זי [די קאַרטעזיאַנישע מעטאַפיזיק] האָט ווי אַן אָפיציעלע מאַכט שוין געהערשט אין אַלע פראַנצויזישע שולן.

וואָלטער האָט באַמערקט, אַז די אינדיפערענץ פון די פראַנצויזן אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט צו די יעזואיטישע און יאַנסעניסטישע מחלוקות איז געווען

ווייניקער אַ רעזולטאַט פון דער פילאָסאָפיע ווי פון לאָו'ס פינאַנץ־שפּעקולאַציעס. אָט אַזוינאָך קען מען דאָס אָפּוואַרפן די מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט צושרייבן דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט אויף אַזוי פיל נאָר, אויף וויפיל אָט די טעאָרעטישע באַוועגונג גופא ווערט דערקלערט דורך דער פּראַקטישער פאָרם פונעם דעמאָלטדיקן פראַנצויזישן לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן האָט דעמאָלט געפירט דירעקט צו עולם־הזהדיקייט, צו וועלטלעכע הנאות און וועלטלעכע אינטערעסן, צו דער ערדישער וועלט. אַנטי־טעאָלאָגישע, אַנטי־מעטאַפיזישע, מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס האָבן געמוזט שטימען מיט זיין אַנטי־טעאָלאָגישער, זיין אַנטי־מעטאַפיזישער, זיין מאַטעריאַליסטישער פּראַקטיק. די מעטאַפיזיק האָט פּראַקטיש פאַרלוירן יעדן קרעדיט. דאָ וועלן מיר נאָר בקיצור אָנדייטן איר טעאָרעטישן קורס.

די מעטאַפיזיק אינעם זיבעצנטן יאָרהונדערט (פון דעקאַרט, לייבניץ א. אַנד.) איז געווען נאָך אָנגעזאַפּט מיט פּאָזיטיוון, פּראָפאַנעם אינהאַלט. זי האָט געמאַכט אַנטדעקונגען אין דער מאַטעמאַטיק, פיזיק און אַנדערע עקזאַקטע וויסנשאַפטן, צו וועלכע סע האָט זיך אויסגעדאַכט זי האָט אַ שייכות. שוין אינעם אָנהייב פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט ווערט די דאָזיקע אויסדאַכטעניש צעשטערט. די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן האָבן זיך פון איר אָפּגעריסן און אַ זעלבשטענדיק פעלד פאַר זיך אָנגעצייכנט. דאָס גאַנצע מעטאַפיזישע עשירות איז איצט באַשטאַנען נישט אין עפּעס אַנדערש ווי נאָר אין געדאַנקען־וועזנס און הימלישע זאַכן, גראָד ווען רעאַלע וועזנס און ערדישע זאַכן האָבן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אויף זיך דעם גאַנצן אינטערעס. די מעטאַפיזיק איז געוואָרן אָפּגעבליאַקעוועט. אינעם אייגענעם יאָר ווען די לעצטע גרויסע פראַנצויזישע מעטאַפיזיקער פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, מאַלבראַנש און אַרנאָלד, זענען געשטאָרבן, זענען העלוועציוס און קאָנדילאַק געבוירן געוואָרן.

דער מאַן, וואָס האָט רואינירט דעם טעאָרעטישן קרעדיט פון די מעטאַפיזיקער פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט ווי פון יעטווידער מעטאַפיזיק, איז געווען פּיער בעיל. זיין כלי־זיין איז געווען דער סקעפּטיציזם, אויסגעשמידט אויס דער כישוף־פאָרמולע פון דער מעטאַפיזיק גופא. ער אַליין האָט גענומען די קאַרטעזיאַנישע מעטאַפיזיק פאַר זיין נעענטסטן אויסגאַנג־פּונקט. פּונקט ווי פייערבאַך איז דורכן באַקעמפן די שפּעקולאַטיווע טעאָלאָגיע געטריבן געוואָרן ווייטער צו באַקעמפן די שפּעקולאַטיווע פילאָסאָפיע, דערפאַר טאַקע ווייל ער האָט די שפּעקולאַציע געהאַלטן פאַרן לעצטן אָנשפּאַר פון דער טעאָלאָגיע, מחמת ער האָט געוואָלט נייטן די טעאָלאָגן צוריק זיך אָפּטראָגן פון דער פּסעוודאָ־וויסנשאַפט צום האַמעטנעם, דערווידערלעכן גלויבן, פּונקט אַזוי האָט דער רעליגיעזער צווייפל געטריבן בעילן צום צווייפל אין דער מעטאַפיזיק, וועלכע שטיצט אָט דעם גלויבן. ער האָט דעריבער אונטערגעוואָרפן די מעטאַפיזיק, אין איר גאַנצער היסטאָרישער עוואָלוציע, אונטער קריטיק. פּיער בעיל איז איר היסטאָריקער געוואָרן, כדי די היסטאָריע פון איר טויט צו שרייבן. קודם־כל האָט ער אָפּגעפרעגט ספּינאָזאַן און לייבניצן.

פּיער בעיל האָט נישט נאָר אויסגעלייגט דעם וועג אין פראַנקרייך פאַר דער אָקצעפּטירונג פונעם מאַטעריאַליזם און דער פילאָסאָפיע פונעם שכל־הישר

דורך דער סקעפטישער צעברעקלונג פון דער מעטאפיזיק. ער האט אויך אנגעקינדיקט די אטעיסטישע געזעלשאפט, וועלכע האט תיכף געדארפט אנהייבן צו עקזיסטירן, דורכן באווייז, אז סע עקזיסטירט א געזעלשאפט פון לויטער אטעיסטן; אז אן אטעיסט קען זיין א בכבודיקער מענטש; אז נישט דורכן אטעיזם האט דער מענטש זיך דעגראדירט, נאר דורכן אבערגלויבן און געצנדינסט.

פיער בעיל איז לויטן אויסדרוק פון א פראנצויזישן שרייבער געווען „דער לעצטער פון די מעטאפיזיקער אינעם זין פונעם זיבעצנטן יארהונדערט און דער ערשטער פון די פילאסאפן אינעם זין פונעם אכצנטן יארהונדערט".

אחוץ דער נעגאטיווער אפּפרעגונג פון דער טעאלאגיע און מעטאפיזיק פונעם זיבעצנטן יארהונדערט האט מען אויך באדארפט א פאזיטיוו, אנטי־מעטאפיזיש סיסטעם. מען האט באדארפט א בוך, וואס זאל די דעמאלטדיקע לעבנס־פראקטיק סיסטעמאטיזירן און זי טעארעטיש באגרינדן. לאקס „עסעי איבער דעם אפשטאם פונעם מענטשלעכן פארשטאנד" איז געקומען ווי געוווּנטשן פון יענער זייט קאנאל. זי איז ענטוזיאסטיש אויפגענומען געווארן ווי א שטארק דערווארטער גאסט.

שטעלט זיך די פראגע: איז אפשר לאק ספינאזאס א תלמיד? די „פראפאנע" געשיכטע וואלט דערויף געקענט ענטפערן: *

דער מאטעריאליזם איז דער נאטירלעך־געבוירענער זון פון גרויס־בריטאניע. שוין דער בריטישער סכאלאסטיקער דונס סקאטוס האט געפרעגט: „צי קען נישט מאטעריע דענקען?"

כדי אט דעם נס צו באווייזן, נעמט ער צו הילף גאטס אלמעכטיקייט, ד. ה., ער נייט די טעאלאגיע גופא צו פריידיקן מאטעריאליזם. ער ווערט איבער דעם א נאמינאליסט. נאמינאליזם, די ערשטע פארם פון מאטעריאליזם, קען מען דער עיקר געפינען צווישן די ענגלישע סכאלאסטיקער.

דער אמתער שטאם־פאטער פונעם ענגלישן מאטעריאליזם איז בעיקאן. נאטורוויסנשאפט איז פאר אים די איינציקע אמתע וויסנשאפט, און פיזיק באזירט אויף דער דערפארונג פון די חושים איז פאר אים דער פארנעמסטער טייל פון דער נאטורוויסנשאפט. אנאקסאגאראס מיט זיינע האמאיאמעריען און דעמאקריט מיט זיינע אטאמען זענען זייער אפט זיינע אויטאריטעטן. לויט זיין לערע נארן די חושים נישט אפ און זענען דער קוואל פון יעטווידער דערקענטעניש. די גאנצע וויסנשאפט איז באזירט אויף דערפארונג און באשטייט אין דעם, אנצווענדן א ראציאנעלע פארשונג־מעטאדע אויף דעם, וואס ווערט געגעבן דורך די חושים. אינדוקציע, אנאליז, פארגלייכונג, אבסערווירונג, עקספערימענטירונג זענען די הויפט־באדינגונגען פון אזא ראציאנעלער מעטאדע. צווישן די איינגעבוירענע איינגשאפטן אין דער מאטעריע, איז באוועגונג די ערשטע און סאמע עיקרדיקע, נישט נאר אין דער פארם פון מעכאנישער און מאטעמאטישער באוועגונג, נאר נאך מער אין דער פארם פון אן אימפולס, א

* די ווייטערדיקע פאראגראפן דא איז דער פראגמענט פון „די הייליקע פאמיליע", וועלכן ענגעלס האט ארייננגענומען אין זיין אריינפיר צו דער ענגלישער אויסגאבע פון זיין „סאציאליזם: אוטאפישער און וויסנשאפטלעכער".

לעבנס־גייסט, אן אנשטרענג־קראפט—אדער א קוואל, צו באנוצן יאקאב בעהמעס אן אויסדרוק * — פון מאטעריע.

אין בעיקאנען, ווי זיין ערשטן באשעפער, שליסט נאך אין זיך דער מאטעריאליזם אויף א נאיוון אופן איין די זאמען־קערנדלעך פון אן אלזייטיקער אנטוויקלונג. די מאטעריע, אן ארומגערינגלטע מיט א חושימדיקן, פאעטישן גלאנץ, ציט זעט אויס פון איין זייט צו דעם מענטשנס גארן ווען דורך אייננעמענדיקע שמייכלען. פון דער צווייטער זייט ווימלט נאך אט די אפאריסטיש־פארמולירטע דאקטרין מיט נישט־אויסגעהאלטנקייטן, אימפארטירטע פון דער טעאלאגיע.

אין זיין ווייטערדיקער עוואלוציע ווערט דער מאטעריאליזם איינזייטיק. האבס איז דער, וואס סיסטעמאטיזירט דעם בעיקאנישן מאטעריאליזם. וויסן באזירט אויף די חושים פארלירט זיין פאעטישע בליאונג און גייט איבער אין דער אבסטראקטער דערפארונג פונעם מאטעמאטיקער. די פיזישע באוועגונג פאלט א קרבן צו דער מעכאנישער אדער מאטעמאטישער באוועגונג; געאמעטריע ווערט פראקלאמירט פאר דער קיניגן פון די וויסנשאפטן. דער מאטעריאליזם ווערט מיזאנטראפיש. כדי דעם קעגנער זיינעם, דעם מיזאנטראפישן, הויט און ביינערדיקן ספיריטואליזם, אויף זיין אייגענער טעריטאריע גובר צו זיין, מוז דער מאטעריאליזם אפטייטן זיין אייגן פלייש און ווערן אסקעטיש. פון א חושימדיקן גייט ער אזוינאך איבער אין אן אינטעלעקטועלן וועזן; ער אנטוויקלט אבער אין זיך אזוינאך אויך יענע שטייפקייט, וואס איז כאראקטעריסטיש פארן אינטעלעקט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די קאנסעקווענצן.

ווי באלד די חושים ליווערן דעם מענטשן אלע קענטענישן, טענהט האבס, ארויסגייענדיק פון בעיקאנען, זענען דעמאלט דאך אונדזערע אנשויאונגען, געדאנקען, פארשטעלונגען א. אז. וו. נישט עפעס אנדערש ווי נאר פאנטאמען, מער אדער ווייניקער אויסגעטון פון זייערע חושימדיקע פארמען, פון דער רעאלער וועלט. די פילאסאפיע קען אט די פאנטאמען נאר א נאמען געבן. איין נאמען קען אנגעווענדט ווערן אויף מערער ווי אויף איין פאנטאם. סע קענען אפילו נעמען פון נעמען זיין. סע וואלט אבער געווען א קאנטראדיקציע, ווען פון איין זייט זאלן מיר האלטן, אז אלע אידייען האבן זייער שורש אין דער וועלט פון די חושים, און פון דער צווייטער זייט זאגן, אז א ווארט איז מער ווי א ווארט; אז אחוץ די וועזנס וואס זענען אונדז באקאנט דורך אונדזערע חושים, וועזנס תמיד איינצלנע, זענען נאך פאראן וועזנס פון אן אלגעמיינער, נישט איינצלנער, נאטור. אן אומקערפערלעכע סובסטאנץ איז פונקט אזא אבסורד ווי אן אומקערפערלעכער קערפער. קערפער, זיין, סובסטאנץ — זענען בלויז פארשידענע טערמינען פאר איינער און דער זעלבער רעאליטעט. מע קען דעם געדאנק נישט

* „קוואל” איז א פילאסאפיש ווארט-שפיל. אין דייטש מיינט קוואל פשוט פיין, יסורים וואס טרייבן צו א וואסער סע איז אקציע. אין דער אייגענער צייט לייגט אריין דער מיסטיקער בעהמע אין אט דעם דייטשישן ווארט עפעס-וואס פונעם מיין אינעם לאטייניש ן ווארט qualitas; זיין „קוואל” איז געווען דער אקטיוויזירנדיקער פרינציפ, וואס קומט אויף אויס, און העלפט פון זיין זייט מיט, דער ספאנטאנישער אנטוויקלונג פון דער זאך, שייכות, אדער פערזאן, וואס איז אים אונטערגעווארפן, להיפוך צו יסורים וואס באפאלן פון דרויסן.

אַפּרייסן פון דער מאַטעריע וואָס דענקט. אַז די מאַטעריע איז דער סוביעקט פון אַלע פאַרענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט. דאָס וואָרט אומ־ענדלעך האָט קיין שום זין נישט, ווען סע באַדייט נישט די פּייאיקייט פון אונדזער גייסט דורכצופירן אַן אומענדלעכן פּראָצעס פון צונויפרעכענונגען. אַזוי ווי נאָר דאָס מאַטעריעלע ווערט אויפגענומען דורך די חושים, קען מען דעריבער גאָר נישט וויסן וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט. נאָר מיין אייגענע עקזיסטענץ איז זיכער. יעטווידע מענטשלעכע לײדנשאַפט איז אַ מעכאַנישע באַוועגונג, וואָס האָט אַן אָנהייב און אַ סוף. די אָביעקטן פונעם אימפּולס זענען דאָס, וואָס מיר רופן גוט. דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן ווי די נאַטור. מאַכט און פרייהייט זענען אידענטיש.

האָבס האָט בעיקאָנען סיסטעמאַטיזירט, אָבער זיין פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ, דעם אָפּשטאַם פון אַלע מענטשלעכע קענטענישן און אידייען אויס דער וועלט פון די חושים, האָט ער נישט באַגרינדעט.

ערשט לאָק האָט באַגרינדעט דעם דאָזיקן פּרינציפּ בעיקאָנס און האָבס׳ אין זיין עסעי איבער דעם אָפּשטאַם פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

פּונקט ווי האָבס האָט צעשמעטערט די טעיסטישע פאָראורטיילן פון בעי־קאָנישן מאַטעריאַליזם, פּונקט אַזוי האָבן קאָלינס, דאָדוועל, קאָוואַרד, האַרטלי, פּריסטלי א. אַנד צעשמעטערט די לעצטע טעאָלאָגישע באַריערן אַרום לאָקס סענסואַליזם. פאַר די פּראַקטישע מאַטעריאַליסטן איז דער טעיזם סיי ווי געווען נישט מער ווי אַ גרינגער אופן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער רעליגיע.*

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דעם, ווי לאָקס ווערק זענען פאַר די פּראַנצויזן דעמאָלט אונטערגעקומען ווי געוווּנטשן. לאָק האָט באַגרינדעט די פילאָסאָפיע פון bon sens, פונעם שכל־הישר, ד. ה., אויף אַן אומוועג געזאָגט, אַז קיין שום אַנדער פילאָסאָפיע ווי נאָר יענע פון די נאָרמאַלע מענטשלעכע חושים און פונעם פאַרשטאַנד, וואָס איז אויף זיי באַזירט, איז גאָר נישטאָ.

קאָנדילאַק, דער דירעקטער תלמיד און פראַנצויזישער אויסטייטשער לאָקס, האָט גלייך אַוועקגעשטעלט לאָקס סענסואַליזם אַנטקעגן דער מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט. ער האָט אויפגעוויזן, אַז מיט רעכט האָבן די פראַנצויזן אָפּגעוואָרפן די מעטאַפיזיק ווי אַ הוילע אויסטראַכטעניש פונעם דמיון און פון טעאָלאָגישע פאָראורטיילן. ער פּובליקירט אַן אָפּוווענדונג פון דעקאַרטס, ספּי־נאָזאַס, לייבניצס און מאַלבראַנשס סיסטעמען. אין זיין ווערק L'essai sur l'origine des connaissances humaines [עסעי וועגן דעם אָפּשטאַם פון דער מענטשלעכער קענטעניש], פירט ער אַרויס לאָקס געדאַנקען און ווייזט אויף, אַז נישט נאָר די נשמה, נאָר אויך די חושים, נישט נאָר די קונסט צו באַשאַפן אידייען, נאָר אויך די קונסט פון חושימדיקער שפּירונג, זענען זאַכן פון דער־פאַרונג און געוואוינהייט. פון דער דערציאונג און פון דרויסנדיקע אומשטענדן הענגט דעריבער אָפּ די גאַנצע אַנטוויקלונג פונעם מענטשן. קאָנדילאַק איז אָבער

* אַט דאָ פאַרענדיקט זיך דער פראַגמענט פון „די הייליקע פאַמיליע", וועלכן ענגעלס האָט אַריינגענומען אין זיין ספּעציעלן אַריינפיר צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון זיין „סאָציאַליזם: אוטאָפּישער און וויסנשאַפטלעכער".

דורך דער עקלעקטישער פילאָסאָפיע אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון די פראַנצוי־זישע שולן.

דער דיפערענץ צווישן פראַנצויזישן און ענגלישן מאַטעריאַליזם איז דער דיפערענץ צווישן די צוויי נאַציאָנאַליטעטן. די פראַנצויזן האָבן דעם ענגלישן מאַטעריאַליזם באַשענקט מיט עספּריט, מיט פלייש און בלוט, מיט עלאָקווענץ. זיי האָבן אים געגעבן טעמפּעראַמענט און גראַציע, וואָס האָט אים נאָך אויס־געפעלט. זיי האָבן אים ציוויליזירט.

אין העלוועציוסן, וועלכער איז אויך פונקט אַזוי אַרויסגעגאַנגען פון לאָקן, קרינט דער מאַטעריאַליזם דעם אמתן פראַנצויזישן כאַראַקטער. ער נעמט אים גלייך אויף אין זיין שייכות צום געזעלשאַפטלעכן לעבן. (העלוועציוס, „וועגן דעם מענטשן" — De l'homme). חושימדיקע איינגשאַפטן און עגאָיזם, הנאה און וואויל־פאַרשטאַנענע פערזענלעכע אינטערעסן זענען די יסודות פון יעטווידער מאָראַל. די נאַטירלעכע גלייכקייט פון מענטשלעכע אינטעליגענצן, די איינהייט צווישן דעם פּראָגרעס פונעם שכל און דעם פּראָגרעס פון דער אינ־דוסטריע, די נאַטירלעכע גוטסקייט פונעם מענטשן, די אַלמעכטיקייט פון דער דערציאונג זענען די הויפּט־מאָמענטן פון זיין סיסטעם.

אַ פאַראייניקונג צווישן קאַרטעזיאַנישן און ענגלישן מאַטעריאַליזם געפינט זיך אין לאַמעטרס שריפטן. ער באַנוצט זיך מיט דעקאַרטס פיזיק ביז צו אירע מינדסטע דעטאַלן. זיין L'homme-Machine [מענטש־מאַשין] איז אַ שטיקל אַרבעט לויטן מוסטער פון דעקאַרטס Animal-Machine [חיה־מאַשין]. אין האָלבאַכס Systéme de la nature [אַ סיסטעם וועגן דער נאַטור] באַ־שטייט פונקט אַזוי דער פיזישער טייל אויס דער פאַרבינדונג פון פראַנ־צויזישן און ענגלישן מאַטעריאַליזם, ווי דער מאָראַלישער טייל שפּאַרט זיך אין עצם אָן אויף דער מאָראַל פון העלוועציוס. דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליסט ראָבינע (וועגן דער נאַטור — De la nature), וועלכער איז מער פון אַלע אַנדערע געשטאַנען נאָך אין פאַרבינדונג מיט דער מעטאַפיזיק, און איז דערפאַר אויך געלויבט געוואָרן פון העגעלן, האָט בפירוש געהאַט אַ שייכות צו לייבניצן.

נאָך דעם ווי מיר האָבן דאָ אויפגעוויזן דעם טאָפּלטן אָפּשטאַם פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם: פון דעקאַרטס פיזיק און פונעם ענגלישן מאַ־טעריאַליזם, ווי אויך דעם ווידעראַנאַנד צווישן דעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם און דער מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט — די מעטאַפיזיק פון דע־קאַרט, ספּינאָזאַ, מאַלבראַנש און לייבניץ — דאַרפן מיר שוין וועגן וואָלנעי, דיופּי, דידראָ און אַנד. נישט מער רעדן, נישט מער ווי וועגן די פיזיאָקראַטן. דער דאָזיקער ווידעראַנאַנד האָט ערשט דעמאָלט געקענט פאַר די דייטשן באַ־שיימפּערלעך קלאָר ווערן, נאָך דעם בלויז ווי זיי אַליין זענען געקומען אין קאָנ־פליקט מיט דער שפּעקולאַטיווער מעטאַפיזיק.

פונקט ווי דער קאַרטעזיאַנישער מאַטעריאַליזם פאַלט אַריין אין דער אייגנט־לעכער נאַטורוויסנשאַפט, אַט אַזוי פונקט פליסט די אַנדערע ריכטונג אין דעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם דירעקט אַריין אינעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

סע פאָדערט זיך נישט קיין גרויס חריפות, כדי אויס די לערעס פונעם מאַ־טעריאַליזם איינצוזען די נויטווענדיקע צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג פונעם מאַטעריאַליזם מיטן קאָמוניזם און סאָציאַליזם בנוגע דער אָריגינעלער גוטסקייט

און גלייכער אינטעליגענטער באַשענקטקייט פונעם מענטשן; בנוגע דער אָל־מעכטיקייט פון דערפאַרונג, געוואוינהייט, דערציאונג; בנוגע דעם איינפלוס פון דרויסנדיקע אומשטענדן אויפן מענטשן, דעם הויכן באַדייט פון אינדוסטריע, דער באַרעכטיקונג פון הנאות, א. אז. וו. וויבאַלד דער מענטש קאָנסטרואירט זיין גאַנצע קענטעניש, שפּירונג א. אז. וו. אויס דער וועלט פון חושים און זיין דערפאַרונג אין דער וועלט פון חושים, איז בכן דערפון געדרונגען, אַז סע גייט איינגעטלעך אין דעם, די עמפּירישע וועלט אַזוי איינצושטעלן, אַז ער זאָל אין איר דערפאַרן דאָס וואָרהאַפּטיק מענטשלעכע, אַז ער זאָל איינגעוויינט ווערן צו דערפאַרן זיך ווי אַ מענטש.

וויבאַלד דער וואויל־פאַרשטאַנענער [פּריוואַטער] אינטערעס איז דער פּרינציפּ פון יעטווידער מאָראַל, איז דערפון געדרונגען, אַז די פּריוואַטע אינטערעסן פון די מענטשן פאַלן צונויף מיט די מענטשלעכע אינטערעסן. וויבאַלד דער מענטש איז אומפריי אינעם מאַטעריאַליסטישן זין, ד. ה., ער איז פריי נישט דורכן נעגאַטיוון כוח דאָס אָדער יענס צו קענען פאַרמיידן, נאָר דורך דער פּאָזיטיווער מאַכט זיין אמתע אינדיווידואַליטעט אויסצודריקן, טאָר מען דאָך דעמאָלט פאַר פאַרברעכנס נישט באַשטראָפן קיין יחידים, נאָר צעשטערן יענע אַנטי־סאָציאַלע ערטלעך וואָס פלאָדיען פאַרברעכנס, און געבן יעדערן סאָציאַלן רוים פאַר זיין עסענציעלן לעבנס־אויסדרוק. וויבאַלד דער מענטש ווערט פון אומשטענדן געפורעמט, מוז מען דעמאָלט די אומשטענדן מענטשלעך פורעמען. וויבאַלד דער מענטש איז פון נאַטור געזעלשאַפטלעך, אַנטוויקלט ער ערשט זיין אמתע נאַטור אין דער געזעלשאַפט, און מע דאַרף דעריבער די מאַכט פון זיין נאַטור נישט מעסטן מיט דער מאַכט פון אַן איינצלנעם אינדיווידואום, נאָר מיט דער מאַכט פון דער געזעלשאַפט.

אָט די און ענלעכע הנחות געפינט מען שוין כמעט וואָרט ביי וואָרט אפילו ביי די עלטסטע פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך ארויסצוזאָגן וועגן זיי. פאַר דער סאָציאַליסטישער טענדענץ פון מאַטעריאַליזם איז פון באַדייט די אַפּאָלאָגיע פון זינד פון מאַנדעוויל, איינער פון לאָקס עלטערע ענגלישע תלמידים. ער ווייזט אויף, אַז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט קען מען גאָר אָן זינד נישט אויסקומען און אַז זיי זענען אויך ניצלעך, וואָס איז שוין גאָר נישט געווען קיין אַפּאָלאָגיע פאַר דער היינטיקער געזעלשאַפט.

פוריע גייט דירעקט ארויס פון דער לערע פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם. די באַבעפיסטן זענען געווען רויע, אומציוויליזירטע מאַטעריאַליסטן, אָבער אויך דער אַנטוויקלטער קאָמוניזם קומט דירעקט ארויס פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם. אָט דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם, אינעם געשטאַלט וועלכן העלוועציוס האָט אים געגעבן, וואַנדערט צוריק אין זיין מוטערלאַנד, קיין ענגלאַנד. בענטהאַם באַגרינדעט אויף העלוועציוס' מאָראַל זיין וואויל־פאַרשטאַנענעם [פּריוואַטן] אינטערעס, פּונקט אַזוי ווי אָוען, ארויסגייענדיק פון בענטהאַמס סיסטעם, האָט באַגרינדעט דעם ענגלישן קאָמוניזם. פאַרטריבן קיין ענגלאַנד, ווערט דער פראַנצויז קאַבע סטימולירט פון די דאָרטיקע קאָמוניסטישע אידייען, און קערט זיך דערנאָך צוריק קיין פראַנקרייך, כדי דאָרט צו ווערן דער פּאָפּולערסטער, כאָטש אויך דער פלאַכסטער, רעפּרעזענטאַנט פון קאָמוניזם. די מער וויסנשאַפטלעכע פראַנצויזישע קאָמוניסטן, דעזאַמי, געי א. אַנד., אַנט־

**וויקלען, ווי אַזוי, די לערע פון מאַטעריאַליזם ווי די לערע פון רעאַלן הומאַניזם און ווי דעם לאָגישן יסוד פונעם קאָמוניזם.**

אַ נ מ ע ר ק ו נ ג. די פאַרבינדונג פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם מיט דעקאַרטן און לאָקן, און דער ווידעראַנאַנד צווישן דער פילאָסאָפיע פונעם אַכצנטן יאָר־הונדערט און דער מעטאַפיזיק פונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן אין די סאַמע נייסטע פראַנצויזישע געשיכטעס פון פילאָסאָפיע. דאָ האָבן מיר, אַנטקעגן דער קריטישער קריטיק, געדאַרפט נאָר איבערחזרן דאָס וואָס איז באַקאַנט. אַקעגן אָבער נייטיקט זיך נאָך די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג פונעם מאַטעריאַליזם אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט מיטן ענגלישן און פראַנצויזישן קאָמוניזם אינעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אין אַן אויספירלעכער פאָרמולירונג. דאָ אָבער וועלן מיר זיך באַגרענעצן מיט ציטירן בלויז עטלעכע קורצע פרעגנאַנטע שטעלן פון העלוועציוס, האָלבאַך און בענטהאַם.

1. ה ע ל ו ו ע צ י ו ס. „מענטשן זענען נישט שלעכט, זיי זענען אָבער אונטער־געוואָרפן צו זייערע אינטערעסן. דאַרף מען דעריבער נישט איבער דער מענטשלעכער שלעכטיקייט זיך באַקלאָגן, נאָר איבער דער אומוויסנקייט פון די געזעצגעבער, וואָס האָבן תמיד אַנטקעגן דעם באַזונדערן אינטערעס אָוועקגעשטעלט דעם אַלגעמיינעם אינ־טערעס.״

„די מאָראַליסטן האָבן ביז אַהער קיין שום דערפאָלג נישט געהאַט, דערפאַר ווייל מע מוז טיף גראָבן אין דער געזעצגעבונג כדי אויסצורייסן די שעפערישע וואָרצלען פון זינד. אין ניי אָרלעאַנס קענען ווייבער אָוועקוואַרפן זייערע מענער, אַזוי גיך ווי זיי עסן זיך זיי צו. אין אַזעלכע לענדער געפינט מען נישט קיין פאַלשע ווייבער, ווייל זיי האָבן נישט קיין אינטערעס צו זיין דאָס.״

„מאָראַל איז בלויז אַ פּריוואַלע וויסנשאַפט, אויב מע קאָמבינירט זי נישט מיט פּאָליטיק און געזעצגעבונג.״ „די היפּאָקריטישע מאָראַליסטן דערקענט מען פון איין זייט דורך דער גלייכגילטיקייט מיט וועלכער זיי באַטראַכטן די זינד, וואָס לייזן אויף אימפּעריעס, און פון דער צווייטער זייט דורכן גרימצאָרן מיט וועלכן זיי שטורעמען אַנטקעגן פּריוואַטע חטאים.״

„מענטשן ווערן געבוירן נישט גוט און נישט שלעכט, אָבער גרייט צו ווערן איינס אָדער דאָס אַנדערע, לויט דעם נאָך ווי אַ שותפותדיקער אינטערעס פאַראייניקט זיי אָדער צעשיידט זיי.״ „אויב די בירגער וואָלטן נישט אַנדערש געקאָנט רעאַליזירן זייער באַ־זונדערן וואוילזיין ווי נאָר דורכן רעאַליזירן דאָס אַלגעמיינע וואוילזיין, וואָלטן דעמאָלט קיין זינדיקע נישט געווען נאָר נאַראָנים.״ (De l'esprit [וועגן גייסט], פּאַריז, 1822, ב. 1, זז. 117, 240, 291, 299, 351, 369 און 399.)

פונקט אַזוי איז עס, לויט העלוועציוסן, מיט דער דערציאונג, אונטער וועלכער (פרגל. ב. 1, ז. 390) ער פאַרשטייט נישט נאָר דערציאונג אינעם געוויינטלעכן זין, נאָר די טאָטאַלקייט פון די לעבנס־באַדינגונגען ביי אַ יחיד, וואָס פורעמט אויס דעם מענטשן; איז ווען סע ווערט נייטיק אַ רעפאָרם, וואָס זאָל באַזייטיקן דעם ווידער־אַנאַנד צווישן דעם באַזונדערן און דעם שותפותדיקן אינטערעס, פאָדערט זיך דעמאָלט פון דער צווייטער זייט אַ טראַנספאָרמירונג פונעם באַוווּסטזיין פאַר דער דורכפירונג פון אַט אַזאַ רעפאָרם: „גרויסע רעפאָרמען קאָן מען נאָר דעמאָלט דורכפירן, ווען מע שוואַכט אָפּ די סטופּידע פאַרערונג פון פעלקער פאַר אַלטע געזעצן און געוווינהייטן״ (ז. 260), אָדער ווי ער זאָגט עס ערגעץ אַנדערש, ווען מע באַזייטיקט אומוויסנקייט.

2. ה אָ ל ב אַ ך. „סע איז נאָר זיך אַליין, וואָס דער מענטש זעט אין די אָביעקטן וועלכע ער שעצט; סע איז נאָר זיך אַליין, וואָס ער האָט ליב אין די באַשעפענישן פון זיין מין . . . דער מענטש קען קיינמאָל נישט, אויף קיין איין רגע נישט פון זיין לעבן, זיך אָפּרייסן פון זיך אַליין; ער קען קיינמאָל נישט זיך אַליין פון די אויגן פאַר־

לירן . . . סע איז נאָר אונדזער טובה, אונדזער אינטערעס . . . וואָס ברענגט אונדז דערצו, ליב צו האָבן די אָביעקטן אָדער זיי פיינט צו האָבן." (Systéme Social, טייל 1, פאַריז, 1822, זז. 80, 112.) אָבער „דער מענטש מוז אין זיין אייגענעם אינ-טערעס אַנדערע מענטשן ליב האָבן, וואָרעם זיי זענען נייטיק פאַר זיין אייגענעם וואויל-זיין . . . די מאָראַל באַווייזט אים, אַז פון אַלע באַשעפענישן איז דער מענטש דעם מענטשן דאָס סאַמע נייטיקסטע" (ז. 76).

„אמתע מאָראַל, פונקט ווי אמתע פּאָליטיק, איז יענע, וועלכע זוכט צו דערנעענטערן מענטשן אייגנס צו דאָס אַנדערע, כדי מיט פאַראייניקטע אָנשטרענגונגען צו אַרבעטן פאַר זייער שותפותדיק גליק. יעטווידע מאָראַל, וואָס טיילט אָפּ אונדזערע אינטערעסן פון אונדזערע חברימס אינטערעסן, איז אַ פאַלשע, אומזיניקע מאָראַל, וואָס איז להיפּוך דער נאַטור" (ז. 116).

„ליב צו האָבן אַנדערע . . . הייסט צו פאַראייניקן אונדזערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון אונדזערע חברים, כדי צו אַרבעטן פאַרן אַלגעמיינעם וואויל . . . גוטע מידות זענען ביצלעך נאָר פאַר מענטשן פאַראייניקטע אין אַ געזעלשאַפט" (ז. 77).

„אַ מענטש אָן ליידנשאַפטן אָדער אָן באַגערן הערט אויף אַ מענטש צו זיין . . . קען דען וועד באַשטימען אַ באַשעפעניש, וואָס איז פון זיך אַליין אין גאַנצן אָפּ-געריסן, סע זאָל זיין צוגעבונדן צו אַן אַנדער באַשעפעניש? אַ מענטש, וואָס איז צו אַלצדינג גלייכגילטיק, וואָס איז אויסגעטון פון ליידנשאַפטן, וואָס באַנוגנט זיך מיט זיך אַליין, וועט מער קיין געזעלשאַפטלעך באַשעפעניש נישט זיין . . . גוטע מידות איז בלויז אַ חלק האָבן אין גליק" (ז. 118).

„רעליגיעזע מאָראַל האָט קיינמאָל נישט געדינט פאַר דעם, די שטערבלעכע מער געזעלשאַפטלעך צו מאַכן" (ז. 36).

3. ב ע נ ט ה אַ ם. פון בענטהאַמען גיבן מיר נאָר איין ציטאַט, אין וועלכן ער באַקעמפט דעם „אַלגעמיינעם אינטערעס אינעם פּאָליטישן זין". „די אינטערעסן פונעם יחיד . . . דאַרפן אָפּטרעטן פאַר די עפנטלעכע אינטערעסן. אָבער . . . וואָס מיינט דאָס? איז דען נישט יעטווידער יחיד פונקט אַזוי גוט אַ טייל פונעם עולם ווי איטלעך אַנדערער יחיד? אָט דער עפנטלעכער אינטערעס, וועלכן איר פּערסאָניפיצירט, איז נאָר אַן אַבסטראַקטער אויסדרוק: ער רעפּרעזענטירט בלויז די מאַסע אינדיווידועלע אינטערעסן. . . . אויב סע וואָלט גוט געווען דאָס גליק פון איין יחיד מקריב צו זיין, כדי דאָס גליק פון די אַנדערע יחידים צו פאַרמערן, וואָלט דעמאָלט דאָך נאָך בעסער געווען, דאָס גליק אויך פון אַ צווייטן, פון אַ דריטן מקריב צו זיין, שוין נישט מער קענענדיק אָנצייכענען אַ וואָסער סע איז גרענעץ. . . . די אינדיווידועלע אינטערעסן זענען די איינציקע רעאַלע אינטערעסן." (בענטהאַם, „טעאָריע וועגן שטראָפן און באַ-לוינונגען, א. אַז. וו.", פּאַריז, 1835, דריטע אויפלאַגע, ב. 2, ז. 230.)

# פרידריך ענגעלס וועגן דעם מאַטעריאַליזם און דער דיאַלעקטיק ביי מאַרקסן *

## I.

אין אַלע וויסנשאַפטלעכע ספערן האָבן די דייטשן לאַנג שוין דערוויזן זייער גלייכקייט מיט די איבעריקע ציוויליזירטע נאַציעס, און אין די מיינסטע וויסנשאַפטן זייערע העכערקייט לגבי זיי. נאָר איין וויסנשאַפט ציילט נישט קיין איינציקן דייטשישן נאָמען צווישן אירע קאָריפייען, און דאָס איז: די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. די סיבה דערפון ליגט אויבן אויף. פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז דער טעאָרעטישער אַנאַליז פון דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און נעמט דעריבער אין פאָראויס אָן די הנחה וועגן אַנטוויקלטע בורזשואַזע באַדינגונגען, אַזוינע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אין דייטשלאַנד, נאָך די רעפאָרמאַציע־ און פויערן־מלחמות און בפרט נאָך דער דרייסיק־יעריקער מלחמה, נישט געקענט אויפקומען פאַר לאַנגע יאָרהונדערטער. האָלאַנדס אָפּרייסן זיך פונעם רייך שטופּט דייטשלאַנד אָפּ פונעם וועלט־האַנדל, און רעדוצירט פון סאַמע אָנהייב אָן איר אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג צו די קלענסטע פּראָפּאָרציעס. און בשעת די דייטשן האָבן נאָך שווערער האָרעוואַניע פּאַמעלעך געגומען קומען צו זיך נאָך די פאַרוויסטונגען פונעם בירגער־קריג, בשעת זיי האָבן גענומען אויסנוצן זייער גאָרע בירגערלעכע ענערגיע, וועלכע איז קיינמאָל נישט געוועזן צו גרויס, אינעם פרוכטלאָזן קאַמף אַנטקעגן די צאָל־באַריערן און אידיאָטישע האַנדלס־רעגולאַציעס, וואָס איטלעכס קליינטשיק פירשטל און רייכס־באַראָן פון דער אינדוסטריע האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אונטערטאַנען, בשעת די רייכס־שטעט מיט זייערע צעך־צערעמאָניאַלן און פּאַטריציער קליקעס היבן זיך אָן פונאַנדערפאַלן — אַט דעמאָלט פאַרכאַפּן האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך די ערשטע פּאָזיציעס אינעם וועלט־האַנדל, זשעברעווען צונויף אַ קאָלאָניע אויף אַ קאָלאָניע, און אַנטוויקלען די מאַנופאַקטור־אינדוסטריע צו איר העכסטן אויפבלי, ביז וואַנעט ענגלאַנד האָט לסוף, אַ דאַנק דעם דאַמף, וועלכער האָט איצט ערשט צוגעגעבן אַ ווערט אירע קוילן און אייזן־זאַפּאַסן, זיך אַוועקגעשטעלט אויפן סאַמע שפּיץ פון דער מאָדערנער בורזשואַזער אַנטוויקלונג. כל־זמן אָבער מע האָט נאָך געמוזט פירן אַ קאַמף אַנטקעגן אַזוינע חוזקדיק אַנטיקווירטע רעשטלעך פונעם מיטלאַלטער, ווי די וואָס האָבן ביז 1830 געפּענטעט דייטש־

* די דאָזיקע אַרומרעדונג ענגעלס' איבער מאַרקס' „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע” (1859), איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער דייטשישער צייטשריפט „דאָס פאָלק” אין לאָנדאָן, 1859. דער סוף פון דער אַרבעט איז צוליבן אָפּשטעל פון דעם בלאַט מער נישט דערשינען. ביז היינט האָט מען דעם סוף נאָך נישט געפונען.

לאַנדס מאַטעריעלע בורזשואַזע אַנטוויקלונג, אַט אַזוי לאַנג איז קיין שום דייטשישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע נישט געווען מעגלעך. ערשט מיט דער עטאַבלירונג פונעם צאָל־פאַראיין זענען די דייטשן געקומען צו אַ לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן פּאָליטישע עקאָנאָמיע בכלל געקענט פאַרשטיין כאָטש. פון אַט דער צייט אָן הייבט זיך פאַקטיש אָן דאָס אימפּאָרטירן פון ענגלישער און פראַנצויזישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאַר דער טובה־וועגן פון דער דייטשישער בורזשואַזיע. די אינטעליגענציע און די ביוראָקראַטיע באַהערשן באַלד דעם אימפּאָרטירטן שטאָף און פאַראַרבעטן אים אויף אַ נישט זייער קרעדיטאַבלען אופן פאַרן „דייטשישן גייסט". אויס דעם מיש־מאַש פון שריפטשטעלערישע אינדוסטריע־באַראָנען, טרעמער, שולמייסטערס און ביוראָקראַטן קומט דעמאָלט אויף אַ דייטשיש־עקאָנאָמישע ליטעראַטור, וואָס מיט איר טעמפּקייט, פלאַכקייט, געדאַנקען־פוסטקייט, צעצויגנקייט און פּלאַגיאַריזם זי האָט איר גלייכן בלויז אינעם דייטשישן ראָמאַן. צווישן די לייט מיט פּראַקטישע צילן, איז די ערשטע צו עטאַבלירן זיך געווען די פּראָטעקציאָניסטישע שול פון די אינדוסטריאַליסטן, און זייער אויטאָריטעט ליסט איז אַלץ נאָך דאָס בעסטע, וואָס די דייטשישע בורזשואַז־עקאָנאָמישע ליטעראַטור האָט פּראָדוצירט, כאָטש זיין גלאָריעז ווערק איז אין גאַנצן אָפּגעקאָפּירט געוואָרן פונעם פראַנצויז פעריע, דעם טעאָרעטישן פאָטער פונעם קאָנטינענטאַלן סיסטעם. ווי אַן אָפּאָזיציע צו אַט דער ריכטונג קומט אין די פערציקער יאָרן אויף די פריי־האַנדל שול פון די סוחרים אין די באַלטישע פּראָווינצן, וועלכע האָבן מיט אַ קינדישן, אָבער פאַראינטערעסירטן גלויבן נאָכגעקרימט די ענגלישע „פריי־טרעידערס". לסוף האָבן צווישן די שולמייסטערס און ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער טעאָרעטישער זייט פון דעם ענין, זיך געפונען אַזוינע אויסגעטריקנטע, אומקריטישע הערבאַריום־זאַמלער ווי הער ראַו, קלוגעטשקע שפּעקולאַנטן, וואָס האָבן אויסלענדישע הנחות איבערגעזעצט אין אומפאַרדייעטע העגעלשע, ווי הער שטיין, אָדער בעלעטריסטיש־זירנדיקע אויפקלויבער אויפן „קולטור־היסטאָרישן" פעלד, ווי הער ריעהל. וואָס דערפון איז סוף־כל־סוף אַרויסגעקומען, איז געווען קאַמעראַליסטיק, אַ קאַשע פון כלערליי צונויפגעשלעפּטע מאַטעריאַלן, מיט אַ פּאַמויניצע פון אַן עקלעקטיש־עקאָנאָמישן סאָוס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניצלעך געווען צו וויסן פאַר אַ יונגן רעגירונגס־רעפערענט, וואָס גרייט זיך צום מלוכה־עקזאַמען.

בעת דאָס בירגערטום, שולמייסטערס און ביוראָקראַטיע אין דייטשלאַנד האָט זיך נאָך געמוטשעט אַזוי, אויסצולערנען אויף אויסנווייניק די ערשטע עלעמענטן פון דער ענגליש־פראַנצויזישער עקאָנאָמיע ווי אומבאַרירלעכע דאָגמען, און זיך קלאָר מאַכן זיי ביז צו אַ געוויסער מאָס, טרעט אויף דעמאָלט אויף דער סצענע די דייטשישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. איר גאַנצע טעאָרעטישע עקזיסטענץ האָט זיך אַרויסגעדרונגען אויס דעם שטודיום פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און פון אַט דעם מאָמענט אָן דאַטירט זיך אויך די וויסנשאַפטלעכע, זעלבשטענדיקע דייטשישע עקאָנאָמיע. די דאָזיקע דייטשישע עקאָנאָמיע באַזירט זיך אין תוך געגומען אויף דער מאַטעריאַליסטישער קאָנצעפּציע פון געשיכטע, וואָס אירע גרונד־שטריכן זענען קורץ פאָרמולירט געוואָרן אינעם אַריינפיר צום פריערדערמאָנטן ווערק. די הויפּט־פונקטן פון אַט דעם אַריינפיר, וועלכן מיר גיבן דאָ אָן, זענען שוין געווען געדרוקט אין „דאָס פאָלק". נישט נאָר פאַר דער עקאָ־

נאָמיע, נאָר פאַר אַלע היסטאָרישע וויסנשאַפטן (און אַלע וויסנשאַפטן וועלכע זענען נישט קיין נאַטורוויסנשאַפטן זענען דאָך היסטאָרישע) איז אַ רעוואָלוציאָנירנדיקע אַנטדעקונג געמאַכט געוואָרן מיט אָט דער הנחה: „אַז דער אופן פון פּראָדוקציע אין מאַטעריעלן לעבן דעטערמינירט דעם סאָציאַלן, פּאָליטישן און גייסטיקן לעבנס־פּראָצעס בכלל"; אַז אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַציאונגען, אַלע רעליגיעזע און רעכט סיסטעמען, אַלע טעאָרעטישע לעבנס־בליקן, וואָס קומען אויף אינעם קורס פון דער געשיכטע, קאָנען נאָר דעמאָלט באַנומען ווערן, ווען די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די רעספּעקטיווע צונויפשטימענדיקע עפּאָכן ווערן פאַרשטאַנען, און די פריערדיקע דרינגען זיך אַרויס אויס אָט די מאַטעריעלע באַדינגונגען. „סע איז נישט דאָס באַוווסטזיין פונעם מענטשן, וואָס דעטערמינירט זיין זיין, נאָר זיין געזעלשאַפטלעך זיין, וואָס דעטערמינירט זיין באַוווסטזיין." די הנחה איז אַזוי פּשוט, אַז זי מוז ווערן זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר איטלעכן, וואָס ווערט נאָר נישט מבולבל פונעם אידעאַליסטישן שווינדל. די זאַך האָט אָבער העכסט רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענצן נישט נאָר פאַר דער טעאָריע, נאָר אויך פאַר דער פּראַקטיק.

„אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל פון זייער אַנטוויקלונג, קומען די מאַטעריעלע פּראָדוציר־כוחות אין דער געזעלשאַפט אין קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדיקע פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען, אָדער — וואָס איז נאָר אַ יוריסטישער אויסדרוק פאַר דעם — מיט די אייגנטומס־באַציאונגען, וואָס האָבן זיך ביז אַהער געשטויסן אין זייער אינגעווייד. אויס אַנטוויקלונגס־פאָרמען פון די פּראָדוציר־כוחות פאַרוואַנדלען זיך די דאָזיקע באַציאונגען אין זייערע פּענטעס. סע טרעט דעמאָלט אַריין אַן עפּאָכע פון ס אָ צ י אַ ל ע ר   ר ע װ אָ ל ו צ י ע. מיט דער פאַרענדערונג פונעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט טראַנספאָרמירט זיך, פּאַמעלעכער אָדער ראַשיקער, דער גאַנצער אומגעהייערער אייבערגעביי. . . .

„די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען זענען די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע פאָרם פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוציר־פּראָצעס, אַנטאַגאָניסטיש נישט אינעם זין פון אינדיווידועלן אַנטאַגאָניזם, נאָר פון אַן אַנטאַגאָניזם וואָס וואַקסט אַרויס אויס די באַדינגונגען וועלכע רינגלען אַרום דאָס לעבן פון די יחידים אין דער געזעלשאַפט; אין דער אייגענער צייט שאַפן אָבער די פּראָדוציר־כוחות וואָס אַנטוויקלען זיך אינעם שויס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דער לייזונג פון אָט דעם אַנטאַגאָניזם." *

די פּערספּעקטיווע אויף אַ געוואַלטיקער, אויף דער געוואַלטיקסטער רעוואָלוציע פון אַלע צייטן עפנט זיך בכן פאַר אונדז אויף אַזוי גיך, ווי נאָר מיר טרייבן ווייטער אונדזער מאַטעריאַליסטישן טעזיס און מיר ווענדן אים אָן אויף דער היינטיקער צייט.

ביי אַ נעענטערער באַטראַכטונג, ווייזט זיך אָבער אויך תיכף אַרויס, אַז אָט די דאַכט זיך אַזוי פּשוטע הנחה, אַז דאָס באַוווסטזיין פון די מענטשן הענגט אָפּ פון זייער זיין און נישט פאַרקערט, שטעלט זיך גלייך אין זיינע ערשטע קאָנסעקווענצן דירעקט אַנטקעגן יעטווידן אידעאַליזם, דעם סאַמע פאַרבאָרגנסטן אפילו. אַלע טראַדיציאָנעלע און איינגעוויינטע בליקן איבער דעם אַלעם, וואָס האָט צו טון מיט היסטאָריע ווערן דורך איר [דורך דער פריער־דערמאָנטער הנחה] נעגירט. דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער שטייגער פון פּאָליטישער ־רעזאָנירונג פאַלט זיך פונאַנדער; די פּאַטריאָטישע נאָבלקייט ראַנגלט זיך

* מאַרקס אין זיין אַריינפיר צו זיין „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

א סכנותדיק אויפגעקאָכטע אַנטקעגן אַזאַ אומפּרינציפּיעלער קאָנצעפּציע. דער נייער לעבנס־בליק מאָדום קומט דעריבער גויטוועגדיק אין קאָנפליקט, נישט נאָר מיט די רעפּרעזענטאַנטן פון דער בורזשואַזיע, נאָר אויך מיט יענער מאַסע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וואָס פאַרטומלען אַזוי די וועלט מיט דער כישוף־פאָרמול liberté, egalité, fraternité [פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט]. מער אָבער ווי ביי אַלע האָט ער אַ גרויסן כעס אויפגעוועקט ביי די דייטשישע וואָלגאַר־דעמאָקראַטישע שרייערס. פונדעסטוועגן האָבן זיי מיט פאַרליבע גע־פרוווט די נייע אידייען פּלאַגיאַריש צו עקספּלואַטירן, כאָטש זיי האָבן זיי אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען.

די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעריאַליסטישער קאָנצעפּציע אפילו נאָר בנוגע איין איינציקן היסטאָרישן עקזעמפּל איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס וואָלט געפאָדערט לאַנגע יאָרן רואיקע שטודיען, ווארעם דאָס איז דאָך קלאָר, אַז מיט דער הוילער פראַזע קאָן מען דאָ נישט אָפּקומען, אַז נאָר אַ מאַסע קריטיש דורכגעזעענער, לגמרי באַוועלטיקטער, היסטאָרישער מאַטעריאַל קען מסוגל מאַכן צו לייזן אַט אַזאַ אויפגאַבע. די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אונדזער פּאַרטיי אַרויסגעוואָרפן אויף דער פּאָליטישער אַרענע און פאַר איר דעריבער אוממעגלעך געמאַכט צו זוכן ריין־וויסנשאַפטלעכע צילן. דאָך אָבער גייט אַט דער פונ־דאַמענטאַלער [מאַטעריאַליסטישער] לעבנס־בליק אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע ליטעראַרישע פּראָדוקציעס פון דער פּאַרטיי. אין זיי אַלע ווערט ביי יעטווידן באַזונדערן פאַל דערוויזן, ווי די אַקציע איז איטלעכס מאָל אויס דירעקטע מאַטעריעלע אימפּולסן אַרויסגעשפּרונגען, אָבער נישט אויס די פראַזן, וואָס האָבן באַלייט די אַקציע, און ווי, פאַרקערט, די פּאָליטישע און יוריסטישע פראַזן זענען פונקט אַזוי אַרויסגעוואַקסן אויס די מאַטעריעלע אימפּולסן, ווי די פּאָליטישע אַקציעס און זייערע רעזולטאַטן.

ווען נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1848-49 טרעט אַריין אַ פּעריאָד אין וועלכן סע ווערט אַלץ מערער און מערער אוממעגלעך צו באַאיינ־פלוסן דייטשלאַנד פון אויסלאַנד, לאָזט אונדזער פּאַרטיי איבער דאָס פעלד פון עמיגראַנטישע צאַנקערייען — ווארעם אַט דאָס איז געבליבן די איינציק מעגלעכע אַקציע — פאַר דער וואָלגאַרער דעמאָקראַטיע. בשעת די לעצטע האָבן מיט גרוים חשק זיך אַריינגעלאָזט אין אינטריגעס, היינט ווי קעץ זיך אַרומגעריסן, כדי מאָרגן זיך איבערצובעטן, און איבערמאָרגן ווידער דאָס גאַנצע קויטיקע גרעט זייערס געוואַשן פאַר די אויגן פון דער וועלט — בשעת די וואָלגאַרע דעמאָ־קראַטיע איז איבער גאַנץ אַמעריקע געגאַנגען בעטלען, כדי גלייך דערנאָך איבער דער פּאַרטיילונג פון די אויסגעבעטלטע פּאָר טאָלער נייע סקאַנדאַלן צו איינ־סצעניר — איז אונדזער פּאַרטיי געווען צופרידן ווידער צו געפינען אַ ביסל לײדיקע צייט צום שטודירן. זי האָט געהאַט די גרויסע מעלה, צו האָבן פאַר איר טעאָרעטישן יסוד אַ נייעם וויסנשאַפטלעכן לעבנס־בליק, וואָס די אויס־אַרבעטונג זיינע האָט איר געגעבן איבער גענוג וואָס צו טון; צוליב דעם אַליין שוין האָט זי קיינמאָל נישט געקאָנט אַזוי טיף דעגענערירן ווי די „גרויסע מענער" פון דער עמיגראַציע.

די ערשטע פרוכט פון אָט די שטודיען איז דאָס פאַר אונדז ליגנדיקע בוך.

## II.

אין א ווערק ווי דאס, וואס ליגט פאר אונדז, קאן קיין רייד נישט זיין וועגן בלויז א דעזולטארישער קריטיק פון איינצלנע קאפיטלען פון דער פאליטישער עקאנאמיע, וועגן דער איזאלירטער טראקטירונג פון דער אדער יענער עקאָנאמישער שטרייט־פראגע. דאס ווערק איז גיבער פון אלץ באלד פון אנהייב אן אזוי קאנסטרואירט געווארן, אז סע זאל זיין א סיסטעמאטישע רעזומירונג פונעם גאנץ קאמפלעקס פון דער עקאנאמישער וויסנשאפט, א צווישנאנאנד פארבונדענע אנטוויקלונג פון די געזעצן פון בורזשואזער פראדוקציע און אויסטויש. היות אבער די עקאנאמיסטן זענען דאך נישט מער ווי אויסטייטשערס און אפאלאגעטן פון די דאזיקע געזעצן, איז אט די אנטוויקלונג באגלייך אויך א קריטיק פון דער גארער עקאנאמישער ליטעראטור.

זינט העגעלס טויט איז כמעט קיין פרווו נישט געמאכט געווארן צו אנט־וויקלען א וויסנשאפט אין איר אייגענער אינעווייניקסטער צווישנאנאנדיקער פארבינדונג. די אפיציעלע העגעליאנישע שול האט פונעם מייסטערס דיאלעקטיק זיך צוגעאייגנט בלויז די מאניפולירונג מיט די סאמע איינפאכסטע טריקס, וועלכע זי האט אויף אלץ און אלעמען אנגעווענדט, און אפט נאך מיט קאמישער אומ־געלומפערטקייט. די גאנצע ירושה העגעלס האט זיך פאר איר באגרענעצט צו א פורן שאבלאן, וואס מיט דער הילף זיינער האט יעטווידע טעמע געקענט קארעקט קאנסטרואירט ווערן, און צו א צעטל פון ווערטער און ווענדונגען, וואס האבן מער קיין שום אנדער צוועק נישט געהאט, ווי נאר זיך אין דער ריכטיקער צייט ארייננצושטעלן, דארט וואו געדאנקען און פאזיטיווע קענטעניש האבן גע־פעלט. אט אזוי איז עס געקומען דערצו, ווי סע האט א באנ׳ער פראפעסאר געזאגט, אז די דאזיקע העגעליאנער האבן גאר נישט פארשטאנען וועגן וואס נישט איז, האבן געקענט אבער וועגן אלצדינג שרייבן. האט עס טאקע אויך אזא טעם געהאט. אין דער אייגענער צייט זענען אט די הערן, נישט קוקנדיק אויף זייער הויכער מיינונג וועגן זיך, געווען דאך אויף אזוי פיל באוווסטזיניק וועגן זייער שוואכקייט, אז זיי האבן אויף וויפיל נאר מעגלעך פון גרויסע פראבלעמען זיך נעהאלטן פון דער ווייטנס. די אלטע פעדאנטישע וויסנשאפט האט געהאלטן דאס פעלד א דאנק איר סופעריאריטעט אין פאזיטיוון וויסן. און ווען אויך פייערבאך פארלאזט דאס פעלד פון דער שפעקולאטיווער קאנצעפציע, שלאפט דעמאלט דער העגעליאניזם ביסלעכווייז איין, און סע זעט אויס ווי די ממשלה פון דער אלטער מעטאפיזיק מיט אירע פיקסירטע קאטעגאריעס וואלט איבער א נייס זיך אנגעהויבן אין דער וויסנשאפט.

די זאך האט איר נאטירלעכן גרונד געהאט. נאכן רעזשים פון די העגעל־יאנישע דיאדאכן,* וועלכער האט זיך פארלוירן אין פורע פראזן, איז אויף נאטירלעכן אופן אנגעקומען אן עפאכע אין וועלכער דער פאזיטיווער תוך פון דער וויסנשאפט האט ווידער איבערגעוואויגן די פארמעלע זייט. אויך דייטשלאנד ווארפט זיך גלייכצייטיק ארויף מיט א גאר אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע אויף

* דיאדאכן האבן געהייסן די מאקעדאנישע גענעראלן, וואס האבן נאך אלעקסאנדער מוקדונס טויט צעטיילט צווישן זיך זיין אימפעריע.

די נאַטורוויסנשאַפטן, וואָס האָט זיך צונויפגעשטימט מיט דער געוואַלטיקער בורזשואַזער אַנטוויקלונג נאָך 1848. און בשעת אָט די וויסנשאַפטן, אין וועלכע די שפּעקולאַטיווע טענדענץ איז קיינמאָל נישט געקומען צו אַ וואָסערן סע איז באַדייטנדיקן אויסדרוק, ווערן אין דער מאָדע, רייסט זיך אויך ווידער אַריין דער אַלטער מעטאַפיזישער מאַניר פון דענקען, ביז צו וואָלפס סאַמע עקסטרעמע פלאַכקייטן. העגעל ווערט פאַרגעסן, סע אַנטוויקלט זיך דער נייער נאַטורוויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַליזם, וועלכער האָט זיך פונעם מאַטעריאַליזם אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט טעאָרעטיש כמעט מיט גאָר נישט אונטערגעשיידט, נישט מער נאָר, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ רייכערן, נאַטורוויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, בפרט אין כעמיע און פיזיאָלאָגיע. דעם נודנע פיליסטערישן דענקאופן פון דער פאַר־קאַנטיאַנישער צייט, רעפּראָדוצירט ביז דער עקסטרעמסטער פלאַכקייט, געפינען מיר ביי ביכנערן און פאָגטן; און אפילו מאָלעשאָט, וואָס שווערט זיך ביי פייערבאַכן, גאַלאָפּירט אָן אָפּשטעל לוסטיק און לעבעדיק צווישן די סאַמע איינפאַכסטע קאַטעגאָריען. דאָס שטייפע באַלעגאָלישע פערדל פונעם אַלטעגלעכן בורזשואַזן פאַרשטאַנד בלייבט נאַטירלעך געשטאָקט אין פאַרלעגנהייט פאַרן גראָבן, וואָס טיילט אָפּ עסענץ פון דערשיינונג, סיבה פון עפעקט. בעת אָבער מע לאָזט זיך אַרויס אויף אַ לוסטיקן גייעג איבער אַזאַ שטאַרק צעקאָפּעטן באָדן, ווי סע איז דאָס אַבסטראַקטע דענקען, טאָר מען דעמאָלט אויף קיין באַלעגאָלישע פערדלעך נישט רייטן.

דאָ איז געווען דעריבער אָן אַנדער פּראָבלעם צו לייזן, אַזאַ וואָס האָט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע גאָר נישט געהאַט וואָס צו טון. ווי אַזוי האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן די וויסנשאַפט? אויף איין זייט איז פאַר אונדז געלעגן די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק אין דער גאַנץ אַבסטראַקטער, „שפּעקולאַטיווער" פאָרם, אין וועלכער העגעל האָט זי געלאָזט בירושה; אויף דער אַנדערער זייט — די אָרדינערע, איצט ווידער מאָדע־געוואָרענע, מעטאַפיזישע אין תוך גענומען וואָלפישע מעטאָדע, אין וועלכער די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן געשריבן זייערע דיקע צווישן זיך נישט־בינדנדיקע ביכער. אָט די לעצטע מעטאָדע איז דורך קאַנטן און בפרט נאָך דורך העגעלן טעאָרעטיש אַזוי צעשמעטערט געוואָרן, אַז בלויז פוילקייט און דער אויספּעל פון אַ וואָסער סע איז אַנדערער איינפאַכער מעטאָדע האָט געקענט מעגלעך מאַכן איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ אין דער פּראַקטיק. פון דער צווייטער זייט איז די העגעלשע מעטאָדע אין איר פאָר אונדז צוגענגלעכער פאָרם אַבסאָליוט אוממעגלעך געווען צו באַנוצן. זי איז אין תוך גענומען געווען אידעאַליסטיש, און וואָס דאָ האָט זיך געפאָדערט איז געווען די אַנטוויקלונג פון אַ וועלט־בליק, וואָס זאָל זיין מער מאַטעריאַליסטיש ווי אַלע פריערדיקע. זי [די העגעלשע מעטאָדע] איז פונעם ריינעם דענקען אַרויסגעגאַנגען, און געדאַרפט האָט מען דאָ אַרויסגיין פון די האַרטנעקיקסטע פאַקטן. אַ מעטאָדע, וואָס איז לויט איר אייגענעם צוגעבן „פון גאָרנישט דורך גאָרנישט צו גאָרנישט געקומען", איז זי אין אָט דער פאָרם בשום־אופן דאָ נישט געווען אויפן פּלאַץ. פונדעסטוועגן איז זי פונעם גאַנצן פאַר אונדז צוגענגלעכן לאָגישן מאַטעריאַל געווען דאָך דאָס איינציקע שטיק, אויף וועלכן מע האָט געקאָנט זיך באַטש אָנשפּאַרן. זי [העגעלס מעטאָדע] איז קיינמאָל נישט געקריטיקירט געוואָרן, קיינמאָל נישט ביינעקומען. קיין איינער פון דעם גרויסן

דיאַלעקטיקערס קענענערס איז נישט בכח געווען דורכצולעבערן איר שטאָלצע סטרוקטור; זי איז פאַרגעסן געוואָרן, ווייל די העגעליאַנישע שול האָט נישט געוווּסט וואָס מיט איר אָנהייבן צו טון. סע איז דעריבער קודם־כל נייטיק געווען, די העגעלשע מעטאָדע אונטערצוּוואַרפן צו אַ דורכדרינגענדיקער קריטיק.

דאָס וואָס האָט העגעלס דענק־אופן אויסגעצייכנט פונעם דענק־אופן פון אַלע אַנדערע פילאָסאָפן, איז געווען דער אומגעהייערער היסטאָרישער זין, וואָס איז געלעגן אין זיין יסוד. כאָטש אַבסטראַקט און אידעאַליסטיש אין פאָרם, איז דאָך תמיד די אַנטוויקלונג פון זיינע געדאַנקען געגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון דער וועלטגעשיכטע, און דאָס לעצטע האָט אייגנטלעך געזאָלט נאָר זיין די פּרווו פאַרן ערשטן. אויב סע האָט זיך דאָדורך אויך די ריכטיקע באַציאונג איבערגעדרייט און זיך אויפן קאָפּ געשטעלט, איז אָבער דאָך אומעטום דער רעאַלער אינהאַלט אַריינגעקומען אין דער פילאָסאָפיע אַריין; און דערצו נאָך האָט העגעל זיך אויסגעשיידט פון זיינע אָנהענגער דערמיט, וואָס ער האָט נישט ווי זיי געדופעט אויף איגנאָראַנץ, נאָר איז געווען איינער פון די געלערנטסטע קעפּ פון אַלע צייטן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפּרווט דערוויזן אין דער געשיכטע אַן עוואָלוציע, אַן אינעווייניקסטע צונויפגעבונדנקייט, און ווי אויסטערליש טייל זאַכן אין זיין פילאָסאָפיע פון געשיכטע זאָלן אונדז היינט נישט פאָרקומען, איז די גראַנדיעזקייט אָבער פונעם פונדאַמענטאַלן וועלט־בליק זיינעם נאָך היינט אַפילו צום באַוווּנדערן, סיי ווען מע פאַרגלייכט אים מיט זיינע פאָרגייער, אָדער מיט די יעניקע נאָך, וואָס האָבן נאָך אים זיך דערלויבט אַלגעמיינע רעפלעקסיעס איבער געשיכטע. אין דער פענאָמענאָלאָגיע, עסטעטיק, געשיכטע פון פילאָסאָפיע, אומעטום גייט אַדורך די דאָזיקע גרויס־אַרטיקע קאָנצעפּציע פון געשיכטע, און אומעטום ווערט דער מאַטעריאַל טראַקטירט היסטאָריש, אין אַ דעפיניטיווער, כאָטש אויך אַבסטראַקט־פאַר־דרייטער, צווישנאַנאַנדיקער פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע.

די דאָזיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע קאָנצעפּציע וועגן געשיכטע, איז געווען די דירעקטע טעאָרעטישע פאָר־הנחה פאַרן נייעם מאַטעריאַליסטישן וועלט־בליק, און האָט שוין דאָדורך זיך אויך באַזאָרגט מיט אַן אָנקניפּונגס־פּונקט פאַר דער לאָגישער מעטאָדע. אַזוי ווי אָט די פאַרגעסענע דיאַלעקטיק האָט אַרויסגייענדיק אַפילו פונעם שטאַנדפּונקט פון „ריינעם דענקען" געפירט צו אַזוינע רעזולטאַטן, און דערצו נאָך כמעט שפּילנדיק פאַרטיק געוואָרן מיט דער גאַנצער פריערדיקער לאָגיק און מעטאַפיזיק, האָט אין איר דאָך על־כל־פּנים געמוזט זיין מער ווי סאָפיסטעריי און האָר־שפּאַלטעריי. די קריטיק אָבער פון אָט דער [העגעלשער] מעטאָדע, וועלכע די גאַנצע אָפיציעלע פילאָסאָפיע האָט באַקעמפט מיט צוריק־געהאַלטנקייט, און וועלכע איז נאָך אַלץ אַ צוריקגעהאַלטענע, איז שוין גאָר נישט געווען קיין קלייניקייט.

מאַרקס איז געווען און איז דער איינציקער, וואָס איז געווען בכח אונטער־צונעמען זיך די אַרבעט, אַרויסצושיילן פון דער העגעלשער לאָגיק דעם קערן, וואָס נעמט אַרום העגעלס ווירקלעכע אויפדעקונגען אין אָט דער ספערע, און צו קאָנסטרואירן די דיאַלעקטישע מעטאָדע, אַן אויסגעטונענע פון אירע אידעאַליסטישע אַרומהילונגען, אין דעם איינפאַכן געשטאַלט אין וועלכן זי ווערט די איינציק ריכטיקע פאָרם פון דער אַנטוויקלונג פונעם געדאַנק. די אויס־

אַרבעטונג פון דער מעטאָדע, וועלכע ליגט אינעם יסוד פון מאַרקס' „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", האַלטן מיר פאַר אַ רעזולטאַט פון כמעט נישט קיין קלענערן באַדייט ווי דעם פונדאַמענטאַלן מאַטעריאַליסטישן וועלט־בליק גופא.

די קריטיק פון דער עקאָנאָמיע, אַפילו לויט דער געזיכערטער מעטאָדע נאָך, קען נאָך אויף צווייערליי אופנים דורכגעפירט ווערן: היסטאָריש אָדער לאָגיש. אַזוי ווי אין דער געשיכטע, ווי אין איר ליטעראַרישער אָפּשפּיגלונג, גייט אָן די אַנטוויקלונג אינעם גאַנצן און גרויסן פון די איינפאַכסטע צו די קאָמפּליצירטסטע באַציאונגען, האָט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע געגעבן אַ נאַטירלעך פירנדיקן פאָדעם, אין וועלכן מע זאָל קענען אָנקניפּן די קריטיק, און דערביי זאָלן די עקאָנאָמישע קאַטעגאָריען אינעם גאַנצן און גרויסן אַרויסטרעטן אין דערזעלבער סעקווענץ ווי אין דער לאָגישער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע פאָרם האָט אַפילו די אויבנאויפיקע מעלה פון גרעסערער קלאָרקייט, וואָרעם סע איז דאָך די אַקטועלע אַנטוויקלונג איינגעטלעך וואָס ווערט נאָכגעשפּירט, אָבער פאַקטיש וואָלט זי דאַדורך העכסטנס פּאָפּולערער געוואָרן. די געשיכטע שפּרייזט אָפּט דורך שפּרונגען און אין זיגזאַגן, און זי וואָלט געמוזט דעריבער אומעטום נאָכגעשפּירט ווערן, און דערביי וואָלט נישט נאָר פיל מאַטעריאַל פון קנאַפּער וויכטיקייט געמוזט אויפגענומען ווערן, נאָר סע וואָלט אויך אָפּט געמוזט איבערגעריסן ווערן דער גערדאַנקענגאַנג; דערצו נאָך איז אוממעגלעך דאָך צו שרייבן די געשיכטע פון דער עקאָנאָמיע אָן דער געשיכטע פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט, און סע וואָלט דאַדורך צו אַט דער אַרבעט גאָר קיין סוף נישט נענומען, איבער דעם אויספעל פון יעטווידער פּרעלימינערער אַרבעט. די לאָגישע באַהאַנדלונג־מעטאָדע איז געווען דעריבער די איינציק־אָנגעמאָסטענע. פאַקטיש איז זי אָבער נישט עפּעס אַנדערש ווי די היסטאָרישע מעטאָדע, נאָר אויסגעטון פון איר היסטאָרישער פאָרם און פון שטערנדיקע צופעליקייטן. מיט דעם, וואָס די געשיכטע הייבט זיך אָן, מיט אַט דעם מוז אויך פונקט אַזוי דער גערדאַנקענגאַנג זיך אָנהייבן, און זיין ווייטערדיקער גאַנג וועט נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי נאָר דאָס שפּיגל־בילד פונעם היסטאָרישן קורס אין אַבסטראַקטער און טעאָרעטיש קאָנסעקווענטער פאָרם; אַ קאָרעגירט שפּיגל־בילד, אָבער קאָרעגירט לויט די געזעצן נאָך, וועלכע דער רעאַלער קורס פון דער געשיכטע גופא האָט צוגעשטעלט, אין וועלכן יעטווידער מאָמענט קאָן באַטראַכט ווערן אין זיין רייפסטן אַנטוויקלונג־פּונקט, אין זיין קלאַסישער פאָרם.

אין אַט דער מעטאָדע גייען מיר אַרויס פון דער ערשטער און איינפאַכסטער באַציאונג, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז היסטאָריש און פאַקטיש, בכן פון דער ערשטער עקאָנאָמישער באַציאונג וואָס מיר געפינען. די דאָזיקע באַציאונג אַנאַליזירן מיר. דערמיט, וואָס זי איז אַ באַציאונג ווערט שוין אָנגעדייט, אַז זי האָט צוויי זייטן, וועלכע באַציען זיך איינס צו דאָס אַנדערע. יעטווידע פון אַט די זייטן ווערט באַטראַכטן פאַר זיך אַליין; דורך אַט דעם וועלן מיר צוקומען צום אופן ווי אַזוי זיי פאַרהאַלטן זיך איינס צו דאָס אַנדערע, זייער ווירקונג צווישן זיך. סע וועלן זיך שאַפן קאָנטראַדיקציעס, וואָס וועלן פאַרלאַנגען אַ לייזונג. אַזוי ווי אָבער מיר באַטראַכטן דאָ נישט קיין אַבסטראַקטן גערדאַנקענפּראָצעס, וואָס קומט בלויז פאָר אין אונדזערע קעפּ, נאָר אַ רעאַלע געשעעניש,

וואָס איז באמת פאָרגעקומען אין אַ וואָסער סע איז צייט, אָדער קומט נאָך אַלץ פאָר, וועלן אויך אָט די קאָנטראַדיקציעס זיך אַנטוויקלען אין דער פּראַקטיק, און וועלן מסתמא געפינען זייער לייזונג. מיר וועלן נאָכשפּירן דעם כאַראַקטער פון אָט דער לייזונג און מיר וועלן אויסגעפינען, אַז זי איז צושטאַנד געקומען דורך דער עטאַבלירונג פון אַ נייער באַציאונג, וואָס אירע צוויי אַנטקעגנ־געשטעלטע זייטן מיר וועלן איצט ווייטער דאַרפן אַנטוויקלען, א. אַז. וו.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע הייבט זיך אָן מיט סחורה, הייבט זיך אָן מיט דעם מאָמענט ווען פּראָדוקטן ווערן אויסגעטוישט איינע פאַר די אַנדערע — סיי דורך יחידים, סיי דורך פּרימיטיווע געמיינדעס. דער פּראָדוקט, וואָס טרעט אַריין אין אויסטויש, איז סחורה. סחורה איז ער אָבער בלויז דאַדורך, וואָס אַ באַ־ציאונג צווישן צוויי פּערזאָנען אָדער געמיינדעס קניפּט זיך אָן אין דער זאַך, אינעם פּראָדוקט, די באַציאונג צווישן פּראָדוצענט און קאָנסומענט, וואָס זענען שוין דאָ מער נישט פאַראייניקט אין דער זעלבער פּערזאָן. דאָ האָבן מיר גלייך אַ ביישפּיל וועגן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס גייט אַדורך דורך דער גאַנצער עקאָנאָמיע און וואָס האָט אַריינגעבראַכט די גרעסטע צעמישעניש אין די מוחות פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן: עקאָנאָמיע האָט נישט צו טון מיט זאַכן, נאָר מיט באַציאונגען צווישן פּערזאָנען און אין דער לעצטער אינסטאַנץ צווישן קלאַסן; די דאָזיקע באַציאונגען זענען אָבער תמיד אָנגעבונדן אין זאַכן און אַנטפּלעקן זיך ווי זאַכן. אָט די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונג, וועלכע האָט אין איינצלנע פאַלן פריער שוין אויפגעטאָגט אין מוח ביי דעם אָדער יענעם עקאָנאָמיסט, האָט מאַרקס צום ערשטן אויפגעדעקט איר ריכטיקייט פאַר דער גאַנצער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און געמאַכט דורך דעם די סאַמע שווערסטע פראַגן אַזוי פּשוט און קלאָר, אַז איצט וועלן אַפילו די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן זיי קענען באַנעמען.

ווען מיר באַטראַכטן איצט סחורה פון אירע פאַרשידענע זייטן, סחורה ווי זי האָט זיך פולשטענדיק אַנטוויקלט, און נישט ווי זי אַנטוויקלט זיך תחילת דורך שווערער מי אינעם פּרימיטיוון טויש־האַנדל צווישן צוויי פּרימיטיווע גע־מיינדעס, שטעלט זי זיך אונדז פאַר אונטער די צוויי אַספּעקטן פון באַנוץ־ווערט און טויש־ווערט, און דאָ טרעטן מיר תיכף אַריין אין דער ספערע פון דער עקאָנאָמישער דעבאַטע. ווער סע וויל האָבן אַ שלאָגנדיקע אילוסטראַציע וועגן דעם, אַז אויף איר איצטיקן אויספורעמונג־שטאַפּל איז די דייטשישע דיאַלעקטישע מעטאָדע על־כל־פּנים פונקט אַזוי הויך לגבי דער אַלטער, פלאַכער קאָנענגיסנ־דיקער מעטאַפיזישער מעטאָדע ווי די אייזנבאַן איז לגבי די טראַנספּאָרט־מיטלען פונעם מיטלאַלטער, זאָל יענער נאָך לייענען ביי אַדאַם סמיט אָדער ביי אַ וואָסערן סע איז אַנדערן אָפיציעלן עקאָנאָמיסט מיט אַ רעפּוטאַציע, וואָס פאַר אַ מאַטער־ניש טויש־ווערט און באַנוץ־ווערט האָט פאַרשאַפט די דאָזיקע הערן, ווי שווער סע איז זיי אָנגעקומען צו האַלטן זיי ריכטיק פונאַנדערגעטיילט, און יעטווידן פון זיי צו באַנעמען אין זיין כאַראַקטעריסטישער באַשטימטקייט, און פאַרגלייכן דערנאָכדעם די קלאָרע, איינפאַכע באַהאַנדלונג ביי מאַרקסן.

נאָך דעם ווי באַנוץ־ווערט און טויש־ווערט האָבן זיך אַנטוויקלט, ווערט סחורה אַרויסגעשטעלט ווי די דירעקטע איינהייט פון ביידע, אין דער פאָרם אין וועלכער זי טרעט אַריין אין דעם אויסטויש־פּראָצעס. וואָס פאַר אַ קאָנטראַ־

דיקציעס סע שאַפן זיך דאָ, קען מען דערנאָך לייענען אויף זז. 20, 21. דאָ ווילן מיר נאָר אָנמערקן, אַז די דאָזיקע קאָנטראַדיקציעס האָבן נישט בלויז אַן אַבסטראַקט טעאָרעטישן אינטערעס, נאָר אַז זיי שפּיגלען באַגלייך אָפּ די שוועריקייטן, וואָס טרעטן אַרויס אויס דער נאַטור פון די דירעקטע אויסטויש־באַציאונגען, פונעם איינפאַכן טויש־האַנדל, אַז זיי שפּיגלען אָפּ די אוממעגלעכ־קייטן אויף וועלכע אָט די ערשטע רויע פאָרם פון אויסטויש שטויסט זיך נויט־ווענדיק אָן. די לייזונג פאַר די דאָזיקע אוממעגלעכקייטן געפינט זיך דאַרין, וואָס די אייגנשאַפט צו רעפּרעזענטירן דעם טויש־ווערט פון אַלע אַנדערע סחורות ווערט איבערגעטראָגן אויף אַ ספּעציעלער סחורה — אויף געלט. געלט, אָדער די איינפאַכע צירקולאַציע, ווערט אַנטוויקלט אינעם צווייטן קאַפּיטל, און דאָס איז: 1) געלט ווי די מאָס פון ווערט, דורך וועלכן דער אין געלט געמאָסטענער ווערט, דער פּרייז, קריגט זיין נעענטערע דעטערמינירונג; 2) ווי אַ צירקולאַציע־מיטל, און 3) ווי די איינהייט פוןביידע דעטערמינירונגען ווי רעאַל געלט, ווי דער רעפּרעזענטאַנט פונעם גאַנצן מאַטעריעלן בורזשואַזן רייכטום. דערמיט פאַרענדיקט זיך די אַנטוויקלונג אינעם ערשטן העפט, רעזערווירנדיק פאַרן צווייטן דעם איבערגאַנג פון געלט אין קאַפּיטאַל.

מע זעט, ווי ביי אָט דער מעטאָדע איז די לאָגישע אַנטוויקלונג לחלוטין נישט געצוווּנגען צו האַלטן זיך אין דער ריין אַבסטראַקטער ספערע. פאַרקערט גאָר, די דאָזיקע מעטאָדע פאָדערט היסטאָרישע אילוסטראַציעס, כסדרדיקן קאָנ־טאַקט מיט דער רעאַלקייט. אַזוינע אויפווייזן ווערן אָט אַזוי אַריינגעפירט אין גרויסער וואַריעטעט, סיי אָנווייזונגען אויפן אַקטועלן היסטאָרישן קורס אויף פאַרשידענע שטאַפּלען פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, ווי אויך אויף דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור אין וועלכער די קלאָרע אויסאַרבעטונג פון די דעטער־מינירונגען פון עקאָנאָמישע באַציאונגען ווערט נאָכגעשפּירט פון אָנהייב אָן. די קריטיק פון אינדיווידועלע, מער אָדער מינער איינזייטיקע אָדער מבולבלדיקע אופנים פון קאָנצעפּציע, איז שוין דעמאָלט אין תוך געגומען געגעבן אין דער לאָגישער אַנטוויקלונג גופא און קען קורץ פאָרמולירט ווערן.

אין אַ דריטן אַרטיקל וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיטן עקאָנאָמישן אינהאַלט פונעם בוך גופא.

# נאָמען-רעגיסטער

(דער נאָמען־רעגיסטער דעקט בלויז די נעמען פון פרידריך ענגעלס׳ הויפּט־ווערק אין דעם בוך — „לודוויג פייערבאַך").

**אָ ו ע ן,** ראָבערט (1771—1858), באַרימטער ענגלישער סאָציאַליסט-אוטאָפּיסט. זייענדיק דער פאַרוואַלטער פון אַ באַנוואָלפאַבריק אין ניו לאַנאַרק, האָט ער דאָרט איינגעפירט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. ער איז געווען דער סאַמע ערשטער צו פּריידיקן די אידייע פון אַרבעטער-געזעצגעבונג. אין 1824 האָט אָוען געפּרוּווט גרינדן אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין אַמעריקע אונטערן נאָמען „ניי האַרמאָניע", אָבער ער איז דורכגעפאַלן. אָוען האָט פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, „אַרבעטער-באַזאַרן", ווּ מע זאָל קענען איינקויפן פּראָדוקטן נישט פאַר קיין געלט, נאָר פאַר „אַרבעטצעטלען". אָוען איז געווען קעגן רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון קאַמף. אין זיין בוך „דאָס אויסבילדן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער", האָט ער אַנטוויקלט די אידייען פון די ענגלישע און פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן יאָרהונדערט. — ז. 60.

**אַ פּ י אָ ן** פון אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן (געלעבט אין 2טן יאָרהונדערט), האָט אָנגעשריבן אויף גריכיש „די געשיכטע פון רוים" אין 24 ביכער. אויפגעהיטן ביז היינט האָבן זיך בלויז 7 ביכער. ער האָט געשריבן וועגן די רוימישע בירגערקריגן. „אַ העכסט ווערטפולע אַרבעט" — שרייבט וועגן אים מאַרקס צו ענגעלסן — „אין די בירגער-קריגן זוכט ער זייער מאַטעריעלן יסוד." (מע דאַרף דאָ נישט צונויפמישן דעם גריכישן היסטאָריקער אַפּיאָן מיטן עגיפּטישן גיפטיקן יידן-פיינד אַפּיאָן, וואָס האָט געלעבט אינעם ערשטן יאָרהונדערט, און אין זיין צייט גענוג צרות פאַרשאַפט די יידן.) — ז. 52.

**ב אַ ו ע ר,** ברונאָ (1809—1882), דייטשישער פילאָסאָף און קריטיקער פון קריסטנטום, אַ פירער פונעם לינקן פליגל אין דער העגעלשער שול, כאָטש באַוער האָט קריטיקירט העגעלן, איז ער אַליין אָבער געבליבן אויפן באָדן פון העגעלס אידעאַליזם. מאַרקס און ענגעלס האָבן אַדורכגעפירט אַ קריטיק איבער באַוערן אין „די הייליקע פאַמיליע." — זז. 17, 18, 20, 40.

**ב אַ ק ו נ י ן,** מיכאַיל אַלקעסאַנדראָוויטש (1814—1876), רעוואָלוציאָנערער אַנאַרכיסט. ווי די גאַנצע פּריצישע פּראָגרעסיווע יוגנט אין רוסלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, איז אויך באַקונין אין זיינע יונגע יאָרן געווען פאַרקאָכט אין דער דייטשישער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, בפרט אין העגעלן. דעם תוך פונעם אַנאַרכיזם זעט באַקונין אין דער תיכּפדיקער און פולשטענדיקער צעשטערונג פון יעטווידער מלוכה און פאַרוואַרפן יעדע געזעצגעבונג. „אַ פרייע פעדעראַציע פון יחידים אין אַ קאָמונע, קאָמונעס אין פּראָווינצן, פּראָווינצן אין אַ נאַציע, און די לעצטע לסוף אין פאַראייניקטע שטאַטן — קודם פון איידאָפּע, און דערנאָך פון דער גאַנצער וועלט." אָט אַזוי דאַרף געבויט ווערן די נייע געזעלשאַפט לויט באַקונינען. אַ רעוואָלוציע איז מעגלעך צו יעדן מאָמענט. די טרעגער פון רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן זיינען, לויט באַקונינען, דאָס פּויערנטום און דער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט. זיין מעטאָדע, אַ פּלוצימדיקע, אַלץ צעשטערנדיקע רעוואָלוציע. סיי באַקונינס טעאָרעטישע בליקן, סיי זיין טאַקטיק זיינען אַנטשיידנדיק באַקעמפט געוואָרן דורך מאַרקסן אינעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. — זז. 19, 40.

**ב י כ נ ע ר,** לודוויג (1824—1899), דייטשישער דאָקטאָר, שרייבער איבער נאַטורוויסנשאַפט און פילאָסאָף-מאַטעריאַ-

ליסט. אינאיינעם מיט פאָגטן און מאָלעשאָטן האָט ער אָנגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן נאַטורוויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם. אין דער ספערע אָבער פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען איז ער געבליבן אַ וווּלגאַרער מאַטעריאַליסט. ביכנער האָט טעאָרעטיש אויסגעדריקט די קאָנצעפּציע פון דער בורזשואַזער טעכנישער אינטעליגענץ אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. באַרימט געוואָרן איז ביכנער איבער זײַן ווערק „מאַטעריע און קראַפט" (1855). — ז. 26.

ב ל אַ ן, לואי (1811—1882), פראַנצויזישער סאָציאַליסט־רעפאָרמיסט. די גרונט־הנחות פון זײַן לערע באַשטייען אין אָט דעם: די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז אַן אומגליק סיי פאַרן פּראָלעטאַריאַט און סיי פאַר דער בורזשואַזיע. אַלע קלאַסן חלשן נאָך סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע לואי בלאַן האָט פאָרגעשלאָגן צו רעאַליזירן אויף אַ פרידלעכן אופן. דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר שטעלט לואי בלאַן אַנטקעגן געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטן אָדער אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע אַסאָסיאַציעס. — ז. 33.

ב ע י ל, פּיער (1647—1706), פראַנצויזישער שרייבער און פילאָסאָף־סקעפּטיקער. זײַן „היסטאָרישער און קריטישער ווערטערבוך" האָט געהאַט אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַטעיסטישער ליטעראַטור אין פראַנקרייך אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. כאָטש בעיל איז אַליין קיין אַטעיסט נישט געווען, האָט ער אָבער מיט זײַנע ספקות, געווענדט קעגן רעליגיעזע דאָגמען און קלויסטער לערן, מעגלעך געמאַכט דאָס באַפרייען זיך פון רעליגיעזע פאָראורטיילן. — ז. 55.

ב ע י ק אָ ן, פראַנסיס (1561—1626), ענגלישער שטאַמפאָטער פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, עמפּיריקער און מאַטעריאַליסט. בעיקאָן האָט רעוואָלטירט קעגן דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטישער פילאָסאָפיע און ריכטיק געוויזן דעם וועג צו דער נײַער וויסנשאַפט, וואָס דאַרף זיך פאַרנעמען מיט פאָרשן די נאַטור. די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט אין יענער צײַט האָט קאָנדיציאָנירט די פילאָסאָפישע מעטאָדע בעיקאָנס, די מעטאָדע פון אינדוקציע, וואָס גייט אַרויס פונעם איינצלנעם צום אַלגעמיינעם, און וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף דער איינזאַמלונג און אויססאָרטירונג פון די חושימדיקע דערפאַרונגען. — ז. 19.

ב ע ר ט ע ל אָ, פּיער עזשען (1827—1907), באַרימטער פראַנצויזישער כעמיקער. געווען פּראָפעסאָר פון אָרגאַנישער כעמיע אין "קאָלעזש דע פראַנס", און געמאַכט העכסט וויכטיקע אַנטדעקונגען אויף אָט דעם פעלד. — ז. 34.

ב ע ר נ ש ט י י ן, עדוואַרד (1850—1932), באַרימטער ייִדיש־דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַט. אין די לעצטע יאָרן פון ענגעלס' לעבן איז בערנשטיין געשטאַנען נאָענט צו אים. נאָך ענגעלס' טויט האָט בערנשטיין געמאָלדן, אַז אַלע טיילן פון דער מאַרקסיסטישער לערע מוזן אַרונטערגיין אונטער אַ „רעוויזיע". בערנשטיינס רעוויזיאָניזם, וועלכער איז פילאָסאָפיש געווען פאַרבונדן מיטן נעאָ־קאַנטיאַניזם, האָט אים דערפירט צום פולשטענדיקן אָפּזאָגן זיך פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. — ז. 6.

ג אַ ל ע, יאָהאַן גאָטפריד (1812—1910), אַסטראָנאָם, דירעקטאָר פון דער אָבסערוואַטאָריע אין ברעסלוי. באַנוצנדיק זיך מיט די אויסרעכענונגען פון לעווערי, האָט גאַלע אין 1846 אַנטדעקט דעם פּלאַנעט נעפּטון. — ז. 24.

ג י ז אָ, פראַנסואַ (1787—1871), מלוכה־מענטש און היסטאָריקער פון דער עפּאָכע פון דער רעסטאַווראַציע אין פראַנקרייך. אינאיינעם מיט די אַנדערע היסטאָריקער פון דער רעסטאַווראַציע, טיערי און מיניע, האָט גיזאָ אין אַ געוויסן זין צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מאַטעריאַליסטישער פאַרשטענדעניש פון דער געשיכטע, וועלכע איז אַנטדעקט געוואָרן דורך מאַרקסן. — ז. 48.

ג ע ט ע, יאָהאַן וואָלפגאַנג (1749—1832), גרויסער דײַטשישער פּאָעט, אוניווערסאַלער מוח, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע ספערן פון וויסנשאַפט און לעבן.

אין זייַנע געניאַלע ליטעראַריש-קינסטלערישע ווערק האָט געטע באַריִרט אַ מאַסע פילאָסאָפישע און געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישע פּראָבלעמען. געטע איז אויך געווען אַ נאַטוראַליסט, און איז אויף אָט דעם פעלד געווען דער פאָרלויפער פון דער טעאָריע פון עוואָלוציע. לויט זייַן פילאָסאָפישן וועלט-באַנעם איז געטע געווען אַ פּאַנטעיסט. — זז. 13, 15, 28.

ג ר י ן, קאַרל (1817—1887), ביז דער רעוואָלוציע אין דייַטשלאַנד אין 1848 איז ער געווען איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פונעם דייַטשישן „אמתן סאָציאַליזם", פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידייען פון פּרודאָנען. איז דער אויטאָר פונעם בוך „סאָציאַלע באַוועגונגען אין פראַנקרייַך און בעלגיע". מאַרקס איז אַרויסגעטרעטן קעגן זייַן בוך. נאָך דער רעוואָלוציע איז גרין געוואָרן אַ דעמאָקראַט. — ז. 20.

ד אַ ר ו ו י ן, טשאַרלס ראָבערט (1809—1882), גרויסער ענגלישער נאַטוראַליסט, געניאַלער באַגרינדער פון דער ריכטונג אין ביאָלאָגיע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען דאַרוויניזם. דאַרווינס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט די טעאָריע פון עוואָלוציע. זייַנע פאָרשונגען האָבן אים געפירט צו דער אַנטדעקונג פון דער טעאָריע פון נאַטירלעכן אָפּקלייַב. אין זייַן „אָפּשטאַם פון די מינים", פּובליקירט אין 1859, האָט דאַרווין דערוויזן, אַז אַלע פאָרמען פון אָרגאַנישן לעבן האָבן דורך אַ זייער פּאַמעלעכער עוואָלוציע זיך אַנטוויקלט אויס אַ קלייַנער צאָל פּרימיטיווע טיפּן דורך פאַרענדערונגען, ד. ה. דערוואָרבנדיק נייַע אייגנשאַפטן; דורך ירושה, ד. ה. איבערגעבנדיק די שוין דערוואָרבענע אייגנשאַפטן, און דורכן לעבן-בלייַבן פון די סאַמע צוגעפּאַסטסטע, ד. ה. אייגנטלעך דורכן נאַטירלעכן אָפּקלייַב. דאַרווינס רעוואָלוציאָנערע טעאָריע אין די נאַטורוויסנשאַפטן האָט אין גאַנצן אַ סוף געמאַכט צום אַלטע מעטאַפיזישן אופן פון דענקען. אין דער פילאָסאָפיע איז דאַרווין געווען אַן עמפּיריאָ-אַגנאָסטיק. — זז. 29, 44.

ד י ד ר אָ, דעני (1713—1784), באַדייטנדיקסטער פראַנצויזישער מאַטעריאַליסט און אַכצנטן יאָרהונדערט, רעדאַקטאָר פון דער „ענציקלאָפּעדיע", אין וועלכער די ראַדיקאַלע בורזשואַזיע האָט פאָרמולירט איר וועלט-באַנעם ערב דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דידראָ האַלט, אַז דער שורש פון וויסן איז די דערפאַרונג. שפּירונגען ווערן אַרויסגערופן דורך דרויסנדיקע אָביעקטן. דער שכל פאַר זיך אַליין גיט נישט קיין וויסן, ער בינדט בלויז צונויף די געגעבענע באַזונדערע געפילן, און שטעלט מיט זיך דעריבער פאָר דאָס אוניווערסאַלע געפיל. דער שכל איז בשום אופן נישט קיין מעטאַפיזיש וועזן, זייַן אָרגאַן איז דער מאַרך. די איינציקע רעאַליטעט איז די מאַטעריע. שטח און צייַט, זענען די פאַראַנענע פאָרמען פון מאַטעריע. אירע גרונט אייגנשאַפטן זענען אויסשפּרייטונג, באַוועגונג און סענסיטיווקייט (ווי אַ נידעריקער שטאַפּל פונעם דענקען). פאַר די קלענסטע טיילעכלעך פון מאַטעריע האָט דידראָ, אין הסכם מיט דער נאַטורוויסנשאַפט פון זייַן צייַט, געהאַלטן די מאָלעקולן, וואָס אויס זייערע פאַרשידנאַרטיקע צונויפזעצונגען סע קומען אויף די כלערליי פאָרמען פון דער וויזועלער וועלט. אָט אַזוי נאָך איז לויט דידראָן דער גאַנצער וועלט-סיסטעם דורכגעדרונגען מיט אַן אינעווייניקסטער איינהייט פון דער אומאָרגאַנישער נאַטור דורכן קיניגרייַך פון געוויקסן און בעלי-חיים ביזן מענטשן. דידראָ איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ פאָרלויפער פון דאַרווינען. אין דער ספערע פון געזעלשאַפטלעכע דערשייַנונגען איז דידראָ נישט ווייטער אַוועק פון זייַנע צייַט-חברים, האַלטנדיק, אַז די מענטשלעכע מאָראַל און געוואוינהייטן זענען אָפּהענגיק אין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס און געזעצגעבנדיקער אַקטיווקייט. — זז. 19, 31.

ד י ט צ ג ע ן, יאָזעף (1828—1888), דייַטשישער סאָציאַליסט און פילאָסאָף-מאַטעריאַליסט, אַן אַרבעטער-אויטאָדידאַקט. דיטצגען איז זעלבשטענדיק דערגאַנגען צו פיל הנחות פון דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק. מאַרקס האָט וועגן דיטצגענען געשריבן, אַז „נישט קוקנדיק אויף אַ געוויסער צעמישעניש און צו אָפטע איבערחזרונגען, האַלט אין זיך זייַן אַרבעט — ווי אַ פּראָדוקט פון זעלבשטענדיקן דענקען פון אַן אַרבעטער — אַ סך פּרעכטיקע און פאַרגאַפנדיקע געדאַנקען." אויך ענ-

געלס, פּלעכאַנאָוו און לענין האָבן וועגן דיטצגענען געהאַט אַ הויכע מיינונג. — ז. 42.

**ד ע ק אַ ר ט**, רענע (1596—1650), פראַנצויזישער באַגרינדער פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. דעקאַרטס פילאָסאָפיע האָט זיך אויסגעפורעמט אינעם קאַמף מיט דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק. נאָך זיין טויט איז זיין פילאָסאָפיע אויסגעוואַקסן אין דער הערשנדיקער טענדענץ אין פראַנקרייך און האָלאַנד (אין דער צווייטער העלפט פונעם זיבעצנטן און ערשטן פערטל פון אַכצנטן יאָרהונדערט). דעקאַרט איז געווען אַ דואַליסט, ד. ה. ער האָט אָנערקענט צוויי יסודות פונעם זיין — די מאַטעריע און די נשמה, ווי צוויי זעלבשטענדיקע סובסטאַנצן. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ ראַציאָנאַליסטישע טעאָריע פון דערקענטעניש, האַלטנדיק דעם שכל פאַרן קוואַל פון דערקענטעניש, און דעם קריטעריום פאַרן אמת — קלאָרע און דייטלעכע אידייען. ביים אויסאַרבעטן זיין טעאָריע איז דעקאַרט העכסט אייגנאַרטיק. מיט קיין שום זאַך איז ער נישט זיכער. ער הייבט דעריבער אָן מיטן צווייפלען אינעם גאַנצן עקזיסטירנדיקן וויסן. אין איין זאַך אָבער קען ער ניט צווייפלען — דערמיט, וואָס ער צווייפלט וועגן אַלץ, דענקט ער דאָך, במילא עקזיסטירט ער (cogito, ergo sum). די אומצווייפלהאַפטיקייט וועגן זיין אייגענער עקזיסטענץ ווערט פאַר דעקאַרטן דער אָנשפּאַר-פּונקט, וואָס פון אים אַרויסגייענדיק בויט ער אויף זיין טעאָריע פון דערקענטעניש. אין דער פראַגע וועגן אָפּשטאַם פונעם וויסן שטייט דעקאַרט אויפן שטאַנדפּונקט פון איינגעבוירענע אידייען. נישט דערפאַרונג איז דער שורש פון דער אמתער דערקענטעניש, נאָר דער בלויזער צופאַל. קענען דעריבער אַלע די אידייען, וואָס קומען פון דערפאַרונג, נישט זיין קיין אויסדריקלעך קלאָרע, ד. ה. קיין אמתע. די דאָזיקע לערע וועגן איינגעבוירענע אידייען אינעם מענטש איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די ענגלישע עמפּיריקער (האָבס, לאָק). דערפאַר האָט אָבער דעקאַרטס פיזיק אַרויסגעוויזן מער לעבן — נישט אַזוי צוליב איר קאָנקרעטן אינהאַלט, ווי צוליב איר וויסנשאַפטלעכער און מאַטעריאַליסטישער טענדענץ. דעקאַרטס פיזיק, אַ מאַטעריאַליסטיש-מעכאַנישע, האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן איינפלוס אויפן וועלט-באַנעם פונעם גאַנצן זיבעצנטן יאָרהונדערט און טיילווייז אויף די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן. — זז. 25, 27.

**ה אָ ב ס**, טאָמאַס (1588—1679), ענגלישער פילאָסאָף-מאַטעריאַליסט. האָבס' מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די דערפאָלגן פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן אין זיבעצעטן יאָרהונדערט, טראָגט אַ מאַטעריאַליסטיש-מעכאַנישן כאַראַקטער. לויט האָבס' לערע, איז דער אָביעקט פון פילאָסאָפיע די קערפּערלעכע וועלט, וואָרעם אַלצדינג וואָס עקזיסטירט איז אַ מאָדוס פון דער מאַטעריעלער סובסטאַנץ; קיין נישט-מאַטעריעלע סובסטאַנץ איז נישטאָ גאָר. דאָס גייסטיקע לעבן פונעם מענטשן ווערט דערפירט צו דער באַוועגונג פון די מאַטעריעלע טיילעכלעך. פאַר האָבסן הייסט אַ קערפּער סיי אַ פיזישער קערפּער, ווי אַ שטייגער אַ שטיין, אַ בוים, סיי אַ סאָציאַלער, ווי אַ שטייגער די מלוכה. קערפּערס פונעם ערשטן גאַטונג זענען נאַטורעלע, בעת קערפּערס פונעם צווייטן גאַטונג זענען קינסטלעכע. די פילאָסאָפיע, וואָס פאָרשט אויס די קערפּערלעכע וועלט, וועט, אין הסכם דערמיט, זיך לאָגיש טיילן אויף צוויי העלפטן: נאַטור-קענטעניש און געזעלשאַפט-קענטעניש, צו וועלכער סע געהערט אויך די עטיק און פּאָליטיק. דערקענטעניש האָט, לויט האָבסן, איר שורש אין דערפאַרונג; דערפאַרונג ווידער איז באַזירט אויף די שפּירונגען, וועלכע זענען אַ רעאַקציע פונעם אָרגאַניזם אויף דרויסנדיקע קערפּערס. אין דער נאַטור, אַזוי גוט ווי אין דער געזעלשאַפט, איז אַלצדינג סובאָרדינירט דער מעכאַנישער קאַוזאַליטעט. האָבס' געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע סימפּאַטיעס זענען געווען גענייגט צום מאָנאַרכיזם. די מלוכה איז דער רעזולטאַט פון אַ געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך. אין נאַטור-צושטאַנד שטרעבט איטלעכער צו זעלבסטדערהאַלטונג און באַנוצט זיך פאַר אָט דעם ציל מיט כוח [„מלחמה פון אַלע קעגן אַלע”]. פון אָט דעם צושטאַנד, ווו איטלעך איינער ראַנגלט זיך פאַר זיינע אינטערעסן, איז די מענטשהייט אַרויס נישט דערפאַר, וואָס די יחידים האָבן פאַרמאָגט סאָציאַלע שטרעבונגען, נאָר בלויז אויס פחד פאַר נויט, ווען די באַפעלקערונג האָט זיך גענומען פאַרמערן. צו

מאַכן אַ סוף צו דער „מלחמה פון אַלע קעגן אַלע" האָבן די מענטשן זיך דערטראַכט צו דעם, אַז מע מוז בויען אַ מלוכה, וואָס זאָל סובאָרדינירן אונטער זיך די גאַנצע געזעלשאַפט. כאָטש האָבס איז אַליין געווען פאַרבונדן מיטן קיניגלעכן הויף, איז דאָך די פּ אָ ל י ט י ש ע זייט פון זיין פילאָסאָפיע געווען דער אויסדרוק פון די שטרעבונגען פון דער האַנדלס און אויפקומענדיקער מאַנופאַקטור בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך געניטיקט אין אַ צענטראַליזירטער מלוכה-מאַכט. אַ כאַראַקטעריסטיק פון האָבס' פילאָסאָפישן וועלט-באַנעם האָט מאַרקס געגעבן אין זיין „הייליגע פאַמיליע." — זז. 19, 25.

ה אָ ל ב אַ ך, פּאָל (1723—1789), סאַמע באַדייטנדיקסטער רעפּרעזענטאַנט פון פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם און אַטעיזם אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אויטאָר פון אַ מאַסע אַטעיסטישע פּאַמפלעטן און פון דער „ביבל" פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם אין אַכצנטן יאָרהונדערט — „אַ סיסטעם פון דער נאַטור". אין האָלבאַכס ווערק האָט דער מאַטעריאַלסטישער וועלט-בליק אין אַכצנטן יאָרהונדערט באַקומען זיין פינאַלן און סיסטעמאַטישן אויסדרוק. ער רעוואָלטירט אַנטקעגן אַ צווייענדיקער וועלט. די מאַטעריאַליסטישע וועלט און די גייסטיקע וועלט איז איין וועלט — די וועלט פון דער איין און איינציקער נאַטור. דעם גלויבן דאַרף מען פאַרוואַרפן, און אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן די דערפאַרונג און אָבסערווירונג. די נאַטור איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי מאַטעריע וואָס איז אין באַוועגונג. מאַטעריע און באַוועגונג זענען אייביק. האָלבאַך דעטערמינירט מאַטעריע ווי דאָס אַלץ, וואָס ווירקט דירעקט אָדער אומדירעקט אויף אונדזערע חושים. אָט די מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּן טראָגט האָלבאַך איבער אין דער ספערע פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. ער האַלט, אַז די נאַטור-געזעצן זענען אין דער אייגענער צייט אויך די געזעצן פון דער געזעלשאַפט. האָלבאַך, ווי די אַנדערע מאַטעריאַליכטן פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז זייענדיק אונטערגעוואָרפן די אַלגעמיינע נאַטור-געזעצן, זענען די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אויך אונטערגעוואָרפן זייערע אייגענע ספּעציפישע געזעצן, וואָס מע מוז אינזינען האָבן בעת מע בויט טעאָריעס וועגן דער געזעלשאַפט. היסטאָריזם און עוואָלוציאָניזם זענען האָלבאַכן, ווי אַלע פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן יאָרהונדערט פרעמד געווען. אין דער פּאָליטישער ספערע פאָדערט האָלבאַך פאַר די בירגער פאָרמעלע פרייהייט און גלייכהייט. אָט דאָס מאַכט אים, פונקט ווי די אַנדערע רעפּרעזענטאַנטן פונעם דריטן שטאַנד אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט, פאַרן פאָרקעמפער פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע (פּלעכאַנאָוו). — ז. 19.

ה י י נ ע, היינריך (1798—1856), גרויסער יידיש-דייטשישער פּאָעט, און פּאָליטיש-קריטישער שריפטשטעלער. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרברענגט ער אין פּאַריז, און איז דאָרט אויך געשטאָרבן. היינע איז געווען העכסט רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, און זיין פּאָעזיע פאַרמאָגט גלענצנדיקע אָפּקלאַנגען פון זיינע פרייהייטס געדאַנקען. פאַר זיין שאַרפקייט און בייסיקער סאַטירע האָט פּלעכאַנאָוו אָנגערופן היינען —„מאָדערנער אַריסטאָפאַן". אין זיינע צוויי גייסטרייכע ביכער: „די ראָמאַנטישע שול" און „צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָסאָפיע אין דייטשלאַנד" גיט היינע אַ חריפותדיקע אויספאָרשונג פון דער דייטשישער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע. היינע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט העגעלס היסטאָרישע באַדייטונג. אין זיין בוך וועגן דעם פראַנקרייך פון זיין צייט, „פראַנצויזישע צושטענדן", אַנאַליזירט היינע מיט פאַרניכטנדיקער שאַרפקייט די פראַנצויזישע עפּאָכע אונטערן קיניג לואי פיליפּ. — ז. 11.

ה ע ג ע ל, געאָרג פרידריך ווילהעלם (1770—1831), דער לעצטער און סאַמע באַדייטנדיקסטער רעפּרעזענטאַנט פונעם קלאַסישן דייטשישן אידעאַליזם. אין זיין אַנטוויקלונג איז העגעל אַדורכגעגאַנגען אַ גאַנצע רייע עטאַפּן — אָנהייבנדיק מיט אַ קריטיק איבער דער בורזשואַזיע אינעם יאַקאָבינישן גייסט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און ענדיגנדיק מיט דער אָנערקענונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פון דער ביוראָקראַטישער מלוכה מיט אַ קייסער אין דער שפּיץ. דער יסוד פון זיין פילאָסאָפישן

סיסטעם איז די לערע וועגן דעם אומאויפהערלעכן פּראָגרעס פונעם „אַבסאָלוטן גייסט‟, ד. ה. פון דער אָביעקטיווער גייסטיקער קראַפט, וואָס באַשאַפט און צעשטערט אין איר אַנטוויקלונג די ענדלעכע פאָרמען פונעם זיין. דער אַבסאָליוטער גייסט אָדער דער וועלט-פאַרשטאַנד נוצט אויס די שטרעבונגען און אינטערעסן פון איינצלנע פּערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע שיכטן און גאַנצע פעלקער כדי צו דערגרייכן דעם לעצטן ציל פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג — „די אַבסאָליוטע אידייע‟. העגעל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַנומען די וועלט — נאַטור, געשיכטע און דאָס גייסטיקע לעבן, נישט אין קיין סטאַטישן צושטאַנד, נאָר ווי אַ פּ ר אָ צ ע ס, ד. ה. אין אַ צושטאַנד פון אייביקער באַוועגונג, פאַרענדערונג, טראַנספאָרמירונג און אַנטוויקלונג. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּרווו צו דערווייזן די צווישנאַנדיקע פאַרבינדונג און געזעצמעסיקייט אין אָט דער באַוועגונג און אַנטוויקלונג. העגעלס סיסטעם איז דורכגעדרונגען מיט דער דיאַלעקטיק, טראָגט זי אָבער ביי אים אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער. נישט זענען די אידייען, האַלט ער, אַן אָפּשפּיגלונג פון עקזיסטירנדיקע זאַכן און דערשיינונגען, נאָר פאַרקערט, די זאַכן און זייער אַנטוויקלונג זענען גאָר די אָפּשפּיגלונג אין דער רעאַלקייט פון דער „אידייע‟, וואָס האָט שוין ערגעץ-ווו עקזיסטירט נאָך פאַר דער וועלט-באַשאַפונג. דאָס דערנעענטערן זיך פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד (1848) האָט געבראַכט צו דער צעפאַלונג פון דער העגעלשער שול. פונעם לינקן פליגל פון דער דאָזיקער שול איז מאַרקס אַרויסגעקומען. די פּאָליטישע דערפאַרונג מאַרקס' ווי רעדאַקטאָר פון „די רהיינישע גאַזעטן‟ האָט אים געצווּנגען אונטערצוּוואַרפן העגעלן אונטער זיין קריטיק. צוליב אָט דעם האָט מאַרקס קודם-כל דורכגעפירט אַ קריטיק איבער דער „פילאָסאָפיע פון רעכט‟ אין וועלכער העגעל האָט פאָרמולירט זיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאָנצעפּציעס. דאָרט ווו העגעל האָט געזען בלויז די אויפגאַבע צו דערקענען און שלום צו מאַכן מיט דער רעאַלקייט, האָט מאַרקס געוויזן אַ רעוואָלוציאָנערן וועג די רעאַלקייט איבערצומאַכן. די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק, וואָס מאַרקס האָט געשאַפן, איז דעריבער אויסדריקלעך דער היפּוך פון העגעלס אידעאַליסטישער דיאַלעקטיק. דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט מאַרקסן און ענגעלסן און שפּעטער אויך לענינען, הויך צו שעצן דאָס אַלץ, וואָס העגעל האָט אויפגעטון, סיי אין זיין פּרעזענטירונג די אַלגעמיינע געזעצן פון דער אַנטוויקלונג, ווי אויך זיינע אויפטוען אין דער ספערע פון די באַזונדערע וויסנשאַפטן.

ה ע ל וו ע צ י ו ס, קלאָד אַדריאַן (1715—1771), איינער פון די רעפּרעזענטאַנטן פונעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם אין אַכצנטן יאָרהונדערט. דאָס גרונטפּראָבלעם פאַר העלוועציוסן איז דאָס פּראָבלעם וועגן דער עסענץ פון דער אינטעלעקטועלער און עטישער אַקטיווקייט פונעם סאָציאַלן מענטש. העלוועציוס, וועלכער איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פונעם סענסואַליזם, האָט אַפירמירט, אַז „שפּירן — מיינט דענקען‟. ער האָט אויך אָנגענומען די היפּאָטעזע, אַז די מענטשלעכע פּסיכיק איז אַ Tabula rasa [אַ גלאַטער טאָוול], אויף וועלכן די דערפאַרונג פאַרשרייבט אירע אויפווירקונגען. די דערציאונג בלויז פורעמט דעריבער אויס דעם מענטשן. העלוועציוס לייקנט יעטווידע ירושהדיקייט. דער מענטש שטרעבט בטבע שטענדיק צו גליקלעכקייט, צו איינגענעמע שפּירונגען, און מיידט אויס אומגליק, אומאיינגענעמע שפּירונגען. דער אינטערעס איז דעריבער דער וועגווייזער פאַר דער מענטשלעכער אויפפירונג. העלוועציוס האַלט, אַז בלויז דורכן מעגלעך מאַכן גליק פאַר אַנדערע, קען מען דערגרייכן אייגן גליק. די גרעסטע מאָס גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן איז דער געזעלשאַפטלעכער „אינטערעס‟, וואָס דאַרף זיין דער וועגווייזער פאַרן געזעצגעבער (פּלעכאַנאָוו). — ז. 19.

וו ו אָ ל ט ע ר, פראַנסואַ (1694—1778), איינפלוסרייכסטער און פּילזייטיקסטער שריפטשטעלער פון דער פראַנצויזישער „אויפקלערונג‟ אין אַכצנטן יאָרהונדערט, און דער קאָפּ פון די דעיסטן אין יענער צייט, להיפּוך צו רוסאָ'ן, וועלכער איז געווען דער וואָרטזאָגער פונעם קליינבירזערטום, איז וואָלטער געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דער אויפקומענדיקער גרויסבורזשואַזיע. זיין קאַמף אַנטקעגן

דער בלוטיקער קלאַסן-יוסטיץ פון זיין
צייט אין פראַנקרייך האָט געפונען אַן אָפּ-
קלאַנג אין גאַנץ אייראָפּע. ער האָט געפירט
אַ טויטלעכן קאַמף אַנטקעגן דער קאַטוילי-
שער קירך און אירע דאָגמען, אַנטקעגן
וועלכער ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַסע
אַנאָנימע סאַטירעס און פּאַמפלעטן. וואָל-
טער איז געווען דער געטרייסטער מיט-
אַרבעטער אין דער „ענציקלאָפּעדיע“. —
זז. 31, 55.

ט י ע ר, לואי אַדאָלף (1797—1877),
באַוווּסטער פּאָליטישער טוער און היס-
טאָריקער אין פראַנקרייך. אַ ביטערער
געגנער פון סאָציאַליזם. דער תליון פון
דער פּאַריזשער קאָמונע. — ז. 48.

ט י ע ר י, אַגיוסטען (1795—1856),
פראַנצויזישער היסטאָריקער פון דער רע-
סטאַווראַציע. אין זיינע היסטאָרישע אַר-
בעטן האָט ער אַדורכגעפירט דעם שטאַנד-
פּונקט פון קלאַסנקאַמף. אַזוי האָט ער,
למשל, די געשיכטע פון דער ענגלישער
רעוואָלוציע געשילדערט ווי דעם קאַמף פון
דער בורזשואַזיע מיט דער אַריסטאָקראַטיע.
אינאיינעם מיט גיזאָ'ן האָט ער, דורך דער
לערע וועגן קלאַסנקאַמף, ביז אַ געוויסן
גראַד צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אויס-
אַרבעטונג פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם
דורך מאַרקסן. — ז. 48.

י ו ם, דעיוויד (1711—1776), ענג-
לישער פילאָסאָף-סקעפּטיק און רעפּרעזענ-
טאַנט פון אַגנאָסטיציזם. האָט געהאַט אַ
גרויסן איינפלוס אויף די בלערליי אידעאַ-
ליסטישע טענדענצן אין דער בורזשואַזער
פילאָסאָפיע און נאַטור-וויסנשאַפט אין
נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
— זז. 7, 23, 24.

ל אַ מ אַ ר ק, זשאַן באַטיסט (1744—
1829), פראַנצויזישער נאַטוראַליסט, איי-
נער פון די וויכטיקסטע פאָרלויפערס פון
דאַרווינען. פאַרן הויפּט-פאַקטאָר פון עוואָ-
לוציע האָט ער געהאַלטן דעם איינפלוס פון
דרויסנדיקע באַדינגונגען אויפן אָרגאַניזם
און יענע איבונגען פון די אָרגאַנען, וועל-
כע ווערן אַרויסגערופן דורך דרויסנדיקע
באַדינגונגען. אָפּטע און כסדרדיקע באַ-
נוצונג פונעם אָרגאַן אַנטוויקלט אים און,
פאַרקערט ווידער, דאָס אויפהערן אים צו
באַנוצן פירט צו זיין אָפּשוואַכונג און אָפּ-
שטאַרבונג. אין לאַמאַרקס לערע ליגט
דעריבער די אידייע פונעם גלייכן צופּאַסן
זיך פונעם אָרגאַניזם צו דער סביבה. און
אָט דאָ גייט לאַמאַרק זיך פונאַנדער מיטן
דאַרוויניזם. דאַרווין לייקנט טאַקע נישט
אָפּ דעם איינפלוס פון דער דרויסנדיקער
סביבה, אָבער אינאיינעם דערמיט שטעלט
ער אַרויס דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב, לויט
וועלכן די פאַרענדערונג אינעם אויסזען
קומט פאָר נישט דורכן גלייכן צופּאַסן זיך
פון אַלע אָרגאַניזמען צו דער סביבה, נאָר
דורכן לעבן-בלייבן פון די בעסט צו-
געפּאַסטע. — ז. 28.

ל אַ מ ע ט ר, זשוליען אָפרעי (1709—
1751), איינער פון די באַדייטנדיקסטע
פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן
יאָרהונדערט. אינעם יסוד פון דער גאַנצער
עקזיסטענץ ליגט די סובסטאַנץ—מאַטעריע.
די גרונט אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע
זענען אויסשפּרייטונג, באַוועגונג און
שפּירונג. צווישן די פאַרשידענע אָביעקטן
אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין אַבסאָ-
ליוטע גרענעץ, נישט צווישן מענטש און
בעלי-חיים און אַפילו נישט צווישן מענטש
און געוויקסן. לויט לאַמעטרן איז דער
חילוק צווישן די אָביעקטן אין דער נאַטור,
דער חילוק בלויז אינעם שטאַפּל פון דער
אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע טיילעכ-
לעך. די מענטשלעכע נשמה מיינט דעם
מענטשנס פעאיקייט צו האָבן שפּירונגען,
וועלכע זענען דער מקור פון דער-
קענטעניש. אַ גרויסן איינפלוס אויפן
מענטשן האָט דאָס עסן, קלימאַט און דער-
ציאונג. לאַמעטר שטעלט אַוועק דאָס וויסן
הויך איבערן גלויבן, וועלכס ער רופט אָן
„טעמפּ און נישט שכלדיק.“ — ז. 27.

ל אַ נ ג ע, פרידריך אַלבערט (1825—
1875), דייטשישער פילאָסאָף, איינער פון
די ערשטע נעאָ-קאַנטיאַנער, אויטאָר פון אַ
צוויי-בענדיקער אַרבעט איבער דער געשיכ-
טע פונעם מאַטעריאַליזם, געשריבן פון אַ
קאַנטיאַנישן שטאַנדפּונקט. האָט אויך אָנ-
געשריבן אַ בוך „די אַרבעטער-פראַגע“.
— זז. 8, 16.

ל אָ ק, דזשאָן (1632—1704), ענג-
לישער פילאָסאָף און פּאָליטישער טעאָרעטי-
קער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס

אויף דער פראנצויזישער „אויפקלערונג". אין זיין פילאסאפיע איז לאק א מאטעריאליסט און עמפיריקער, וועלכער זעט אין דער דערפארונג דעם איינציקן קוואל פאר יעדער דערקענטעניש. פאליטיש איז לאק געווען דער אידעאלאגישער רעפרעזענטאנט פון דער האנדלס-בורזשואזיע און טעארעטיקער פון דער בורזשואזער רעוואלוציע. — ז. 19.

ל ו ט ע ר, מארטין (1483—1546), דייטשישער רעליגיעזער רעפארמאטאר. לוטער איז ארויסגעטרעטן אנטקעגן די דאגמען פון קאטוליציזם און די פויפסטן. די דורך אים געגרינדעטע לוטעראנישע קירך איז געווען ענג צונויפגעבונדן מיט דער וועלטלעכער מאכט. — ז. 55.

ל ע ו ו ע ר י ע, זשאן (1811—1877), בארימטער פראנצויזישער אסטראנאם. די מייסטע ווערק זיינע זענען געווידמעט דער אויספארשונג פון די פלאנעטארישע ארביטן. פארשנדיק דעם ארביט פונעם פלאנעט אוראנוס, האט ער דערוויזן די נויטווענדיקע עקזיסטענץ פון נאך א גרויסן פלאנעט, און אנגעוויזן זיין ארט אין הימל. לויט אט די אנווייזונגען האט גאלע אין 1846 אויסגעפונען א ביז דעמאלט אומבאקאנטן פלאנעט. דעם פלאנעט האט מען דערנאך א נאמען געגעבן נעפטון. — ז. 24.

מ א ל ע ש א ט, יאקאב (1822—1893), דייטשישער פיזיאלאג און פילאסאף-מאטעמאטיקער. לויט מאלעשאטן איז מאטעריע דער יסוד פון יעטווידער דערשיינונג אין דער נאטור. די פונדאמענטאלע אייגנשאפט פון מאטעריע איז באוועגונג. נישטא קיין שום „זאכן אין זיך". מיר דערקענען א זאך, ווען מיר דערקענען אירע אייגנשאפטן: די אייגנשאפטן פון זאכן דערקענען מיר דורכן עפעקט וואס די אייגנשאפט האט אויף אונדזערע חושים. די אייגנשאפטן פון מאטעריע זענען אומעטום איינע און די זעלבע. דאס ארגאנישע איז ארויסגעקומען אויס דעם אומארגאנישן. דענקען איז באוועגונג פונעם מארך. מאלעשאטס מאטעריאליזם איז געווען שוין צופיל סימפליפיצירט, און האט געטראגן א וולגארן כאראקטער. — ז. 26.

מ י נ י ע, פראנסוא אגיוסט (1796—1884), פראנצויזישער היסטאריקער פון דער רעסטאוראציע-עפאכע. מיניע איז געווען אן אנהענגער פונעם שטאנדפונקט פון קלאסנקאמף, וועלכער איז לויט זיין מיינונג די הויפט-פרוזשינע פון פאליטישע געשעענישן. אין זיין „געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע" (1824) האט מיניע זיך געשטעלט דעם ציל צו פארטיידיקן די רעוואלוציע. אינאיינעם מיט אנדערע היסטאריקער פון דער רעסטאוראציע-עפאכע האט מיניע מיט זיינע בליקן אויף דער ראל פון קלאסן-אינטערעסן און קלאסנקאמף צוגעגרייט דעם באדן פארן היסטארישן מאטעריאליזם. — ז. 48.

ע נ ט ע ר מ י י ע ר, טעאדאר (1805—1844), דייטשישער שריפטשטעלער. האט געגרינדעט אינאיינעם מיט רוגען „די דייטשע יארביכער". — ז. 18.

פ א ג ט, קארל (1817—1895), באקאנטער דייטשישער נאטוראליסט און בורזשואזער ראדיקאל. זיינע ספעציעלע ארבעטן זענען אויפן פעלד פון זאאלאגיע, געאלאגיע און אנטראפאלאגיע. פאגט איז געווען א מאטעריאליסט-נאטוריסט און אן אנהענגער פון דארווינען. בשעת דער רעוואלוציע פון 1848, איז פאגט ווי א ראדיקאל-דעמאקראט אפילו פארמשפט געווארן צום טויט. אין די פופציקער יארן שטעלט ער זיך שוין אויף דער זייט פון נאפאלעאן דעם דריטן. דאס אויפדעקן זיין אמתדיק פנים דורך מארקסעם פריינט גיט אים א גוטן תירוץ אנצופירן א העצקאמפאניע אנטקעגן מארקסן. מארקס ענטפערט אים מיט זיין בארימטן פאמפלעט „הער פאגט", וווּ ער גיט דארטן א העכסט איבערציינגדיקע כאראקטעריסטיק פון דער בורזשואזער דעמאקראטיע און פון איר רעפרעזענטאנט פאגט. דער מאטעריאליזם פאגטס טראגט א סימפליפיצירטן, וולגארן כאראקטער. — ז. 26.

פ י י ע ר ב א ך, לודוויג (1804—1872), דייטשישער פילאסאף, איז געווען פריער העגעלס אן אנהענגער און געווארן דערנאך א מאטעריאליסט און קריטיקער פון דער טראדיציאנעלער רעליגיע. פייערבאכס פילאסאפיע צעפאלט זיך אין צוויי פעריאדן: דער ערשטער ביז 1839 און

דער צווייטער פון 1839. אינעם ערשטן פּעריאָד איז פייערבאַך געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון העגעלס אידעאַליזם, וועלכער דרינגט אַדורך אַלע זיינע ווערק פון יענעם פּעריאָד. אינעם צווייטן פּעריאָד רייסט ער איבער מיטן העגעליאַניזם און ווערט אַ מאַטעריאַליסט. פייערבאַך וואַרפט־אָפּ העגעלס „אַבסאָלוטע אידייע" און שטעלט איר אַנטקעגן נאַטור און מענטש. פאַרשטייענדיק העגעלס פילאָסאָפיע ווי אַ שפּעקולאַטיווע פילאָסאָפיע, וועלכע האָט במילא שוין אַ שייכות צו טעאָלאָגיע, הייבט פייערבאַך אויף אַ קאַמף אַנטקעגן ביידע. אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער שפּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע איז געווען פייערבאַכס „וועזן פון קריסטנטום" (1841). וועגן פייערבאַכן האָט ענגעלס דערקלערט, אַז ער פורעמט אין טייל באַציאונגען דעם מיטלסטן רינג צווישן דער העגעלשער פילאָסאָפיע און דעם מאַרקסיזם. איז אָבער פייערבאַכס מאַטעריאַליזם בכלל גענומען געווען אַן אַבסטראַקטער מאַטעריאַליזם. אַ קריטיק איבער פייערבאַכס פילאָסאָפיע ווערט דאָ אַדורכגעפירט דורך ענגעלסן אין זיין ווערק „לודוויג פייערבאַך".

פּ ל ע כ אַ נ אָ ו, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש (1856—1918), באַגרינדער פון מאַרקסיזם אין צאַרישן רוסלאַנד, און איז אין זיין צייט געווען דער באַדייטנדיקסטער פילאָסאָף פון דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. כאָטש פּלעכאַנאָוו איז געווען אַ מענשעוויק, ווערן פּלעכאַנאָווס ווערק אַרויסגעגעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך דער רעגירונג, נאַטירלעך, און האָבן דאָרט אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג. זיינע ווערק שטודירט מען אויך אין די סאָוועטישע לערן־אַנשטאַלטן. איינער פון די גרויסע און טאַלאַנטפולע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער נאָך מאַרקסן און ענגעלסן, האָט פּלעכאַנאָוו באַרייכערט די מאַרקסיסטישע ירושה מיט איינגאַרטיקע פאַרשונגען און פאַרטיפונגען. — זז. 8, 18.

פּ ר ו ד אָ ן, פּיער זשאָזעף (1809—1865), פראַנצויזישער רעפּרעזענטאַנט פון קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פּויערישער פאַמיליע, וועלכע זענען געוואָרן פאַבריק־אַרבעטער. פּרודאָן איז תחילת געוואָרן אַ זעצער. מיט דער הילף פון זעלבסט־בילדונג איז ער דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. זיין ווערק „וואָס אַזוינס איז אייגנטום" (1840) האָט געהאַט אַן אומגעהייערן דערפאָלג, אַ דאַנק דער בייסיקער איראָניע און דעם געפיל פון אויפריכטיקן צאָרן, מיט וועלכע סע איז אין דעם בוך געווען דורכגעדרונגען די קריטיק פון „אייגנטום". מאַרקס האָט זיך מיט פּרודאָנען באַקענט אין 1844 אין פּאַריז. אין „די הייליגע פאַמיליע" האָט מאַרקס באַשיצט פּרודאָנען אַנטקעגן די אָנפאַלן פון דייטשישע פּובליציסטן. אָבער מאַרקס' פּאָזיטיווע באַציאונג צו פּרודאָנען האָט זיך געביטן, ווען פּרודאָן האָט אין זיין ווערק „די עקאָנאָמישע קאָנטראַדיקציעס אָדער די פילאָסאָפיע פון אָרעמקייט" באַשוימפּערלעכט קלאָר אַנטפּלעקט דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון זיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן. קריטיקירנדיק די בורזשואַזע געזעלשאַפט, האָט ער אין דער אייגענער צייט אידעאַליזירט דעם קליינעם אייגנטימער, פון וועלכן סע וואַקסט כסדר אַרויס דער גרויס־קאַפּיטאַליסט. פּרודאָן האָט געוואָלט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירכוחות אָבער אָן די קאָנטראַדיקציעס, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַפּיטאַליסטישן פּראָגרעס. די רעאַליזירונג פון אָט דעם ציל האָט ער דערוואַרט נישט דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און דער סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע, נאָר דורך דער פאַראייביקונג פון די קליינע פּראָדוצירערס, באַלמעלאָכעס און פויערן אויפן יסוד פון „מוטואַליזם". דערפון זיין אוטאָפּישער פּראָיעקט פון אַן „אויסטויש באַנק" און „אומזיסטן קרעדיט". אויפן פּאָליטישן פעלד האָט זיך פּרודאָן געהאַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף באַקונינען. אינעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן מאַרקס און ענגעלס געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די פּרודאָניסטן אינעווייניק אינעם אינטערנאַציאָנאַל. — ז. 40.

פּ ר י ס ט ל י, דזשאָזעף (1733—1804), ענגלישער וויסנשאַפטסמאַן און פילאָסאָף. פּריסטלי האָט אַנטדעקט דעם אָקסידזשען [זויערשטאָף] און אַזאָט [שטיקשטאָף], און געשריבן אַ ווערק וועגן עלעקטריע. אין דער פילאָסאָפיע איז פּריסטלי געווען אַ מאַטעריאַליסט. אינעם יסוד פון דער עקזיסטענץ ליגט, לויט זיין מיינונג,

די מאַטעריע, וועלכע פאַרמאָגט די אייגנשאַפט צו שפּירן און דענקען. פּריסטלי איז געווען אַ דעטערמיניסט. — ז. 27.

**קאַלווין**, זשאַן (1509—1564), באַגרינדער פון אַ באַזונדערער ריכטונג אין דער רעפאָרמאַציע-באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דער פּראָגרעסיווער שטעטישער בורזשואַזיע. דער קאַלוויניזם איז צום מיינסטן געווען פאַרשפּרייט אין די אַנטוויקלטע שטעט פון דרום-פראַנקרייך (דאָרט האָבן די קאַלוויניסטן געהייסן הוגענאָטן), אין דער שווייץ, אין האָלאַנד און אין ענגלאַנד. — ז. 55.

**קאַנט**, אימאַנועל (1724—1804), ערשטער באַדייטנדיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער קלאַסישער דייטשישער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, איז תחילת געווען אונטערן איינפלוס פון דער אויפקלערערישער פילאָסאָפיע פונעם 18טן יאָרהונדערט. אין זיינע נאַטורוויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט ער זיך דערנעענטערט צום מאַטעריאַליזם. אַנטוויקלענדיק ווייטער ניוטאָנס פּרינציפּן שטעלט קאַנט אויף די טעאָריע פון דער קאָסמישער אַנטוויקלונג, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די קאַנט-לאַפּלאַס טעאָריע". אינעם יאָרצענדליק פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פּובליקירט קאַנט זיינע וויכטיקסטע ווערק, וועלכע מאַכן אים פאַרן באַגרינדער פון דער אַזוי-גערופענער „קריטישער פילאָסאָפיע". אין אָט די ווערק זיינע פאַרנעמט זיך קאַנט מיט דער אויספאָרשונג פון דער דערקענטעניש, ווילן און אורטייל. קאַנט קריטיקירט די פאָרמעלע לאָגיק, וועלכע ליגט אינעם יסוד פון דער „אויפקלערונג פילאָסאָפיע", און דערוויזט, אַז אונדזער דערקענטעניש פון דער וועלט איז דורכגעדרונגען מיט קאָנטראַדיקציעס (קאַנטס „אַנטינאָמיעס"). די דאָזיקע אַנטינאָמיעס וואָרצלען נישט אינעם סתירותדיקן, דיאַלעקטישן כאַראַקטער פון דער וועלטס אַנטוויקלונג, נאָר אין דער באַגרענעצטקייט פון אונדזער „איך", וועלכער איז נישט אימשטאַנד אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן פון דער דערפאַרונג. מיר זעען דעריבער די זאַכן נישט ווי זיי זענען באמת (די „זאַך אין זיך" איז לויט קאַנטן אוממעגלעך צו דערקענען), נאָר ווי זיי ווייזן זיך אונדז אויס. די לייזונג פון אָט די קאָנטראַדיקציעס ליגט, לויט קאַנטן, אויף יענער זייט פון די גרענעצן צום דערקענען „זאַכן אין זיך". וויסן עפּעס מער וועגן דעם איז אוממעגלעך, בלייבט בלויז דער גלויבן. מאַרקס האָט קאַנטס פילאָסאָפיע אָנגערופן „די דייטשישע טעאָריע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע". די האַלבקייטן אָבער פון דער קאַנטיאַנישער פילאָסאָפיע האָבן זייער אָפט געמאַכט זי פאַרן באַליבטן כלי-זיין פון דער פילאָסאָפישער רעאַקציע. נישט איינמאָל האָבן די רעוויזיאָניסטן געפּרוווט פאַרדרייען דעם מאַרקסיזם דורכן פאַראייניקן אים מיט קאַנטס פילאָסאָפיע, וועלכע שטייט כלומרשט העכער סיי פונעם מאַטעריאַליזם און סיי פונעם אידעאַליזם. — זז. 23, 24, 25, 28, 30, 39.

**קאָפּ**, הערמאַן (1817—1892), דייטשישער כעמיקער. זיין הויפּט-אַרבעט איז „די געשיכטע פון כעמיע" (1843). — ז. 34.

**קאָפּערניקוס** (1473—1543), באַרימטער אַסטראָנאָם און געלערנטער, האָט דער ערשטער אין זיין ווערק „דאָס דרייען זיך פון די הימלישע קערפּערס" אַרויסגערוקט די היפּאָטעזע, אַז די פּלאַנעטן דרייען זיך אַרום דער זון. פון אָט דער „היפּאָטעזע" איז דערנאָך אַרויסגעקומען דער וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטער העליאָצענטרישער סיסטעם פון דער וועלט. — ז. 24.

**ראָבעספּיער**, מאַקסימיליאַן (1758—1794), איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַ מיטגליד פון דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג און פון קאָנווענט. פירער פון יאַקאָבינישן קלוב, פאַקטישער הויפּט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין יענעם פּעריאָד ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן געשלאָגן הויך. מיט זיין פאַלן און באַלד דערנאָך זיין גיליאָטינירט ווערן, הייבט זיך אָן די רעאַקציע. — ז. 34.

**רוגע**, אַרנאָלד (1802—1880), דייטשישער פילאָסאָף, שריפטשטעלער און ראַדיקאַלער פּאָליטיקער. לינקער העגעליאַנער, גרינדער פון זשורנאַל „האַלעשע יאַרביכער" און „דייטשע יאַרביכער". רוגע

חאָט גענומען אַן אַקטיוון אייגטייל אין דער דייטשישער רעוואָלוציע אין 1848. אַנטלאָפן דערנאָך קיין לאָנדאָן. אין די זעכציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַן אַנהענגער פון ביסמאַרקס אינערלעכער פּאָליטיק. — ז. 18.

ר ו ס אָ, זשאַן זשאַק (1712—1778), אינאיינעם מיט וואָלטערן דער באַדייטנדיקסטער און איינפלוסרייכסטער שריפטשטעלער און פילאָסאָף אין פראַנקרייך פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע. ווי וואָלטער איז אויך רוסאָ געווען אַ דעיסט. רוסאָ האָט אין זיינע ווערק געפּרעדיקט די נויטווענדיקייט צו לעבן אין הסכם מיט דער נאַטור, וואָרעם קולטור האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרניכטנדיקן איינפלוס אויפן מענטשן. אַקעגן דעם היינט שטעלט ער אַוועק דעם נאַטור-צושטאַנד אין וועלכן סע האָט געהערשט גלייכהייט און פרייהייט. דער אויפקום פון אייגנטום איז די סיבה פון אומגלייכהייט צווישן מענטשן. אין זיין באַרימטן ווערק „סאָציאַלער קאָנטראַקט" (1762), זאָגט רוסאָ אַרויס דעם געדאַנק, אַז דורך אַ געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך וואָלט מעגלעך געווען צו באַשאַפן אַזאַ געזעלשאַפט אין וועלכער יעטווידער יחיד, פאַראייניקנדיק זיך מיט אַלע, וואָלט אין דער אייגענער צייט געקענט זיין פריי. יעדער רעגירונג דאַרף זיך האַלטן אויף דער צושטימונג פון די רעגירטע. דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז דאָס וואוילזיין פונעם יחיד. אין זיין צווייטן וויכטיקן ווערק „עמיל" האָט רוסאָ געלייגט דעם יסוד פאַר דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. זיין באַרימט אויטאָ-ביאָגראַפיש ווערק „קאָנפעסיעס" האָט רוסאָ געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און איז אַרויס ערשט נאָך זיין טויט. רוסאָ האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף זיין צייט און אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. — ז. 81.

ר ע נ אַ ן, ערנסט (1823—1892), פראַנצויזישער פילאָלאָג און היסטאָריקער. צום מייסטן באַקאַנט איז זיין בוך „דאָס לעבן פון יעזוסן". די כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין זיינע ווערק זענען עקסטרעמער סוביעקטיוויזם און דאָס מאָדערניזירן פונעם פּרימיטיוון קריסטנטום. לויט זיינע פילאָסאָפישע איבערצייגונגען איז ער אַ פּאָזיטיוויסט. — ז. 40.

ש ט י ר נ ע ר, מאַקס [פּסעוודאָנים פון קאַספּאַר שמידט] (1806—1856). שטירנערס פילאָסאָפיע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער יונג-העגעליאַנישער שול. דער אויסגאַנג-פּונקט פון זיין פילאָסאָפיע איז די פּערזענלעכקייט, דער „איך". דער „איך" איז די מאָס פאַר אַלצדינג און איז אַלץ. שטירנערס סאָציאַלע לערן שטעלן מיט זיך פאָר די פילאָסאָפיע פונעם קליינבירגערלעכן אַנאַרכיסטישן אינדיווידואַליזם. מאַרקס און ענגעלס האָבן שטירנערן אונטערגעוואָרפן אונטער אַ שאַרפער קריטיק אין זייער ווערק „דער הייליקער מאַקס", וואָס איז אַ טייל פון זייער „דייטשע אידעאָלאָגיע". — זז. 19, 40.

ש ט ר אַ ו ס, דאַוויד פרידריך (1807—1874), דייטשישער שריפטשטעלער און לינקער העגעליאַנער. זיין בוך „דאָס לעבן פון יעזוסן" האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף זיינע צייט-חברים. אין יעזוסן זעט ער נישט קיין גאָט, נאָר אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט בלויז, און די עוואַנגעלישע מעשיות — מיטאָסן בלויז. — זז. 18, 20, 40.

ש י ל ע ר, פרידריך (1759—1805), באַרימטער דייטשישער פּאָעט. — ז. 31.